STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09901

DR. YOSEF HAZANOVITSH

D. Klementinowski

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דוד קלעמענטינאָווסקי

דר. יוסף האַזאַנאָוויטש

דער אידעאַליסט, נאַציאָנאַליסט און פאָלקסמענטש

אַרויסגעגעבן פון דער

ביאַליסטאָקער היסטאָרישער געזעלשאַפט, ניו־יאָרק

1956

DR. JOSEPH CHAZANOWICZ

(Biography)

By David Klementinowski

Copyright, 1956 *by*
DAVID KLEMENTINOWSKI
451 Kingston Avenue, Brooklyn, N. Y.

Printed in the U.S.A. by
SHULSINGER BROS. LINOTYPING AND PUBLISHING CO.
21 EAST FOURTH STREET, NEW YORK 3, N. Y.
253

ד״ר יוסף חאַזאַנאָוויטש
(פון דער שבדרון־זאַמלונג, ירושלים)

אינהאַלט

אַ וואָרט פון מחבר 7

אַריינפיר פון פּראָפעסאָר זעליג פּערלמאַן . . . 9— 10

קאַפּיטל איינס — זיינע קינדער-יאָרן . . . . . . 11— 13

זיין טאַטע־מאַמע. — ביי זיין זיידן אין רוסאָטע. — זיין עלטער־עלטער־זיידע ר׳ הירש חסיד.

קאַפּיטל צוויי — זיינע יוגנט-יאָרן . . . . . . 14— 18

די ערשטע שריט. — דער סקאַנדאַל אין גימנאַזיע. — אין קעניגסבערג. — אין בערלין. — צוריק אין רוסלאַנד. — זיין ערשטע דאָקטער־פּראַקטיק אין גראָדנע. — ער באַזעצט זיך אין ביאַליסטאָק.

קאַפּיטל דריי — זיין פאַמיליען-לעבן . . . . . 19— 24

ער האָט חתונה מיט פרידאַ ווילבושעוויטש. — זי נעמט זיך דאָס לעבן. — ער זוכט טרייסט אין סאָציאַלער און נאַציאָנאַלער אַרבעט. — זיין פּשוטער אופן לעבן. — דר. שמריהו לעווין שילדערט זיין וויזיט ביי חאַזאַנאָוויטשן.

קאַפּיטל פיר — חאַזאַנאָוויטש דער פאָלקס-דאָקטער 25— 37

אין שפּיטאָל. — זיין קאָנפליקט מיט די גבאים — זיינע אייגנאַרטיקע מעדיצינישע מעטאָדן. — עפּיזאָדן וועגן זיינע וויזיטן ביי קראַנקע.

קאַפּיטל פינף — דער פּיאָניר פון חיבת-ציון . . . 38— 43

ווי „חובבי־ציון" איז געגרינדעט געוואָרן אין ביאַליסטאָק. — די גרינדער און די ערשטע גבאים. — די השפּעה פון די „חובבי־ציון" אין שטאָט. — דר. חאַזאַנאָוויטש בראש פון דער חברה. — אַדאַנק „חובבי־ציון" ווערט ר׳ שמואל מאָהי־לעווער ר״ב אין ביאַליסטאָק. — חאַזאַנאָוויטשעס ערשטע

רײזע קײן ארץ־ישראל. — ער װערט פֿאַרהאַלטן אויף קאַ־
ראַנטין אין סמירנא. — אויף דער קאַטאָװיצער אסיפה. —
אויפֿן אָדעסער צוזאַמענפֿאָר. — אין ארץ־ישראל.

קאַפּיטל זעקס — די יידישע נאַציאָנאַל־ביבליאָטעק אין ירושלים — זײן לעבנס־װערק . . . . 44—71

אין ארץ־ישראל לײגט ער דעם יסוד פֿון זײן פּלאַן. — די
ראָטשילד־ביבליאָטעק. — די מאָנטעפֿיאָרע־ביבליאָטעק. —
די ביבליאָטעק „מדרש אברבנאל”. — חאַזאַנאָװיטש שיקט
דעם ערשטן ביכער־טראַנספּאָרט. — „מדרש אברבנאל וגנזי
יוסף”. — שמעון דובנאָװס בריװ צו חאַזאַנאָװיטשן. —
מ. נ. סירקין װעגן חאַזאַנאָװיטשן. — זײן ביבליאָמאַניע
און אַנטדעקאָטן אַרום דעם. — חאַזאַנאָװיטשעס מקורבים און
העלפֿערס. — חאַזאַנאָװיטשעס אַנטװישונג און פֿאַרדרוס. —
זײן אויפֿרוף פֿון יאָר 1903. — זײן „דבר על העם העברי”
פֿון יאָר 1913. — נח פּרילוצקי װעגן דר. חאַזאַנאָװיטשן. —
דער מור האָט זײן פֿליכט געטאָן, דער מור קאָן גײן. —
די ביבליאָטעק גײט אַריבער אין רשות פֿון דער ציוניס־
טישער אָרגאַניזאַציע. — זי װערט אַ טײל פֿון דער העברע־
אישער אוניװערסיטעט. — חאַזאַנאָװיטשעס װיזיע װערט
מקוים. — די יידישע נאַציאָנאַל־ביבליאָטעק איצט.

קאַפּיטל זיבן — חאַזאַנאָװיטש דער ציוניסט . . 72—83

דר. חאַזאַנאָװיטש דעלעגאַט צום צװײטן קאָנגרעס. — אונ־
טער דער השפּעה פֿון דר. הערצל. — חאַזאַנאָװיטש, דער
יאַ־זאָגער. — דר. הערצל װעגן חאַזאַנאָװיטשן אין זײן
שלום־רעדע אויפֿן זעקסטן קאָנגרעס. — חאַזאַנאָװיטש גע־
זעגנט זיך מיט הערצלען. — אַנטדעקאָטן און קוריאָזן.

קאַפּיטל אַכט — דר. חאַזאַנאָװיטש און דער „לינת־הצדק” . . . . 84—90

ר׳ מאיר שוחט, דער אויגן־מומחה. — בעת זײן לויה װערט
געגרינדעט דער „לינת הצדק”. — חאַזאַנאָװיטש — ערשטער
פֿאָרזיצער. — דער מנין „אוהל משה”. — די ביאַליסטאָקער
מיטגלידער פֿון „בני משה”. — יהושע־העשל קלעמענטי־
נאָװסקי, סעקרעטאַר פֿון „חובבי־ציון”, נעמט איבער די
פֿאַרװאַלטונג פֿון „לינת־הצדק”. — דער אויפֿשטײג פֿון
„לינת־הצדק”. — אינטריגעס קעגן דר. חאַזאַנאָװיטש, קעגן
„לינת־הצדק” און זײנע געטרײע באַאמטע. — אַ דאָקטוירים־
שטרײק אין „לינת־הצדק”.

קאַפּיטל ניין — זיין כאַראַקטער און לעבנס־שטריכן 91—101

א. דער גראַנאַווסקי־סקאַנדאַל

דער אַנטיסעמיטישער דאָקטאָר גראַנאַווסקי. — ער רעכנט זיך אָפּ מיט אַ אידיש אינגל. — דר. חאַזאַנאָוויטש נעמט זיך אָן דעם אינגלס קריוודע. — ער ווערט דערפאַר אַרויסגעשיקט פון ביאַליסטאָק. — ער פּראַוועט גלות אין לאָדז. — צוריק אין ביאַליסטאָק.

ב. חאַזאַנאָוויטש האָט פיינט משומדים

קאָנסטאַנטין שפּירא, דער משורר און משומד. — ער וויל מבקר חולה זיין ר׳ שמואל מאָהילעווער און חאַזאַנאָוויטש דערלאָזט עס ניט. — שפּיראַ׳ס אייגנאַרטיקע מצבה.

קאַפּיטל צען — זיין פּאָפּולאַריטעט . . . . . . 102—104

דר. שמריהו לעווין וועגן דער פּערזענלעכקייט פון חאַזאַנאָוויטשן. — אַ פּאָר אַנעקדאָטן וועגן דעם ווי פּאָלקסטימלעך ער איז געווען. — חאַזאַנאָוויטש ווערט קראַנק. — קלאַנגען אין שטאָט, אַז ער איז געשטאָרבן. — די שטימונג אין שטאָט. — מיטגעפיל פון נאָענט און ווייט.

קאַפּיטל עלף — דער טראַגישער סוף פון זיין לעבן . 105—111

חאַזאַנאָוויטש פאַרלאָזט ביאַליסטאָק. — אין יעקאַטערינאָסלאַוו. — די ציוניסטן העלפן אים. — די קוזינע וויל פון אים פּטור ווערן. — חאַזאַנאָוויטש אין שפּיטאָל פאַר גייסטיק־קראַנקע. — אין מושב־זקנים. — פון אַ קלאַפּ פון אַ שיכורן אידן שטאַרבט ער. — זיין לויה אין רעכטן ברען פון בירגער־קריג. — די ערשטע ידיעה וועגן זיין טויט. — דער קבר אין יעקאַטערינאָסלאַוו אָן אַ מצבה. — די מאָנומענטן נאָך אים אין ביאַליסטאָק ניטאָ מער. — די אייביקע מצבה, וואָס ער האָט זיך געשטעלט ביי זיין לעבן.

הוספות

הוספה א . . . . 115—118

דברים אחדים בדבר בית הספרים שבירושלים, אידישע איבערזעצונג.

הוספה ב . . . . 119—130
דבר על העם העברי, אידישע איבערזעצונג.

הוספה ג 131
אָריגינאַל בריוו פון ביאַליסטאָקער קאָמיטעט פאַר דער נאַציאָנאַל־ביבליאָטעק אין ירושלים צו מ. מ. אוסישקין (פאָטאָסטאַט — העברעאיש).

הוספה ד . . . . 132—133
אָריגינאַל בריוו פון „מדרש אברבנאל וגנזי יוסף" אין ירו־שלים צו דר. טעאָדאָר הערצל, פרעזידענט פון ציוניסטישן אַקציאָנס־קאָמיטעט, וויען (אין דייטש — פאָטאָסטאַט).

ביבליאָגראַפיע . . . . 134—135

זוכצעטל פון פּערזאָנען . . . . 137—140

בילדער און רעפּראָדוקציעס

דר. יוסף חאַזאַנאָוויטש (פון דער דר. שבדרון קאָלעקציע, ירושלים)

דר. יוסף חאַזאַנאָוויטש (פון ספר השנה, 1901)

די מקורבים פון דר. חאַזאַנאָוויטש: ליטמאַן ראָזענטאַל, יהושע־העשל קלע־מענטינאָווסקי און א. ש. הערשבערג

דר. חאַזאַנאָוויטש אויף דער קאַטאָוויצער אסיפה, 1884

דר. חאַזאַנאָוויטש אויף דעם אָדעסער צוזאַמענפאָר, 1890

די נאַציאָנאַל ביבליאָטעק „בית נאמן וגנזי יוסף", ירושלים (אַלטער בנין)

די אידישע נאַציאָנאַל ביבליאָטעק, ירושלים אויפן הר הצופים

דר. חאַזאַנאָוויטש אין דער פאַרוואַלטונג פון לינת הצדק, ביאַליסטאָק (1906־1907)

חתימות פון די גרינדער פון „חובבי ציון" אין ביאַליסטאָק (1882)
(פון דער שבדרון־קאָלעקציע, ירושלים) זייט 40

אַ בריוו צו האחים צוקערמאַן (וואַרשע) מיט דער אונטערשריפט פון דר. חאַזאַנאָוויטש, זייט 54
(פון אגרות סופרים עברים, דר. מ. ז. רייזין, ברוקלין, נ. י.)

בריוו (דייטש) צו פּראָפ. וואַרבורג מיט חאַזאַנאָוויטשעס אייגענער האַנט געשריבן
(פון ציוניסטישן צענטראַל אַרכיוו, ירושלים) זייט 65

אַ וואָרט פון מחבר

עס איז 36 יאָר ווי דר. חאַזאַנאָוויטש איז געשטאָרבן, און קיין מצבה איז ניטאָ אויף זיין קבר. די אידישע קהילה אין יעקאַטערינאָ־סלאַוו, וואו ער איז באַגראָבן, האָט אים די מצבה ניט געקאָנט שטעלן מחמת בירגער־קריג און רעוואָלוציע. אפשר וועט מען קיינמאָל ניט מער דערקענען אפילו דעם פּלאַץ, וואו זיינע ביינער געפינען זיך. זאָל דאָס בוך זיין ד ע ר ו ו י ל די מצבה, וואָס ניט נאָר זיינע ביאַ־ליסטאָקער אידן, נאָר דאָס אידישע פאָלק איז אים שולדיק.

אמת, אַ גרויסער מאָנומענט, צו וועלכן דר. חאַזאַנאָוויטש האָט מיט 66 יאָר געלייגט דעם יסוד, און וועלכן ער האָט זיין גאַנצן לעבן לאַנג געהאָלפן בויען, שטייט אין ירושלים. אָט דער פּראַכטפולער מאָנו־מענט — די אידישע נאַציאָנאַל־ביבליאָטעק אין ירושלים — איז ביי היינטיקן טאָג איינער פון די שענסטע מאָנומענטן, וואָס דאָס אידישע פאָלק פאַרמאָגט. אָבער ווייניק זייער ווייניק אידן און נאָך ווייניקער דער יונגער דור ווייסן נאָך איצט, ווער דער פאַקטישער גרינדער פון דער נאַציאָנאַל־ביבליאָטעק איז געווען.

זאָל דאָס בוך אָפּפרישן און פאַר אַ געוויסע צייט האַלטן לעבעדיק די געשטאַלט, דעם וועזן און די כאַראַקטער־שטריכן פון דער קאָליר־פולער פערזענלעכקייט — דר. יוסף חאַזאַנאָוויטש.

עס זיינען אַסך אַרטיקלען געשריבן געוואָרן וועגן אים. אַסך לע־גענדעס און אַנעקדאָטן זיינען דערציילט געוואָרן אין שייכות מיט זיין אויסטערלישער אויפפירונג און אופן פון לעבן. איך האָב זיך באַמיט צונויפצוזאַמלען דעם מאַטעריאַל און פאַרעפנטלעך אַלץ, וואָס איז מיר געלונגען אויפן סמך פון דאָקומענטן פעסטצושטעלן און וואָס האָט געהאָלפן אויסצומאָלן זיין בילד, ווי ער איז אין דער אמתן געווען.

ווען איך בין אַלט געווען 9 יאָר האָט דר. חאַזאַנאָוויטש געראַטע־וועט מיין לעבן. איך בין געווען קראַנק אויף אַ שטאַרקער לונגען־אָנ־צינדונג, און די אַלטע ביאַליסטאָקער דאָקטוירים, פּין, באַמאַש און

פלאטע, האָבן מיר שוין געהאַט אָפּגעזאָגט דעם לעבן. חאַזאַנאָוויטש האָט ניט געוואָלט אויפגעבן די האָפנונג און אויספּראָבירט די לעצטע און שטאַרקסטע מיטלען. ער האָט אין זיין עקשנות אָפּגעהאַלטן אַ נצחון איבער דעם מלאך־המות, וואָס איז געשטאַנען איבער מיר און מיך שוין פאַררעכנט פאַר זיין קרבן. צום ד אָ ק ט אָ ר חאַזאַנאָוויטש האָב איך מיין גאַנצן לעבן געפילט אַ דאַנקבאַרקייט.

ווען איך בין געווען נאָך אַ יונגער בחור און אָנגעשריבן צווישן אַנדערע אַן אַרטיקל אין העברעאיש וועגן דר. חאַזאַנאָוויטש, האָב איך אין דעם אַרטיקל שוין געפּרוּווט צו אַנאַליזירן זיין טשיקאַווע פּערזענלעכקייט, וועלכע איך האָב שוין דענסטמאָל פאַרשטאַנען אָפּצושאַצן. איך האָב אַ נאָמען געגעבן דעם אַרטיקל „איש הרוח", וואָס האָט אַ צווייזייטיקע באַדייטונג (גייסט און ווינט).

אין 1906, אַ פּאָר וואָכן איידער איך האָב פאַרלאָזן ביאַליסטאָק און אָפּגעפאָרן קיין דייטשלאַנד צו שטודירן, האָט דר. חאַזאַנאָוויטש מיך איינמאָל אָפּגעשטעלט אַנטקעגן זיין וואוינונג, אויפן פּלאַץ לעבן דער „שיסל", און זאָגט צו מיר:

„דו ביסט דאָך פון די „פּועלי־ציון"... זעט שאַפט עפּעס אין ארץ ישראל... טוט עפּעס ממשותדיקס... גיט זיך אָפּ ווייניקער מיט דער רעוואָלוציע דאָ.. בויט עפּעס דאָרט... בויט אַ מושב זקנים... בויט אַ היים פאַר יוגנט... בויט עפּעס..."

* * *

איך באַנוץ די געלעגנהייט אויסצודריקן מיין האַרציקן דאַנק צו דר. שבדרון אין ישראל, דער אָנפירונג פון ציוניסטישן צענטראַלן אַרכיוו און פון דער נאַציאָנאַל־ביבליאָטעק אין ירושלים, פאַר די צוגעשיקטע בילדער און דאָקומענטן (פאָטאָ־פילם) און אויך מיין ליבן פריינט דר. יצחק ריווקינד פון אידישן טעאָלאָגישן סעמינאַר, ניו־יאָרק, פאַר זיינע וויכטיקע ביבליאָגראַפישע אינפאָרמאַציעס.

דוד קלעמענטינאָווסקי

דעצעמבער 1955, ניו־יאָרק.

ד״ר יוסף חאַזאַנאָוויטש

אַרײַנפֿיר

דר. יוסף חאַזאַנאָוויטש איז בלי ספק די מערקווירדיקסטע אידישע פערזענלעכקייט, וואָס די אידישע ביאַליסטאָק האָט אין יענער עפּאָכע פאַרמאָגט און דוד קלעמענטינאָווסקיס אָפּשאַצונג און לעבנסגעשיכטע פון דר. חאַזאַנאָוויטש איז אַ העכסט געלונגענע אינטעגראַציע פון שילדערן אַ יחיד און זיין סביבה, וועלכע האָט געהאַט אין זיך אַלץ, וואָס די אידישע קולטור אין מזרח־איראָפּע — אין מאַטעריעלן ווי אין גייסטיקן זין — האָט פאַרמאָגט: אַ דינאַמישע אינדוסטריע, אַ העכסט רייכע טראַדיציע פון לומדות, אַ לעבהאַפטן אָפּרופן זיך אויף די מאָדערנע אידייען פון נאַציאָנאַליזם, ציוניזם און אַרבעטער באַוועגונג אין אַלע אירע פאָרמען.

קלעמענטינאָווסקי גיט אַ קאַלירפול בילד פון חאַזאַנאָוויטש דעם פאָלקסמענטש, וואָס האָט זיין לעבן לאַנג געשטרעבט צו זיין אינאיינעם מיט די פשוטע אידן און צו העלפן זיי מיטן גאַנצן האַרצן אין זייערע ביטערע נויטן. עס האָט אים געפעלט די אויסערלעכע סענטימענטאַליטעט און ער האָט פאַרמאַסקירט זיין גוטסקייט און איבערגעבנקייט צו מענטשן דורך זיין אויסערלעכן בייזערן זיך אויף די צו וועלכע זיין מיטלייד איז געווען אַזוי גרויס.

אין קלעמענטינאָווסקיס שילדערן דר. חאַזאַנאָוויטשן אַלס ציוניסט און אַלס דער פּאַקטישער גרינדער און אויפבויער פון דער נאַציאָנאַל ביבליאָטעק אין ירושלים האָב איך געפונען אַסך פאַקטן, וועלכע זיינען פאַר מיר געווען גאַנץ ניי.

אין אונזער צייט פון אַנטוישונגען איז עס אַן אמתער נחת־רוח צו ווערן געבראַכט אַזוי נאָענט צו יענער עפּאָכע, ווען מענטשן ווי דר. חאַזאַנאָוויטש האָבן מיט זייער גאַנצער נשמה געגלויבט אין זייערע אידעאַלן, געהאָלפן זיי צו רעאַליזירן און זיינען ניט אָפּגעקומען נאָר מיט רעדן וועגן זיי.

אויף מיר האָט געמאַכט אַ געוואַלטיקן איינדרוק דאָס בילדל, ווען חאַזאַנאָוויטש געזעגנט זיך מיט זיין איזוואָזטשיק פאַרן אַוועקפאָרן קיין באַזעל, ווי ער האָט אים אַרומגענומען ווי אַ פריינט — אַן אמתער סימבאָל פון ריכטיקער דעמאָקראַטיע, פון „כל ישראל חברים” געפיל.

איך האָב ליב זיך צו דערמאָנען, ווען דוד קלעמענטינאָווסקי איז געוואָרן בר־מצוה. ביי דעם יום־טוב בין איך אַלס זיין יוגנט חבר געווען אָנוועזנד. דר. חאַזאַנאָוויטש איז געווען צווישן די געסט, וואָס זיינען געקומען אָפּגעבן כבוד און זיך באַטייליקן אין דער שמחה פון דודס פאָטער, אויף וועמעס פּלייצע עס איז דעמאָלט געלעגן די גאַנצע פאַרצווייגטע טעטיקייט פון דער ביאַליסטאָקער דעמאָקראַטישסטער אינסטיטוציע „לינת הצדק”. איך זע, ווי עס וואָלט איצט געווען, ווי דר. חאַזאַנאָוויטש דערלאַנגט דודן זיין בר־מצוה מתנה, אַ הגדה, איינע פון זיינע הונדערטער געזאַמלטע הגדות. דאָס איז געווען, ווי איך זי איצט, אַ מתנה צו דעם קומענדיקן ביאָגראַפער זיינעם, וואָס וועט אַ האַלב יאָרהונדערט שפּעטער פאָרשן און פאַרעפנטלעכן זיין, דר. חאַזאַ־נאָוויטשעס לעבנסגעשיכטע און געבן אַן אָפּשאַצונג פון זיין סאָציאַלער און נאַציאָנאַלער טעטיקייט און דערמיט שטעלן אים די מצבה, וועלכע ער האָט פאַרדינט.

פּראָפעסאָר זעליג פּערלמאַן

קאַפּיטל איינס

זיינע קינדער־יאָרן

יוסף חאַזאַנאָוויטש איז געבוירן געוואָרן אין גראָדנע (רוסלאַנד) דעם 22־טן אָקטאָבער, 1844 (כ״א מר׳חשון, תר״ה).[1]

זיין מוטער מלכה איז געשטאָרבן, ווען ער איז נאָך געווען אַ קינד. זיין פֿאָטער אהרן איז געווען אַ איד אַ למדן און אַ משכיל. ער האָט געקענט רוסיש, האָט באַהערשט העברעאיש, האָט געפּרוּווט שרייבן העברעאישע שירים, האָט געהאַט אַ ביסל וועלטלעכע ידיעות, אויך געקאָנט שפּילן פֿידל. נאָכן טויט פֿון זיין פֿרוי מלכה האָט אהרן חאַזאַ־נאָוויטש נישט מער חתונה געהאַט און איז זעלטן געווען אין דער היים, ווייל ער איז כמעט שטענדיק געווען אויף שטעלעס ביי יענעם און נישט אין גראָדנע גופא. ער האָט דערפֿאַר זיך ניט געקאָנט אַליין אָפּגעבן מיט אויפֿהאָדעווען זיין קינד און האָט אַוועקגעגעבן דעם קליינעם יוסף צו זיינע עלטערן, זיי זאָלן אים דערציען.

אהרן׳ס פֿאָטער, יוסף׳ס זיידע, צבי הירש האָט געהאַט אַן אכסניא פֿאַר פּריצים אין דאָרף רוסאָטע, ניט ווייט פֿון גראָדנע. ווען מען האָט לויטן „אוקאַז” פֿון ניקאָלאַי דעם ערשטן, אַרויסגעטריבן די אידן פֿון די דערפֿער אין גראָדנער גובערניע[2]), האָט צבי־הירש מיט זיין פֿרוי און דריי זין מיט זייערע משפּחות, אהרן בתוכם, זיך אַריבערגעקליבן אין שטאָט גראָדנע. ער האָט דאָרט ווייטער געפֿירט זיין אכסניא, וואו עס פֿלעגן אַריינקומען די פּריצים פֿון די אַרומיקע דערפֿער און הויפֿן. ער איז געווען ביי אַלעמען זייער באַליבט. זיין הויז איז געווען אָפֿן

1) אין אייניקע אַנדערע מקומות איז זיין געבורט־אָרט אָנגעגעבן גאָניאָנדז, גראָדנער גובערניע. דאָס דערקלערט זיך דערמיט, וואָס אין יענע יאָרן איז מען געווען זייער אָפֿט צוגעשריבן צו אַן אַנדער שטאָט אָדער שטעטל, ניט דאָרט, וואו מען איז פֿאַקטיש געבוירן.

2) דער אוקאַז איז אַרויסגעגעבן געוואָרן דעם 2טן דעצעמבער, 1827.

פאַר יעדן נויטבאַדערפטיקן, און יוסף האָט זיך אין דער סביבה אָנגע־זאַפּט מיט אמתער פרומקייט און גוטסקייט. ער איז דערצויגן געוואָרן, אויפן אַלטמאָדישן שטייגער, אין חדר אויף חומש מיט רשי און איז געווען אַ גוטער גמרא־אינגל. דער אופן, ווי דער זיידע פלעגט אָפּריכטן די אידישע מנהגים און יום־טובים, באַזונדערס זיין פּראַווען „חצות" האָט איבערגעלאָזן אַ שטאַרקן רושם אויף דעם יונגן קינד. דעם זיידנס באַוויינען דעם חורבן בית־המקדש און זיין בענקעניש צו ארץ ישראל אין אַריין אין יוסף׳ס בלוט און אין זיין נשמה. די טיפע איינדרוקן, וואָס ער האָט קינדוויז באַקומען אין זיידנס הויז האָט ער קיינמאָל נישט פאַרגעסן. ער פלעגט עס זיין גאַנצן לעבן איבערדערציילן.

זיין באָבע איז געווען אַן אייניקל פון ר׳ הירש חסיד פון רוסאָטע, אַ געוועזענער תלמיד פון ווילנער גאון. ר׳ הירש חסיד איז געווען דער מחבר פון ספר „מרגליות התורה" און האָט געשמט פאַר אַ צדיק. ער פלעגט זיצן גאַנצע טעג און לערנען, און זיין ווייב האָט געזאָרגט פאַר דער פּרנסה. זי האָט געהאַלטן אַ שענק אין רוסאָטע. ביי די פּויערים פון רוסאָטע און אומגעגענט איז ר׳ הירש חסיד געווען פאַר־רעכנט פאַר אַ הייליקן. זיי האָבן געגלויבט, אַז אויף פעלדער, וואָס ער גייט אַריבער, איז אַ מזל ברכה און די גערעטעניש איז אַ גוטע.

די באָבע פלעגט דעם קליינעם יוסף זייער אָפט דערציילן מעשיות און לעגענדעס וועגן איר זיידן ר׳ הירש חסיד. אַ באַזונדער שטאַרקן איינדרוק האָט אויף אים געמאַכט פאָלגענדע לעגענדע:

איינמאָל האָבן די פּריצים פון רוסאָטע און אומגעגנט, זייענדיק אַביסל בגלופין, זיך געוועט, ווער פון זיי האָט דעם פרומסטן שענקער. דער פּריץ פון דאָרף רוסאָטע האָט געוואָלט באַווייזן, אַז זיין ר׳ הירש איז דער פרומסטער אין דער גאַנצער געגנט. האָט ער די פּריצים צוזאַמענגערופן איינמאָל צו מנחה־צייט און בשעת ר׳ הירש חסיד איז געשטאַנען שמונה־עשרה, האָט ער אויסגעשאָסן פון אַ ביקס דורכן פענסטער פון דער קרעטשמע איבער ר׳ הירשס קאָפּ.

עס איז געוואָרן אַ גרויסער טומל. אַלע אַרום האָבן אָנגעהויבן שרייען און זיינען זיך צעלאָפן. נאָר ר׳ הירש אַליין, וואָס האָט בשעת

מעשה ניט געהערט און ניט געזען, וואָס עס האָט זיך געטאָן אַרום אים, האָט זיך ניט גערירט פון אָרט, ביז ער איז אויסגעשטאַנען שמונה עשרה. און דער פּריץ פון רוסאָטע האָט געוואונען דעם געוועט.

ווען דער ווילנער גאון איז געשטאָרבן איז זיין תלמיד ר׳ הירש חסיד געזעסן שבעה נאָך אים. עטלעכע טעג שפּעטער איז געקומען קיין גראָדנע די ידיעה, אַז ר׳ הירש חסיד איז געשטאָרבן. ער איז באַגראָבן געוואָרן אויפן גראָדנער בית עולם. זיין קבר איז לעבן קבר פון חסיד וקדוש ר׳ אלכסנדר זיסקינד (דעם מחבר פון „יסוד ושורש העבודה״), וואָס אין די ד׳ אמות פון זיין קבר האָט מען קיינעם ניט מקבר געווען.

אָט די לעגענדעס וועגן זיין עלטער־עלטער זיידן, וואָס ער האָט זיך אָנגעהערט און די עכט טראַדיציאָנעלע אידישקייט, וואָס ער האָט אין זיך איינגעזאַפּט אין זיינע קינדעריאָרן, האָבן אַרויפגעלייגט דעם שטעמפּל אויף דעם כאַראַקטער און לעבן פון יוסף חאַזאַנאָוויטש.

קאפיטל צוויי

זיינע יוגנט־יאָרן

נאָכדעם ווי יוסף האַזאַנאָוויטש האָט פאַרענדיקט די חדר־יאָרן, האָט ער אָנגעהויבן טראַכטן וועגן זיין לאַגע. קיין מאַמען האָט ער ניט. דעם טאַטן זעט ער זעלטן און איז אָפּגעפרעמדט פון אים. האָט ער זיך אַרומגעזען, אַז עס איז ניט קיין תכלית שטענדיק צו בלייבן ביים זיידן, תמיד צו זיין אין דער באַגרענעצטער און געדריקטער סביבה, און ער האָט באַשלאָסן צו נעמען זיין גורל אין זיינע אייגענע הענט און אָנהויבן צו זאָרגן פאַר זיין צוקונפט.

ער האָט אָנגעהויבן צו לערנען רוסיש פון אַ העברעאישן לערנביכל מיט רוסישער איבערזעצונג און איז אָנגעקומען אין אַ פאָלקשול. אין אַ צייט אַרום איז אים געלונגען, נאָך אַ סך שוועריקייטן, אַנצוקומען אין גראָדנער גימנאַזיע.

אין גימנאַזיע האָט ער געלערנט עטלעכע יאָר און געווען שטענדיק איינער פון די בעסטע תלמידים. ער האָט אַרויסגעוויזן גרויסן אינטע־רעס און שטאַרקן ווילן צום לערנען בכלל און באַזונדערע פייאיקייטן און פאַרשטענדעניש אויף עטלעכע ספּעציעלע געביטן. ער האָט אָבער די גימנאַזיע ניט געענדיקט. ער האָט זי געמוזט פאַרלאָזן מיט אַ גרויסן סקאַנדאַל.

אין די רוסישע גימנאַזיעס און רעאַלשולעס זיינען אין יענער צייט געווען ווייניק אידישע תלמידים. מען האָט אָנגענומען אידן נאָך גרויסע שוועריקייטן און לויט אַ קליינער פּראָצענטנאָרמע אין פאַרגלייך צו דער אַלגעמיינער צאָל שילער. די אידישע קאַנדידאַטן האָבן געדאַרפט האָבן גרויסע זכות אָבות און געדאַרפט באַווייזן, אַז זייערע פייאיקייטן און אינטעליגענץ איז גרעסער ווי דער דורכשניט. די ווינציקע אידן, וואָס האָבן שוין זוכה געווען אַריינצוקומען אין אַ רוסישע מיטלשולע האָבן

געגאָסן פון אַ געוויסער טאָלעראַנץ מצד די רוסישע לערערס, שול־אינספּעקטאָרן און שול־דירעקטאָרן. עס איז געווען אַ וואונק פון די העכערע ספערן אין פּעטערסבורג, אַז מ׳זאָל די ווייניק אין צאָל אידישע שילער ניט צווינגען צום שרייבן אום שבת און אויסמיידן זיי צו רופן צו דער „ברעט״. עס זיינען אָבער געווען פאַלן, ווען אַ לערער אַן אַנטיסעמיט פלעגט וועלן זעטיקן זיין אינקוויזיטאָריש־סאַדיסטישע תאווה און עפנטלעך צווינגען אַ אידישן שילער צו שרייבן אום שבת.

אַזאַ פאַל איז פאָרגעקומען מיט יוסף חאַזאַנאָוויטש, אָבער דעם לערער, וואָס האָט אים געוואָלט צווינגען מחלל שבת זיין איז נישט געלונגען צו האָבן דאָס פאַרגעניגן צו זען און צו ווייזן די אַנדערע קריסטלעכע שילער, ווי אַ איד פאַרבויגט זיינע רעליגיעזע געפילן. דער יונגער יוסף חאַזאַנאָוויטש האָט זיך קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט צו דערפילן דעם פאַרלאַנג פון זיין לערער. דער אור־אור־אייניקל פון ר׳ הירש חסיד, וואָס האָט זיך ניט איבערגעשראָקן און זיך ניט גערירט פון אָרט, ווען אַ ביקס האָט אויסגעשאָסן איבער זיין קאָפּ, בעת ער איז געשטאַנען שמונה־עשרה — האָט אפשר ניט אַזוי צוליב פרומקייט, ווי צוליב נאַציאָנאַלן שטאָלץ, זיך ניט געוואָלט בויגן פאַר זיין לערער און זיך אָפּגעזאָגט פון שרייבן אום שבת.

פאַר ניט פאָלגן דעם לערערס באַפעל, פאַר שטערן די שול־דיסציפּלין האָט מען יוסףן באַשטראָפט און אויסגעשלאָסן פון גימנאַזיע. יוסף האָט אויף דעם רעאַגירט מיט אַ שריפטלעכן פּראָטעסט קעגן דעם לערער. ניט וועלנדיק צולאָזן צו אַ גרעסערן סקאַנדאַל, האָט דער דירעקטאָר געמאַכט אַ פשרה. ער האָט יוסף׳ן אַרויסגעגעבן אַן אַטעסטאַט (צייגעניש) פון פינף קלאַסן גימנאַזיע, און חאַזאַנאָוויטש האָט פאַרלאָזן די גימנאַזיע־באַנק [3]).

3) 42 יאָר שפּעטער איז דר. חאַזאַנאָוויטש געווען איינער פון די פּני־העיר, וועלכע האָבן זיך משתדל געווען לטובת דעם מחבר פון דעם בוך, וואָס האָט איבערגעלעבט געגוי דעמזעלבן פאַל אין דער ביאַליסטאָקער „פּושקינסקאַיע גאָראָדסקאַיע אוטשילישטשע״, פון וואַנען מ׳האָט אים אויסגעשלאָסן צוליב דערזעלבער סיבה. צוויי וואָכן שפּעטער האָט מען אים צוליב דער השתדלות ווידער אויפגענומען און ער האָט די שולע אַבסאָלווירט.

פינף קלאַסן גימנאַזיע זיינען אָבער ניט געווען גענוג, כדי אָנצו־קומען אין אוניווערסיטעט, צו וואָס דער יונגער חאַזאַנאָוויטש האָט געשטרעבט. האָט ער אָנגענומען אַ שטעלע אין דער „קאָנטראָל־פּאַלאַטע" אין גראָדנע, וועלכע ער האָט באַקומען דורך פּראָטעקציע פון זיינעם אַ קריסטלעכן פריינט. אויף דער דאָזיקער שטעלע, וואו ער האָט געאַרבעט אַלס פּריוואַט סעקרעטאַר ביי איינעם פון די „טשינאָוו־ניקעס", האָט ער אָפּגעשפּאָרט אַביסל געלט און איז אַוועקגעפאָרן קיין קעניגסבערג (פּרייסן), כדי מיט דער צייט דאָרט אָנצוקומען אין אוני־ווערסיטעט. ער האָט אין משך פון אָנדערטהאַלבן יאָר פאַרפולשטענדיקט זיין בילדונג ווי אַן „עקסטערן", אויסגעהאַלטן דעם עקזאַמען פון אַ פולן גימנאַזיע־קורס און באַקומען אַ דייטשע „מאַטורע".

אין יאָר 1866 איז יוסף חאַזאַנאָוויטש אָנגעקומען אין קעניגסבער־גער אוניווערסיטעט ווי אַ סטודענט אויפן מעדיצינישן פאַקולטעט. ווען ער איז געווען אויפן דריטן סעמעסטער, האָט ער שוין געאַרבעט אין אַ קליניק אונטער דער אויפזיכט פון די צוויי באַרימטע פּראָפעסאָרן בוראָוו אוןליידען.

די זעקס סטודענטישע יאָרן אין קעניגסבערג האָט חאַזאַנאָוויטש געלעבט אין גרויס דחקות. אַ צייט האָט ער זיך מפרנס געווען דורך געבן לעקציעס אין רוסיש, שרייבן און איבערזעצן בריוו פאַר סוחרים, וואָס האָבן געהאַנדלט מיט רוסלאַנד. אַ געוויסע צייט האָט ער אויך באַקומען אונטערשטיצונג פון דער קעניגסבערגער אידישער קהילה, ביי וועלכער פּראָפעסאָר ליידען האָט זיך משתדל געווען פאַר אים. אַ ביסל געלט פלעגט ער פון צייט צו צייט קריגן צוגעשיקט פון זיין פאָטער.

אין יענער צייט, ווען אין קעניגסבערג האָט געהערשט די כאָלערע, האָט דער סטודענט חאַזאַנאָוויטש געאַרבעט אין דאָרטיקן שטאָטישן שפּיטאָל און אין די באַראַקעס פאַר כאָלערע־קראַנקע.

אין 1870, ווען עס איז אויסגעבראָכן די מלחמה צווישן פּרייסן און פראַנקרייך, איז ער מיט אַ רעקאָמענדאַציע פון פּראָפעסאָר בוראָוו אויפ־גענומען געוואָרן אַלס דאָקטאָר אין בערלין אין אַ מיליטערישן שפּיטאָל

פאַר פאַרוואונדעטע פראַנצויזישע געפאַנגענע. שפּעטער האָט ער אַ געוויסע צייט געאַרבעט ווי אַ דאָקטאָר־סאַניטאַר אויף די מיליטער־טראַנספּאָרט־אייזנבאַנען צווישן בערלין און פּאַריז.

אין יאָר 1872 האָט חאַזאַנאָוויטש געשריבן זיין דיסערטאַציע אויף דער טעמע: „די ווירקונג פון ליכט אויפן חיהשן אָרגאַניזם", אָפּגעגעבן זיין לעצטן עקזאַמען און באַקומען פון דער קעניגסבערגער אוניווערסי־טעט דעם טיטל „דאָקטאָר מעדיצין" מיט אַ באַזונדער אויסצייכנונג פאַר זיינע ידיעות אין דער „אינערלעכער מעדיצין".

נאָכדעם ווי ער האָט זיין ציל דערגרייכט, איז ער צוריקגעפאָרן קיין רוסלאַנד מיט רעקאָמענדאַציע־בריוו פון די קעניגסבערגער פּראָ־פעסאָרן צו זייערע קאָלעגעס אין פּעטערסבורגער אוניווערסיטעט. אין 1876 האָט ער אָפּגעגעבן זיין שטאַטס־עקזאַמען (גאָסודאַרסטווענע עק־זאַמען) און האָט באַקומען דאָס רעכט צו פּראַקטיצירן אַלס רופא (וראַטש). דעם רוסישן טיטל „דאָקטאָר־מעדיצין" האָט ער ניט באַקו־מען, ווייל ער האָט נאָר געהאַט אַ צייגעניש פון פינף קלאַסן רוסישער גימנאַזיע און ניט קיין פולע רוסישע מאַטורע („אַטעסטאַט זרעלאָסטי"). ווייטער פאָרזעצן זיין לערנען און אָפּגעבן זיין מאַטורע־עקזאַמען און שרייבן אַ דיסערטאַציע פאַר אַ רוסישן אוניווערסיטעט האָט ער שוין מער ניט געוואָלט און ניט געקאָנט. זיין גערדריקטע פינאַנציעלע לאַגע האָט עס אים ניט מער דערלויבט. ער האָט געמוזט באַלד אָנהויבן פּראַקטיצירן און פאַרדינען אויף חיונה.

אין פּעטערסבורג האָבן אים די רוסישע און פּוילישע סטודענטן זייער מקרב געווען. ער האָט זיין גאַנצן לעבן ניט געקאָנט פאַרגעסן די פריינטשאַפט, וואָס האָט אים בשעתו אַרויסגעוויזן אַ פּוילישער סטו־דענט מאַלטשעווסקי, שפּעטערדיקער פּראָפעסאָר פון כעמיע, ווען ער האָט אים איינמאָל אָפּגעטראָטן זיין בעט און אַליין געשלאָפן אויף דער ערד.

ווען עס איז אין 1877 אויסגעבראָכן דער רוסיש־טערקישער קריג האָט חאַזאַנאָוויטש געדינט אַ פּאָר חדשים אַלס מיליטער דאָקטאָר.

ד ר . י ו ס ף ח אַ ז אַ נ אָ ו ו י ט ש

דאָס ערשטע יאָר נאָכדעם ווי דר. חאַזאַנאָוויטש האָט פאַרלאָזן פעטערבורג, האָט ער פראַקטיצירט אין גראָדנע און אַ יאָר שפּעטער, אין 1878, האָט ער זיך באַזעצט אין ביאַליסטאָק און אָנגעהויבן דאָרט זיין פּראַקטיק, וואו ער איז גאָר אין גיכן געוואָרן אָנערקענט ווי אַ גוטער דאָקטאָר, ווי אַ גוטער דיאַגנאָסטיקער.

קאַפּיטל דריי

זיין פאַמיליע־לעבן

ווען דער יונגער דר. חאַזאַנאָוויטש איז אין 1877 צוריקגעקומען קיין גראָדנע און אָנגעהויבן פּראַקטיצירן אַלס דאָקטאָר, האָט ער חתונה געהאַט מיט פראַניע (פרידע) ווילבושעוויטש, אַ טאָכטער פון תלמיד חכם זאב וואָלף ווילבושעוויטש, אַ פּלימעניצע פון אַלטן אַפּטייקער ווילבושעוויטש אין ביאַליסטאָק, דעם פֿאָטער פון דעם אַפּטייקער יעווגעני ווילבושעוויטש. די פאַמיליע ווילבושעוויטש האָט געהערט צו די חשובסטע אינטעליגענטע פאַמיליעס אין גראָדנע. זיי זיינען געווען אין נאָענטער קרובהשאַפט מיט דעם באַקאַנטן משכיל ר' שמואל יוסף פין.

פראַניע ווילבושעוויטש איז געווען אַ שוועסטער פון די אינזשענערן גדליהו, נחום און מאַניא. גדליהו האָט געלערנט אין דער רעאַל־שולע אין ביאַליסטאָק און זיך געהאָדעוועט אַ צייט לאַנג אין הויז פון זיין שוואָגער דר. חאַזאַנאָוויטש, וואו ער איז דערצויגן געוואָרן אין גייסט פון חיבת ציון. ווען ער האָט געענדיקט דעם פּאָליטעכניקום אין בערלין איז ער אַוועקגעפאָרן קיין ארץ ישראל. ער איז געווען פון די ערשטע אינזשינערן און בויער פון לאַנד. ער איז געשטאָרבן אין חיפה אין 1943 אין עלטער פון 78 יאָר. נחום האָט אין 1919 צוזאַמען מיט אינזשענער ברוך קאַטינקע (אַ ביאַליסטאָקער) געגרינדעט דעם אינזשינערן פאַראיין אין תל־אביב. מאַניע שוחט, פריערדיקע באַקאַנטע רוסישע סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערין, איז זייט 1904 אין ארץ ישראל, איינע פון די אַקטיווע פירער פון דער ציוניסטישער אַרבעטער באַוועגונג.[4]

דער זיווג מיט פראַניע ווילבושעוויטש האָט ניט לאַנג געדויערט. אַ פּאָר יאָר נאָך דער חתונה האָט פראַניע זיך גענומען דאָס לעבן. זי האָט זיך פאַרסמט און געשטאָרבן ניט האָבנדיק קיין קינדער.

4) אנציקלופדיה לחלוצי הישוב ובוניו, כרך שלישי, דוד תדהר, תל־אביב.

דר. חאַזאַנאָוויטש האָט ווי זיין פֿאָטער שוין מער ניט חתונה געהאַט. ער איז געוואָרן אַ עוסק בצרכי ציבור. זיין גאַנץ לעבן האָט ער אָפּגעגעבן זיין פֿאָלק. מיט זיין גאַנצער ענערגיע, מיט זיין גאַנצן טעמפּעראַמענט, מיט זיין האַרץ און נשמה האָט ער געדינט דעם אידעאַל, אין וועלכן ער האָט געגלויבט, דער אידייע פון שיבת ציון און גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל אין וויכטיקע קולטורעלע און סאָציאַל־פֿילאַנטראָפּישע טעטיקייטן אין זיין שטאָט ביאַליסטאָק, וואו ער האָט פֿאַרבראַכט זעקס און דרייסיק יאָר פון זיין לעבן.

געוואוינט האָט דר. חאַזאַנאָוויטש אין אַ קליין ווייס מויערל, נעבן ברוך ליפּשיצעס ווייַן־געשעפֿט, אַנטקעגן „שיסל״. זיין וואוינונג איז באַשטאַנען פון אַ דאַך־שטיבל מיט אַ ברייטן ווענעציאַנישן פֿענסטער, אַ שמאָלן פֿינצטערן שלאָפֿצימער מיט „פּאָמוגעס״, וואו די זון איז קיינמאָל ניט אַריינגעקומען און אַ קליינע קיך.

אין דער דאָזיקער דירה האָט ער אַראָפּגעבראַכט פון גראָדנע זיינע אַ קוזינע, אָדער אַ פּלימעניצע, אַ עלטערע מיידל, אַ יתומה, זי זאָל אים פירן די ווירטשאַפֿט. אַ דינסט־מיידל האָט ער באַזונדער געהאַלטן. די דינסטמיידל האָט געדאַרפֿט זאָרגן פאַר ריינקייט, וואָס איז זייער שווער געווען דורכצופירן צוליב די טויזנטער ביכער וואָס פלעגן זיין אָנגעוואָרפֿן אין די צימערן פון דער פּאָדלאָגע ביזן סופּיט. אין דער דאָזיקער וואוינונג האָט דר. חאַזאַנאָוויטש באַקומען רומאַטיזם אין די פיס.

מען פלעגט זייער אָפט זען חאַזאַנאָוויטשן אין ביאַליסטאָק ווי ער שטעלט זיך אָפּ אין מיטן גאַס און הויבט אָן צו קראַצן די לינקע פוס. ער גייט ווייטער עטלעכע טריט און שטעלט זיך ווידער אָפּ און קראַצט די רעכטע פוס. מ׳האָט אים אפילו איין מאָל געזען, ווי ער רופט צו אַ דראָזשקע, שטעלט אַרויף אויפֿן טרעפּל די פוס, קראַצט זי אויס, הייסט דעם „איזוואָזטשיק״ פֿאָרן ווייטער און אַליין גייט ער אַוועק צו פוס. דאָס איז ניט געווען קיין משוגעת, ווי אַנדערע פלעגן עס אויפֿפאַסן. דאָס פלעגט ער מאַכן אַ קורצן מאַסאַזש, ווען עס פלעגט אים אַ כאַפּ טאָן אַ רומאַטישער „קורטש״ (קראַמף) אין די פיס.

אין יאָר 1899 איז ער אַריבער אין אַ נייע דירה, ניט ווייט פון דער אַלטער, אין הינטערשטן טייל פון ווילבושעוויטשעס אַפּטייק. די דירה איז געווען מיט אַ לאַנגן קאָרידאָר און אַ סך קליינע און טונקעלע צימערלעך. דער מויער האָט געהערט צו פּאולינע ווילבושעוויטש, די צווייטע פרוי פון פאַרשטאָרבענעם אַלטן אַפּטייקער. זי איז געווען אַ געבילדעטע פרוי און גערעדט דייטש, און דר. חאַזאַנאָוויטש האָט זייער געהאַלטן פון איינעם, וואָס האָט געגאָסן דייטשע בילדונג. פּאולינע ווילבושעוויטש פלעגט זייער אָפט אַריינקומען צו אים אין הויז און ער פלעגט הנאה האָבן מיט איר זיך צו אונטערהאַלטן.

זיין אופן לעבען איז געווען זייער אַ פּשוטער. אויף זיך אַליין האָט ער זייער ווייניק אויסגעגעבן. ער פלעגט טראָגן איינפאַכע בגדים, געגאַנגען כמעט אָרעם און אַמאָל אויך משונה׳דיק געקליידט. זיין מאָדנע היטל מיט אַ שפּיץ האָט ער זיך געלאָזט מאַכן נאָך זיין געשמאַק. אַ צייט לאַנג איז ער געווען אַ שטרענגער וועגעטאַריער. ער פלעגט עסן זייער ווייניק און פלעגט אויסקומען מיט 30־40 קאָפּיקעס אַ טאָג. אַז ער איז געוואָרן עלטער, פלעגט ער מער ניט עסן ווי איין מאָל אַ טאָג.

— אַ מענטש איז ווי אַ פּאַראָווקע — פלעגט ער זאָגן — ווען עס ווערט איבערגעהייצט קאָן עס פּלאַצן.

דער באַקאַנטער ציוניסטישער וועטעראַן, געוועזענער ראַבינער אין יעקאַטערינאָסלאַוו, שפּעטער ווילנער דעפּוטאַט צו דער רוסישער „דומע״, דר. שמריהו לעווין, פלעגט פון צייט צו צייט קומען קיין ביאַליסטאָק כדי זיך צו זען מיט ר׳ שמועל מאָהילעווער אין ענינים פון חיבת ציון און צו פאַרשפּרייטן דעם אידיש־נאַציאָנאַלן געדאַנק צווישן די ביאַליסטאָקער אידן. אין זיינע זכרונות [5]) שילדערט דר. ש. לעווין זיין באַגעגעניש מיט דר. חאַזאַנאָוויטש, וואָס איז פאָרגעקומען נאָך פאַרן ערשטן ציוניסטישן קאָנגרעס:

„דר. חאַזאַנאָוויטש איז געווען איינער פון די וואונדערבאַרסטע

5) דר. שמריהו לעווין — מזכרונות חיי, ספר שלישי, תל־אביב, תרצ״ט, זז. 160—161.

טיפן, וואָס איך האָב באַגעגנט אין מיין לעבן און איך באַדויער, וואָס עס האָט זיך ביז איצט ניט געפונען קיינער, וואָס זאָל שטעלן אַ יד עולם אָט דעם וואונדערלעכן מענטשן.

איך האָב עטלעכע מאָל באַזוכט דר. חאַזאַנאָוויטש און געהאַט אַ מעגלעכקייט אַריינצוקוקן אין זיינע ביכער־קאָלעקציעס.

אַלס אַן אויסערלעכן סימבאָל פון זיין באַציאונג צו ארץ ישראל, פלעגט ער אין שטוב טראָגן אַ „פעסקע" (אַ הויכע רויטע טערקישע היטל), און האָט טאַקע אויסגעזען אַ ביסל ווי אַ טערק, אָבער קיינער האָט זיך ניט געחידושט איבער די זאַכן, וואָס דר. חאַזאַ־נאָוויטש פלעגט אָפּטאָן.

איינמאָל האָב איך אים געטראָפן אין הויז פון הרב ר' שמואל מאָהילעווער. האָט ער מיך געבעטן קומען צו אים צו מיטאָג. דער־ביי האָט ער מיר געזאָגט, אַז ער עסט קיינמאָל ניט פאַר צוויי אַ זייגער בייטאָג, ווען ער ווערט פאַרטיק מיט זיינע פּאַציענטן.

ר' שמואל מאָהילעווער האָט מיך אָפּגערופן אַן אַ זייט און שטי־לערהייט מיר געגעבן אַן עצה, איך זאָל עפּעס נעמען אין מויל, איידער איך גיי צו דר. חאַזאַנאָוויטש. איך האָב זיין עצה ניט גע־פאָלגט און טאַקע שפּעטער שטאַרק חרטה געהאַט, מחמת איך האָב ביז 3 אַ זייגער ניט באַקומען צום עסן, און ווען מען האָט שוין דערלאַנגט דעם מאָלצייט, איז עס באַשטאַנען פון צוויי זעמעלעך און צו גלאָז מילך פאַר יעדן פון אונז.

— איר זעט — האָט צו מיר חאַזאַנאָוויטש געזאָגט — איך עס זייער פּשוטע מאכלים. איך בין אַ וועגעטאַריער. איך געפין, אַז דאָס איז געזינטער פאַר מיר און געזינטער פאַר מיין ביבליאָטעק. ער איז געווען אַ דאַרער מאַן און ווען ער האָט געטראָגן זיין טער־קישע פעסקע, האָט ער אויסגעזען נאָך דאַרער, ווי ער איז אין דער אמתן געווען. די גלעזער, אין וועלכע מ'האָט אָנגעגאָסן די מילך, זיינען געווען הויכע און שמאָלע, און אַזוי זיינען געווען אויך די זעמעלעך. אַלץ אין צימער האָט אויסגעזען, ווי עס וואָלט זיך געהאַט אָפּגעשפּיגלט אין אַ הויכן צילינדרישן שפּיגל, אַלץ הויכע

אויסגעצויגענע און זייער שמאָלע געשטאַלטן . . . אָט אַזוי האָט עס אויסגעזען ביי דעם אויסערגעוויינלעכן מאַן״.

דר. האַזאַנאָוויטש האָט געהאַט אַ גוטע פּראַקטיק. ער האָט גוט פאַרדינט, אָבער כמעט דאָס גאַנצע געלט, וואָס ער פלעגט פאַרדינען, פלעגט ער אָפּגעבן אויף כלל־זאַכן. ער פלעגט פון אַ סך פּאַציענטן קיין געלט ניט נעמען. ער פלעגט נאָך אדרבה אונטערשטיצן די גאַנץ אָרעמע פון דער אייגענער קעשענע. ער האָט אויך געזאָרגט פאַר זיין משפחה. כל זמן דער פאָטער האָט געלעבט, האָט ער אים אויסגעהאַלטן צוזאַמען מיט דעם פאָטערס ברודער און זיין משפחה אין גראָדנע, ביי וועמען דער פאָטער האָט געלעבט אויף דער עלטער. ווען דער פאָטער איז קראַנק געוואָרן, האָט ער אים אַריבערגענומען צו זיך אין ביאַליסטאָק. נאָכדעם, ווי דער פאָטער איז אין 1902 געשטאָרבן פון אַ „ראַק״ (קענסער), האָט האַזאַנאָוויטש אַראָפּגעבראַכט דעם פאָטערס ברודערס משפחה פון גראָדנע קיין ביאַליסטאָק און האָט פאַר זיי דאָ ווייטער געזאָרגט.

דעם פעטערס זון איז געוואָרן אַ שרייבער ביים ראַבינער דר. יוסף מאָהילעווער, ר׳ שמואל מאָהילעווערס אייניקל, וואָס איז געווען אין ביאַליסטאָק ראַבינער נאָך מאיר מאַרקוסן, 1902־1915. דער קוזין האָט געהאַט צוויי מיידעלעך, וועלכע האָבן זיך געהאָדעוועט ביי דר. האַזאַ־נאָוויטשן און געשפּילט אַ וויכטיקע ראָלע אין זיין ווייטערדיקן לעבן. האַזאַנאָוויטש פלעגט זיי רופן אין דייטש „ניכטן״ (פּלימעניצעס). אין דער אמתן זיינען זיי געווען זיינע קוזינקעס. ער האָט זיי שטאַרק ליב געהאַט.

נאָכדעם ווי דר. האַזאַנאָוויטש האָט צענדליקער יאָרן אָפּגעלעבט עלנט און איינזאַם, זיינען די צוויי קינדערלעך געוואָרן זיין אידעאַל, זיין גייער ציל אין לעבן. ער איז דורך דער ליבע צו די קינדער געוואָרן גאָר אַן אַנדער מענטש. ער איז אינגער געוואָרן און פריילעכער. ער, וואָס האָט פריער זעלטן געוויזן אַ פריילעך פּנים, האָט זיך פּלוצלונג געביטן.

ער האָט פאַר די קינדער געלעבט, פאַר זיי געזאָרגט, זיך כמעט

מפקיר געווען פאַר זיי. ער האָט אָנגעהויבן אָפּצולייגן געלט אין דער באַנק און קלייבן פאַר זיי אַ נדן, ער פלעגט זיך מיט זיי אַרומפירן. זייער אָפּט פלעגט ער זיי מיטנעמען אויף זיין דראָזשקע, זיך אַראָפּכאַפּן אין די קראָמען, זיי זאָלן זיך אויסקלייבן, וואָס זייער האַרץ גלוסט.

אַ באַזונדערע ליבע האָט ער אַרויסגעוויזן צו איינער פון זיי, צו דאָבעלען. דאָבעלע איז געווען אַ געוויינלעך קינד, וואָס האָט זיך מיט גאָרניט אויסגעצייכנט. אין זיינע אויגן אָבער איז זי געווען די שענסטע און די קליגסטע. ווען זי איז עלטער געוואָרן, איז זי געוואָרן זיין „אָראַ־קול״. ער פלעגט זיך מיט איר מישב זיין און טאָן אַלץ וואָס זי האָט פאַרלאַנגט.

קאַפּיטל פיר

חאַזאַנאָוויטש, דער פאָלקס־דאָקטער

באַלד ווי דר. חאַזאַנאָוויטש איז אין 1878 אָנגעקומען קיין ביאַלי־סטאָק, האָט ער אָנגעהויבן אַרבעטן אין אידישן שפּיטאָל.

דער שפּיטאָל האָט זיך דענסטמאָל געפונען אויף אַלט־באַיאַרע, (שפּעטער האָט עס געהייסן „וואַרשעווער גאַס"), אין מויער פון גביר איטשע זאַבלודאָווסקי (1781־1865), וואָס האָט צוויי יאָר פאַר זיין טויט אין דעצעמבער, 1863, אָפּגעגעבן צוזאַמען מיטן הויף און גאָרטן פאַרן ספּעציעלן צוועק צו בויען אַ שפּיטאָל.[6] דער הויפּט גבאי פון שפּיטאָל איז געווען דער ראש הקהל, דער „ביאַליסטאָקער תקיף", יחיאל־בער וואָלקאָוויסקי (1819־1903)[7] דער שפּיטאָל האָט געהאַט 48 בעטן אין זעקס גרויסע צימערן, אַן אָפּעראַציע־זאַל, אַן אַפּטייק און אַנדערע איינ־ריכטונגען מיט אַ רייכן אינווענטאַר. עס איז געווען פאַר יענע צייטן און דאַמאָלסטיקע השגות אַ מוסטערהאַפטע אינסטיטוציע, וואָס האָט זיך אויסגעצייכנט מיט איר ריינקייט און אויסערלעכער שיינקייט. אין הילכות באַשפּייזונג אָבער און אין אויספאָלגן די מעדיצינישע פאַר־שריפטן האָט די שפּיטאָל־פאַרוואַלטונג שטאַרק צוגעזינדיקט.

ווען דער יונגער דר. חאַזאַנאָוויטש האָט זיך נענטער צוגעקוקט צו דער אינעווייניקסטער פירונג און האָט באַמערקט, ווי מען באַעוולט די אָרעמע קראַנקע, אַז מ'קוקט מער אויף אויסערלעכקייט, ווי צו באַ־פרידיקן די באַדערפענישן פון די פּאַציענטן, האָט ער עס ניט געקאָנט פאַרטראָגן און געהאַט שטאַרקע קאָנפליקטן מיט די גבאים. ווען ער

6) א. קניאזעוו — דער יידישער שפּיטאָל. ביאַליסטאָקער אַלמאַנאַך, ביאַליסטאָק, 1931.

7) פּרטים וועגן איטשע זאַבלודאָווסקי און יחיאל־בער וואָלקאָוויסקי און דעם ביאַליסטאָקער שפּיטאָל זען אין „פּנקס ביאַליסטאָק" באַנד 1 און 2, אַרויסגעגעבן פון דער ביאַליסטאָקער היסטאָרישער געזעלשאַפט אין ניו־יאָרק, 1949—1950.

האָט געזען, אַז זיינע פּראָטעסטן העלפן ניט, האָט ער פאַרלאָזן דעם שפּיטאָל מיט אַ סקאַנדאַל און געמאַכט אַ טומל וועגן דעם אין שטאָט.

פון דענסטמאָל אָן האָט ער זיך אָפּגעגעבן מיט זיין פּריוואַטער פּראַקטיקע און זייער אָרעמע קראַנקע האָט ער אויפגענומען ביי זיך און געהיילט זיי אין זייערע היימען כמעט אומזיסט.

ער איז געוואָרן דער ביאַליסטאָקער פאָלקס־דאָקטער, דער דאָקטער פון „עמך", דער דאָקטער פון די קעלער־ און בוידעם־שטיבלעך, דער רופא פון דער אידישער אָרעמקייט.

אָסיף דימאָוו, דער באַקאַנטער דראַמאַטורג (אַ ביאַליסטאָקער. זיין אמתער נאָמען איז יוסף פּערלמאַן) דערציילט: [8]

„. . . ווען מיין פאָטער איז יונגערהייט געשטאָרבן, דאָס איז געווען אין 1883, בין איך קראַנק געוואָרן אויף מאָזלען. מען האָט גערופן דר. חאַזאַנאָוויטש. ער האָט מיר באַטראַכט. אַנגעזאָגט מיין מוטער וואָס זי האָט צו טאָן. מיין מוטער באַדאַנקט אים און וויל אים באַצאָלן. חאַזאַנאָוויטש שטייט שוין ביי דער טיר און שרייט:

— ביי אָן אלמנה פון פינף קינדער נעם איך ניט קיין געלט . . . באַצאָלט פאַרן איזוואָזטשיק 20 קאָפּיקעס. . ."

עס פלעגט זייער אָפט טרעפן, אַז נאָכן באַטראַכטן דעם קראַנקן און אָנשרייבן אַ רעצעפּט פלעגט ער געשווינט אַנטלויפן און ניט נעמען פאַרן וויזיט. ווען ער פלעגט זען די אָרעמקייט אין שטוב און דעם דלות־אויסדרוק אויף די פּנימער פון הויזגעזינט, ווען ער פלעגט פילן, אַז עס איז ניטאָ נעבעך פאַרן רעצעפּט צו באַצאָלן און אַפילו ניט אויף צו דערהאַלטן די נשמה, פלעגט ער, חאַזאַנאָוויטש, אַוועקלייגן אַ רובל אויפן טיש אָדער אויף דער קאָמאָדע, קיינער זאָל עס ניט באַמערקן און פלעגט פאַרשווינדן.

ער האָט ניט נאָר געהאַט מיטלייד מיט זיינע אָרעמע פּאַציענטן. ער האָט זיי ליב געהאַט, זיינע חולאים פון די אָרעמסטע געסלעך אויף כאַנייקעס, פּיאַסקעס, ישיבה־געסל, הינטערן חיי־אָדם בית מדרש, און

8) ביאַליסטאָקער שטימע, סעפּטעמבער 1939.

אויך זיי האָבן אים ליב געהאַט. זיי האָבן אים פאַרגעטערט. ער איז געווען זייער דאָקטער.

ער פלעגט אָבער אויך ניט זעלטן אין די רייכערע געגענטן פון שטאָט, אין די שענערע בעלי־ביתישע הייזער וויסן „וועמען דער שוך קוועטשט" און ניט נעמען קיין געלט פאַרן וויזיט. עס זיינען געווען אין ביאַליסטאָק אַסך אַזעלכע אידן, וואָס „פלעגן זיך קנייפּן די באַקן, אַז די פאַרב זאָל שטיין", וואָס פלעגן וואוינען אין דער בעסערער ריי־כערער געגנט, האָבן אַ פיינע דירה און . . . קוים האָבן אויף חיונה.

ער פלעגט אָבער אַריינפאַלן אין גרימצאָרן, ווען אימיצער וואָס האָט געקאָנט באַצאָלן, פלעגט אים וועלן אָפּפטרן מיט 25־30 קאָפּיקעס, ווי די אָרעמע פּאַציענטן. פאַר אָט די נגידים האָט ער ניט געהאַט געגוג פייער אין מויל צו שפּריצן. ער פלעגט שרייען:

— מיר ווילן זיי פּטרן מיט מצוות . . . צאָלן מיט קאָפּיקעס . . . די רובלס טראָגן זיי צו גראַנאָווסקין (דאָס איז געווען דער פּוילישער אַנטיסעמיטישער דאָקטער אין שטאָט). [9]

דר. חאַזאַנאָוויטש איז געווען דער פּאָפּולערסטער דאָקטאָר אין שטאָט און מ'האָט פון אים שטאַרק געהאַלטן.

ער האָט געהאַט אין דער מעדיצין זיינע אייגענע מעטאָדן. פון אַפּ־טייקערשע רפואות האָט ער ווייניק וואָס געהאַלטן. ער האָט אַסך מער ווערט געלייגט אויף היגיעניש־סאַניטאַרישע לעבנספירונג און געזונטע פאַסיקע דערנערונג. אַ רעצעפּט פלעגט ער פאַרשרייבן, נאָר ווען עס איז געווען אַבסאָלוט נייטיק, און זיינע מעדיצינען פלעגן קאָסטן זייער ביליק, באַזונדערס אין ווילבושעוויטשעס אַפּטייק, וואָס האָט זיך גע־פונען אין די פריערדיקע יאָרן ניט ווייט פון זיין וואוינונג און שפּעטער אין דעמזעלבן בנין, וואו ער האָט געהאַט זיין דירה. עס פלעגט טרעפן, אַז אַן אַנדער דאָקטאָר פלעגט פאַרשרייבן אַ מעדיצין, וואָס דער אַפּטיי־קער פלעגט פאַרלאַנגען אויין ביז צוויי רובל און דר. חאַזאַנאָוויטש

9) זען קאַפּיטל „דער גראַנאָווסקי־סקאַנדאַל".

פלעגט עס איבערשרייבן מיט זיין פאָרמולע און עס פלעגט קאָסטן נאָר 30־50 קאָפּיקעס, און די ווירקונג איז געווען דיזעלביקע.

דר. חאַזאַנאָוויטש פלעגט זאָגן:

— מען דאַרף באַשטימען אַ פּרעמיע פאַר דעם דאָקטער, וואָס באַנוצט אין זיינע מעדיצינען דעם גרעסטן חלק וואַסער.

ער איז געווען אַ זייער נערוועזער מענטש. זיין מוח פלעגט אַר־בעטן אַסך שנעלער, ווי זיין מויל האָט געקאָנט דעם געדאַנק אַרויס־ריידן. די דאָזיקע צו שנעלע אַסאָציאַציע פון דענקען און ריידן האָט עס געבראַכט דערצו, אַז ער פלעגט אַרויסריידן איינצלנע אָפּגעהאַקטע ווערטער, באַזונדערס ווען ער איז געווען אויפגערעגט, ווען ער איז געווען אין כעס, ווען עס איז ניט צוגעגאַנגען אין אידישע כלל־ענינים אַזוי, ווי ער האָט געוואָלט. פלעגט ער דענסטמאָל פאַרדרייען די ווער־טער אַזוי, אַז מ׳האָט אים זייער שווער געקאָנט פאַרשטיין און וויסן וואָס ער מיינט. ער פלעגט צוזאַמענמישן פאַרשיידענע באַגריפן, פאַרפלאָנ־טערן און שפּרינגען פון איין ענין צום צווייטן אָן אַ שום צוזאַמענהאַנג. דערביי האָט ער שטאַרק זשעסטיקולירט, געשריען און זיך געקאָכט.

אַזוי, למשל, פלעגט ער אָוועקלייגנדיק דעם רעצעפּט אויפן טיש אָדער אויפן בעט פון קראַנקן, אַ זאָג טאָן:

— דריי מאָל אַ טאָג . . . ביי ווילבושעוויטשן . . . אין בעט . . . דריי טעג . . .

דאָס האָט געמיינט: דער חולה זאָל באַשטעלן די מעדיצין ביי וויל־בושעוויטשן. ער זאָל עס נעמען דריי מאָל אַ טאָג און ער זאָל ליגן אין בעט דריי טעג.

ער פלעגט זעלטן הייסן זיין פּאַציענט, וואָס פלעגט הוסטן אָדער אַזוי ליידן פון אַ פאַרקילונג, זיך אויסטאָן. אויף די קליידער פלעגט ער צולייגן זיין אויער צו דער פּלייצע, הייסן זיך שנעל אומדרייען און צולייגן דעם אויער צו דער ברוסט. דאָס איז פאַר אים געווען גענוג, ער זאָל מאַכן זיין דיאַגנאָז. זיינע דיאַגנאָזן זיינען כמעט שטענדיק גע־ווען ריכטיק. ער האָט זיך גערעכנט פאַרן בעסטן דאָקטאָר אין שטאָט. נאָר צוליב דעם אופן, ווי ער האָט גערעדט, געשריען און זיך געבייזערט,

הגם אין זיין בייזערן איז אָפטמאָל געלעגן הומאָר, האָבן די מייסטן מענטשן אים געהאַלטן פאַר ניט נאָרמאַל. מ׳האָט אים אין שטאָט גע־רופן: „דער משוגענער דאָקטאָר״, דער „משוגענער חאַזאַנאָוויטש״.

ווער עס האָט זיך אָבער צו אים צוגעוואוינט און אים פאַרשטאַנען האָט געפונען אין זיין ריידן אַ צוזאַמענהאַנג און אַ טיפן אינהאַלט.

איינמאָל קומט דר. חאַזאַנאָוויטש אַריין צו אַ קראַנקן, באַטראַכט אים, פאַרשרייבט אים אַ רעצעפּט, נעמט די 50 קאָפּיקעס פאַרן וויזיט און וויל אַוועקגיין, רופט אים דער קראַנקער:

— הער דאָקטאָר, ווי לאַנג וועל איך זיך נאָך מוטשען?

— אַ העזה דאָס איז — ענטפערט חאַזאַנאָוויטש — אַלץ פאַר די 50 קאָפּיקעס . . . נאַ דיר אַ רובל און זאָג ווי לאַנג איך וועל זיך נאָך מאַטערן . . .

צו גבירים האָט דר. חאַזאַנאָוויטש בכלל ניט געהאַט קיין באַזונדער פריינטלעכע באַציאונג. זיי צו אים אויך ניט. זיי פלעגן אים טאַקע זעלטן רופן אָדער קומען צו אים. ווען עס האָט זיך שוין געהאַנדלט וועגן אַ זייער ערנסטן פאַל, אָדער ווען אַ גביר פלעגט שוין האַלטן ביים שטאַרבן, פלעגט מען אַריינרופן חאַזאַנאָוויטשן. ער פלעגט דענסטמאָל אַרויסגיין פון די כלים, ווערן שטאַרק אין כעס און שרייען:

— וואָסי . . . ? דער טויט שוין אויפן נאָז . . . ? גייט צו די דאָק־טוירים, וואָס האָבן אים פריער באַהאַנדלט... וואָס ווילט איר פון מיר . . . ? אין אַזאַ וועטער . . . ! אַזוי שפּעט . . . איך בין אַליין אַ קראַנקער מענטש . . .

— אָבער, הער דאָקטאָר. אַ מענטש האַלט ביים שטאַרבן. עס איז אַ פיקוח נפש.

פלעגט ער זיך נאָך מער צעשרייען:

— נפש . . . שמעפּעש . . . איך דאַרף ניט קיין מצוות . . . קיין עולם הבא . . . הבא . . . און ברומענדיק פלעגט ער שוין אַ כאַפּ טאָן דאָס פעלצל און די הויכע שפּיציקע היטל מיטן דאַשעק און קנאַפּ אויפן סאַמע שפּיץ און דעם שטעקן און לויפן צום קראַנקן.

כדי צו ווייזן די נגידים, אַז ווען ער קומט שוין יאָ צו זיי איז עס

ניט צוליב געלט, פלעגט ער אָפט אין אַזוינע פאַלן אויסהערן דעם חולה, געבן זיינע פאַראָרדענונגען, אַרויסלויפן און ניט נעמען קיין געלט און אונטערברומען:

— געלט . . . בלאָטע . . . גאָרניט . . .

יעקב פּאַט, אַ ביאַליסטאָקער, פון די בחורשע יאָרן אַן אַריינגייער צו חאַזאַנאָוויטש, שילדערט [10] אַ סצענע, וואָס כאַראַקטעריזירט בולט דר. חאַזאַנאָוויטשעס באַציאונג צו די גבירישע פּאַציענטן, וואָס פלעגן אים רופן, ווען עס האָט שוין געהאַלטן שמאָל. די סצענע האָט זיך אָפּגעשפּילטביים שטאָט־זייגער, ניט ווייט פון דאָקטאָרס וואוינונג:

„אָט זיצט שוין דער דאָקטאָר אויף דער דראָזשקע. דאָס פערד שטייט מיטן קאָפּ צו סוראַזער גאַס. ער דאַרף פאָרן אין די אָרעמע גאַסן, אין זיינע גאַסן. אַ גבירישער שליח קומט פּלוצלונג בעטן דעם דאָקטאָר ער זאָל גלייך קומען צו זיין בעל־הבית. דער דאָקטאָר וויל ניט. דער משרת בעט זיך ביי אים רחמים, ער זאָל פאָרן צו וואַשליקאָווער גאַס. דער דאָקטאָר וויל ניט. דער משרת שלעפּט דעם פערד מיט געוואַלט אין דער פאַרקערטער ריכטונג. דער איזוואָזטשיק ווייס ניט וואָס צו טאָן, וועמען ער זאָל פאָלגן, וואו ער זאָל פאָרן. ערשט דר. חאַזאַנאָוויטש רייסט אַרויס דעם בייטש פון איזוואָזטשיקס האַנט, פאַרמאַכעוועט זיך צום פערד און שרייט:

— פאָר וואו איך הייס דיר . . . זאָל העשל האַלפערן זוכן אַן אַנ־דער דאָקטאָר. פאָר, וואו מ'זאָגט דיר, צו פיאַסקעס צו . . .“

אין דער צייט פון דער דריטער כאָלערע־עפּידעמיע אין ביאַלי־סטאָק, אין 1896, האָט דר. חאַזאַנאָוויטש אַרויסגעוויזן אַ געוואַלטיקע ענערגיע. ער האָט זיך פּשוט מוסר נפש געווען מיט זיין איבערגעבע־נער אַרבעט. ער איז גאַנצע טעג און נעכט, אַחוץ עטלעכע שעה, וואָס ער פלעגט זיך פאַרגינען צוצולייגן שלאָפן, אַרומגעפאָרן אויף זיין דראָזשקע. ער האָט באַזוכט קראַנקע אין די הייזער, אין די שפּיטאָלן,

10) „פאָרווערטס“, פון 20 און 27 מערץ, 1949.

אין די באַראַקעס. ער האָט געגרינדעט הילפס־קאָמיטעטן. ער האָט זיך פּשוט מקריב געווען אין דער גרעסטער סכנה.

ווען דער שטאָטישער קריסטלעכער דאָקטאָר איז קראַנק געוואָרן, האָט די רעגירונג איבערגעגעבן דר. חאַזאַנאָוויטשן די מעדיצינישע אויפזיכט איבער דער שטאָט. פאַר זיין מסירות־נפש׳דיקער טעטיקייט אין דער כאָלערע־צייט האָט ער באַקומען אַן עפנטלעכן דאַנק פון גובערנאַטאָר. [11])

כמעט יעדער ביאַליסטאָקער, וואָס האָט געלעבט אין יענער צייט, אין דער חאַזאַנאָוויטש־תקופה, וואָלט געקאָנט דערציילן ניסים ונפלאות פון דעם „משוגענעם דאָקטער". עס איז ניט געווען קיין אידיש הויז, קיין אידישע משפחה פון מיטעלן און אָרעמען קלאַס, וואו ער האָט ניט באַוויזן קיין וואונדער, וואו ער האָט ניט געראַטעוועט קיין מענטשלעכע לעבנס, וואו ער האָט נאָך אין דער לעצטער מינוט, ווען אַלע דאָקטוירים האָבן שוין אָפּגעזאָגט דעם חולה דאָס לעבן, וואו די משפחה האָט זיך שוין געוואוינט מיטן געדאַנק, אַז עס איז ניטאָ מער קיין האָפענונג, האָט דר. חאַזאַנאָוויטש נאָך ניט אויפגעגעבן דעם קראַנקן. ער פלעגט זיך עקשנות׳דיק אַנטקעגנשטעלן דער נאַטור, אַנגעווענדעט די ראַדי־קאַלסטע מיטלען קעגן דער קראַנקהייט, וואָס האָט שוין געהאַלטן אָט אָט צו מאַכן אַ סוף צום לעבעדיקן גוף. אין די מייסטן פאַלן איז דר. חאַזאַנאָוויטש געווען גערעכט. זיין עקשנות, זיין געוואַלטיקער גלויבן אין זיך און פון דער צווייטער זייט דער אומדערשיטערלעכער פאַר־טרויען פון קראַנקן צו זיין דאָקטאָר, זיינען אָפּטמאָל געווען די הויפּט־סיבות פון חאַזאַנאָוויטשעס נצחון איבער דעם מלאך המות.

אויף אַ קאָנסיליום (באַראַטונג) מיט אַנדערע דאָקטוירים, פלעגט דר. חאַזאַנאָוויטש גיין, ווען מען פלעגט אים בעטן, אָבער נאָר מיט עלטערע דאָקטוירים, ווי דר. פאַרשטעטער, דר. טרילינג, דר. פין, אַפילו מיטן פוילישן דאָקטאָר קאָטאָוויטש, דעם כירורג. ער האָט ניט ליב גע־האַט די אינגערע נייע דאָקטוירים, וועלכע זיינען געווען צופיל אַנגע־

11) פנקס ביאַליסטאָק, א. ש. הערשבערג, ב. 1. ז. 333.

זאַפּט מיט דער רוסישער קולטור און עס האָט פון זיי, ווי ער פלעגט זיך אויסדריקן, „געשמעקט מיט אַסימילאַציע".

שמואל לייב ראַבינאָוויטש, אַ ביאַליסטאָקער, גיט איבער אין זיינע זכרונות אַ פאַקט, וואָס האָט געטראָפן אין הויז פון זיינעם אַ באַקאַנטן: [12]

„מ'האָט חאַזאַנאָוויטשן צוגעצויגן צו אַ קאָנסיליום מיט אַנדערע צוויי אינגערע דאָקטוירים אין אַ גבירישע הויז. חאַזאַנאָוויטש האָט זיך געאַמפּערט, אָבער אָנגענומען די איינלאַדונג. ער האָט באַטראַכט דעם חולה און די דריי דאָקטוירים זיינען אַריינגעגאַנגען אין אַ באַזונדער צימער זיך צו באַראַטן. עטלעכע מינוטן שפּעטער קומט חאַזאַנאָוויטש אַרויס פון צימער אַן אויפגערעגטער, לויפט אַרום איבערן שטוב ווי אַ ווילדער.

— הער דאָקטער, וואָס איז געשען? — פרעגן די פאַרוואונדערטע בני־בית.

ער ענטפערט ניט, גייט אַריין ווידער אין באַראַטונג־צימער צו די דאָקטוירים. עס דויערט ניט לאַנג און ער לויפט אַרויס מיט שוים אויף די ליפּן פון אויפרעגונג:

— וואָס מיינט איר, זיי ריידן פון קראַנקן? זיי ריידן פון פּוסטע זאַכן . . . !"

דר. חאַזאַנאָוויטש האָט זייער ערנסט גענומען זיין פליכט אַלס דאָקטאָר. ער האָט עס ניט אַרויסגעוויזן אַזוי אָפן פאַר פרעמדע און אויך ניט פאַר זיינע פּאַציענטן גופא. אָבער קומענדיק פון אַ וויזיט ביי אַ שווערן קראַנקן, וואָס איז געלעגן אין אַ טיפוס אין שטאַרקן פיבער, פלעגט ער זיין זייער נערוועז, אַזש ווילד. ער פלעגט דענסטמאָל קיינעם ניט וועלן זען, פלעגט מיט קיינעם ניט ריידן. פלעגט ברומען אומפאַרשטענדלעכע ווערטער. זייער אָפט פלעגט ער גאַנץ אין דער פרי אָדער שפּעט ביינאַכט זיך פלוצלונג אָפּרייסן פון דער אַרבעט אין

12) ש. ל. ראַבינאָוויטש אין ביאַליסטאָקער שטימע, סעפּטעמבער־אָקטאָבער, 1949.

קאַבינעט, לאָזן אַלץ אין מיטן און אַוועקלויפן ניטגעבעטענערהייט צום קראַנקן אויף כאַנייקעס, ישיבה־געסל, קראַכמאַלניקס אָדער דינע ראַניעס געסל.

ער האָט געקענט זיינע פּאַציענטן אויסגעבונדן. ער פלעגט זיי דערקענען נאָכן ריידן, נאָך זייער הוסטן, נאָך זייער קרעכצן, נאָך זייער קרימען און קלאָגן זיך. ער האָט געוואוסט זייער לאַגע, זייערע צרות, זייערע נויטן.

אָבער פונקט ווי ער האָט מיט זיי געהאַט רחמנות און זיי וואַרעם און פאָטערלעך באַהאַנדלט, אַזוי גראָב האָט ער גערעדט צו זיי, געשריען אויף זיי, געטופּעט מיט די פיס, גערופן זיי מיט די ערגסטע נעמען, געזידלט פאַרוואָס זיי האַלטן ניט ריין זייער היים, פאַרוואָס עס שטינקט אונטער זייערע פענצטערס, פאַרוואָס זיי זיצן נאָר אין שטוב און גייען ניט אַרויס אַביסל אויפן גאַס צו כאַפּן פרישע לופט, פאַרוואָס זיי האַלטן שטענדיק צוגעמאַכט זייערע פענסטערס און לאָזן די זון ניט אַריין, פאַרוואָס זיי זיינען בכלל אַזוינע שלימזלניקעס, אַזעלכע לא יוצלחס. און זיי, די פּאַציענטן, זיין „עמך", זיינע בעלי־מלאכות, זיינע אַרבעטער, זיינע האַרעפּאַשניקעס האָבן אים פאַרשטאַנען. זיי האָבן זיך קיינמאָל ניט באַליידיקט אויף אים. זיי האָבן געוואוסט, אַז הינטער זיינע האַרבע מוסר־רייד ליגט אַ טיפער זין און אַ ליבע באַציאונג צום פאָלקס־מענטש. זיי האָבן געזען אין אים דעם אַמאָליקן נביא, וואָס האָט ליב געהאַט דאָס פאָלק און געשאָלטן.

ער פלעגט זיך זייער אויפרעגן, ווען ער פלעגט אַריינקומען אין הויז פון אַ קראַנקן און דאָרט געפינען מעדיצין־פלעשלעך, וואָס ער האָט ניט פאַראָרדנט. ער פלעגט שוין ווערן אויפגעבראַכט, ווען ער האָט געזען ליידיקע פלעשלעך פון אַפּטייק. עס האָט ניט איינמאָל געטראָפן, אַז ער פלעגט אין אַזאַ פאַל אַרויסלויפן און אַפילו ניט באַטראַכטן דעם חולה.

איינמאָל איז ער אַריינגעקומען צו אַ קראַנקן, וועלכן אַן אַנדער דאָקטאָר האָט שוין פריער באַהאַנדלט. ווייסנדיק חאַזאַנאָוויטשעס משוגעת, האָט מען איידער ער איז געקומען באַהאַלטן אַלע מעדיצין־

פלעשלעך. דר. חאַזאַנאָוויטש האָט אָבער געהאַט אַ שאַרפן חוש פאַר אַט די זאַכן און האָט פּלוצלונג אַנטדעקט אַ ליידיקע פלעשל. ער האָט אַ קוק געטאָן און זיך פאַנאַנדערגעשריען:

— אַהאַ... ווען מ׳דאַרף דעם חולה שוין אַרויסוואַרפן אויפן מיסט, רופט מען מיך . . .

ער איז אַריין אין אַזאַ כעס און איז געוואָרן אַזוי ווילד, אַז ער האָט אָנגענומען די מוטער פון קראַנקן מיט ביידע הענט און געוואָלט איר אַרונטערוואַרפן פון די טרעפּ. ווען זי וואָלט זיך ניט אָנגעהאַלטן אָן דער „פּאַרענטשנע״, וואָלט געשען אַן אומגליק.

ער פלעגט ניט וועלן מ׳זאָל אים אָפּנאַרן.

דער טיפערער זין פון דער אויפרעגונג איז געלעגן אין דעם גע־דאַנק, אַז מ׳זאָל ניט אָפּט בייטן דעם דאָקטאָר אין משך פון דער קראַנק־הייט, צוליב פאַרשיידענע סיבות.

דר. חאַזאַנאָוויטש איז געקומען אין אַ הויז פון אַ קראַנקער שניי־דערקע. ער באַטראַכט די קראַנקע, פרעגט איר אויס וואָס איר טוט וויי . . . פּלוצלונג אַנטדעקט ער אַ גילדען רינגעלע אויפן פינגער. ער הויבט אָן מיטאַמאָל צו ברומען:

— אין האַרצן אַ ווייטיק . . . ניטאָ קיין קאַפּ בלוט . . . מ׳עסט קדחות . . . און גאָלד דאַרפן זיי האָבן . . . פון וואַנען קומט טשאַכאַט־קע . . .? מ׳עסט ניט, מ׳טרינקט ניט. מ׳ליגט אין שמוץ . . . כאַפּט מען אַ ווייטיק . . . אַ שטעכעניש . . . פריער אַביסל . . . שפּעטער מער . . . אַז מ׳האָט שוין אויסגעשפּיען אַ שטיק לונג, לויפט מען צו חאַזאַנאָוויטשן . . . ראַטעוועט . . .! אַ נייע לונג אַריינשטעלן . . . אַ נייע האַרץ... איך דאַרף אויף אַ כפּרה אייערע רובלס... נעמט בעסער, קויפט פלייש, מילך, אייער . . . עסט צו אַלדע שוואַרץ יאָר, עסט . . .! וועט איר מיר ניט דאַרפן . . .

עס הערט אויף דאָס ברומען. ער פאַרשרייבט אַ רעצעפּט, לייגט עס אַוועק אויפן טיש און ברומט ווייטער:

— יעדע צוויי שעה אַן עסלעפל.. גאָלדענע פינגערלעך, קלייד־לעך... דער גוף ווי אַ שפּאָן... עסט, צו אַלדי רוחות...!

ביי אַ גבירישן חולה. עס האַלט זייער שלעכט. די אַנדערע דאָק־טוירים האָבן שוין אָפּגעזאָגט דעם חולה דאָס לעבן. זיי ווילן אַוועק־גיין . . . דר. האַזאַנאָוויטש גייט צו צום בעט, טוט נאָכאַמאָל אַ קוק אויפן חולה און הייסט גלייך ברייגנען פון אַפּטייק מאַשוס, אַ זייער ראַדיקאַלער מיטל, דער לעצטער מיטל. די דאָקטוירים ווייזן אַרויס אַ ביטול באַציאונג. די בני־בית שרעקן זיך. עס איז אַ לית ברירה, פּאָלגט מען . . . דער קראַנקער גייט אַדורך דעם קריזיס. דער חולה הייבט אָן צו קומען צו זיך . . . ער עפנט די אויגן, ער אָטעמט לייכטער. אַלע אַרומיקע זיינען אַזוי דאַנקבאַר:

— הער דאָקטאָר! פריער גאָט, דערנאָך איר!

האַזאַנאָוויטש טוט זיך אַ קרים און אַ זאָג:

— אַזוי . . .! און אַז עס וואָלט געווען פאַרקערט . . .? וואָלט געווען אַ קלאָג צום דאָקטאָר . . . גאָט איז שוין דעמאָלט ניטאָ . . . דער דאָקטאָר אַ פּאַרטאַטש . . . אַ גזלן . . . אַ מלאך המות . . . עס איז ניט מיין חכמה . . . די נאַטור . . . אַ צופאַל . . .[13])

ליטמאַן ראָזענטאַל (1871־1939), דער אידעם פון באַקאַנטן ביאַ־ליסטאָקער כלל־טוער אייזיק האַראַדישטש, איז געווען איינער פון די נאָענטסטע פאַרערערס און פריינט פון דר. האַזאַנאָוויטש און אַן אָפטער אַריינגייער אין זיין הויז. ער שילדערט[14]) אַן אינטערעסאַנטן עפּיזאָד פון האַזאַנאָוויטשעס איינפאַלן און זיינע מעדיצינישע מעטאָדן:

„. . . איינמאָל ווען איך בין גראָד געווען אין האַזאַנאָוויטשעס קאַבינעט לויפט אַריין אַ אידענע, מיט אַ געוואַלטיקן געשריי:

— ראַטעוועט דאָקטער! מיין טאָכטער איז פון שרעק פּלוצלונג שטום געוואָרן. עס איז איר אָפּגענומען געוואָרן דער לשון . . .!

האַזאַנאָוויטש האָט באַלד געכאַפּט זיין אויבערראָק און זיין שטעקן

13) א. ליטווין — יידישע נשמות, ליטע, פאַרלאַג פאָלקסבילדונג, ניו יאָרק, 1917, באַנד 2, היימישע געשטאַלטן.

14) ביאַליסטאָקער שטימע, נומ. 13, מערץ 1926.

און נאָך אַ פרעג געטאָן:

— ווער איז דאָס שטום געוואָרן? אייער רבקה?

חאַזאַנאָוויטש האָט געקענט די קינדער פון זיינע אָרעמע פּאַציענטן מיט זייערע נעמען. ער האָט באַלד ווידער אַ פרעג געטאָן:

— הערן, הערט אייער שטום־געוואָרענע מיידל?

— יע — האָט די אידענע געענטפערט.

חאַזאַנאָוויטש לויפט צו צו זיין שרייבטיש, עפנט אויף דעם שופלאָד, שלעפּט אַרויס פון דאָרט אַ מעסערל, לייגט עס אַריין אין קעשענע און שלעפּט שוין די אידענע מיט מיר אין גאַס אַרויס און שרייט צו זיין שטענדיקן איזוואָזטשיק, וועלכער פלעגט כמעט שטענדיק שטיין פאַר זיין וואוינונג אין גאַס:

— פאָר אין ישיבה־געסל.

חאַזאַנאָוויטש האָט קיינמאָל ניט געדאַרפט פרעגן וואו זיינע פּאַציענטן וואוינען. ער האָט געוואוסט.

אַזוי ניט ווילנדיק, גאַנץ אומגעריכט, בין איך מיט דר. חאַזאַנאָוויטש און דער אידענע שוין אויף דער דראָזשקע און פאָר מיט צו דער קראַנקער. איך באַמערק ווי דר. חאַזאַנאָוויטש קוקט אַריין אין אַ קאַטאַלאָג, וואָס ער האָט געקראָגן דעם זעלבן טאָג פון אויסלאַנד און מאַכט נאָטיצן מיט אַ רויטן בליישטיפט. פּלוצלונג שרייט ער צו מיר:

— דאָס איז אידעלעך . . . פון זיי וועט גאָרניט אַרויסקומען . . . אין דער זעלבער צייט קוקט ער אויף דער טרויעריקער בלאַסער אידענע, וואָס פאָרט מיט אונז אַ פאַרזאָרגטע, אַן איבערגעשראָקענע. ער פאַרבייסט ווי גזלניש זיינע ליפּן און זאָגט צו איר:

— איר נעמט שוין נישט די פּראָשקעס וואָס איך האָב אייך געגעבן?! . . . איר דאַרפט מער בלוט . . . אָך אידעלעך . . . אידעלעך . . . אויך מיר אַ פאָלק . . . — ברומט ער אַזוי לאַנג, ביז מיר פאָרן צו צו דער שטוב, וואו די שטום־געוואָרענע מיידל האָט זיך געפונען.

דר. חאַזאַנאָוויטש גייט אַריין אין שטוב. רעדט ניט צו קיינעם.

לויפט גלייך צו דער מיידל, האַלט איר שוין פאַר איר שיינע מאָרד־קע און שרייט צו איר:

— גיכער, רבקה, גיכער, שטעק אַרויס דעם צונג, גיכער!

די מיידל אַ צעטומלטע, שטעקט אַרויס איר צינגל. האַזאַנאָוויטש נעמט פון זיין קעשענע אַרויס זיין מעסערל. ער האַלט מיט איין האַנט איר צונג און שרייט:

— איך וועל אָפשניידן דיין צונג...!

די מיידעלע, אַ בלאַסע, אַ האַלב טויטע, שרייט ווי ניט מיט אירע כוחות:

— גוואַלט, גוואַלט... ראַטעוועט מיך...!

אַלע וואָס שטייען אַרום, זעענדיק דאָס גרויסע וואונדער, וואָס די מיידל שרייט, קוקן מיט ליבע און דאַנקבאַרקייט צום טייערן דאָקטאָר:

— דאָקטער, מיר וועלן אַלע פאַר אייך גאָט בעטן...

האַזאַנאָוויטש שרייט:

— גיכער... גיכער... איך האָב קיין צייט ניט... באַצאָלט מיר די 50 קאָפּיקעס!...

איך זע, ווי האַזאַנאָוויטש פאַרגנבעט זיך אָן אַ זייט, גיט אַ לייג אַוועק באַהאַלטענערהייט אַ פאַר רובל אויף דער קאָמאָדע. ער שלעפּט מיך שוין פאַרן האַנט, און איך זיץ שוין ווידער מיט אים אין דער דראָזשקע".

ניט שטענדיק און ניט אומעטום איז דר. האַזאַנאָוויטש געווען דער נערוועזער, דער כעס'דיקער, דער „משוגענער" דאָקטער. ער פלעגט זיך מיט זיינע פּאַציענטן־פריינט און משכילים זייער ערנסט אונטער־האַלטן. א. ש. הערשבערג דערציילט אין זיין הספד־אַרטיקל געווידמעט אליעזר אַטלאַס,[15]) אַז אליעזר אַטלאַס איז שביעי של פסח פלוצלונג געשטאָרבן אינמיטן אַ ליטעראַרישן שמועס מיט דר. יוסף האַזאַנאָוויטש, וואָס איז געקומען אים מבקר חולה זיין.

15) א. ש. הערשבערג — לשכלול תמונתו הספרותית של מר אטלס ז"ל. ליטע־ראַרישע ביילאַגע צום „הצפירה" נומ. 87 וואַרשע, תרס"ד.

קאַפּיטל פינף

דער פּיאָניר פון „חיבת ציון"

די השכלה און אידישע רענעסאַנס־באַוועגונג האָט אָנגעהויבן אַריינצודרינגען טיפער און זיך שטאַרקער צו פאַרשפּרייטן אין רוסישן אידנטום אין 1860, ווען עס האָבן זיך געגרינדעט די ערשטע צוויי העברעאישע צייטונגען: „הכרמל" אין ווילנע און „המליץ" אין אָדעס מיט זיין „קול מבשר" אין אידיש, און עס איז דערשינען משה העס׳ס באַרימט ווערק „רוים און ירושלים" (1874). די דאָזיקע עפּאָכע האָט געהאַט די גרעסטע השפעה אויף דעם יונגן סטודענט יוסף חאַזאַנאָוויטש.

שפּעטער האָט פּרץ סמאָלענסקין אין זיין „השחר" און דוד גאָרדאָן אין „המגיד" מיט זייערע פּייערדיקע אַרטיקלען וועגן ישוב ארץ ישראל אָנגעהויבן בויערן דעם מוח פון יונגן דאָקטאָר.

ווען מנחם מענדל דאָליצקי (געב. אין ביאַליסטאָק 1856, געשט. אין לאָס אַנדזשעלעס 1931), דענסטמאָל דער יונגער העברעאישער לערער און שפּעטער דער אידישער נאַציאָנאַלער משורר, האָט סוף 1881 און אָנהויב 1882, באַאיינפלוסט פון דר. חאַזאַנאָוויטש, פאַר־עפנטלעכט אין „המליץ" זיינע צוויי פייערדיקע אַרטיקלען „וירושלים תעלה על לבבכם" און „למען ציון לא אחשה", און דר. לעאָ פינסקער האָט פאַרעפנטלעכט אין אָדעס 1882 זיין „אויטאָ־עמאַנסיפּאַציע", האָבן זיך אין רוסלאַנד און אויך אין ביאַליסטאָק אָנגעהויבן בילדן אגודות און גרופּעס מיט דעם צוועק צו קויפן ערד אין ארץ ישראל און זיך דאָרט באַזעצן. דר. חאַזאַנאָוויטש איז געווען אין ביאַליסטאָק איינער פון די איניציאַטאָרן און געוואָרן איינער פון די אַקטיווסטע טוער אויף דעם דאָזיקן געביט.

שבועות תרמ"ב, דעם 24טן מאַי, 1882, האָבן אַ גרופּע יונגע משכילים: יעקב סאַפּערשטיין (שפּעטער דער אַרויסגעבער פון „מאָרגן־

זשורנאַל״ אין ניו יאָרק), דן לעווין, דער לערער צבי־הירש ליבערמאַן, יהושע־העשל קלעמענטינאָווסקי און שלום מירקין, גייענדיק שפּאַצירן אין שטאָטישן וואַלד „זווערינעץ״, אַרומגערעדט די לעצטע ידיעות פון „המגיד״ און אָנגענומען דעם היסטאָרישן באַשלוס צו גרינדן אַ חברה פאַר ישוב ארץ ישראל. [16])

מוצאי שבועות תרמ״ב זיינען זיך צוזאַמענגעקומען ביי יעקב סאַפּירשטיין אין הויז פיר און צוואַנציק פּערזאָן און עס איז געגרינדעט געוואָרן די חברה אונטערן נאָמען „חובבי ציון״. די דאָזיקע היסטאָרישע געשעעניש איז פּראָטאָקאָלירט געוואָרן. דער פּראָטאָקאָל איז אונטערגעשריבן פון די פּערזאָנען לויטן סדר פון זייערע חתימות: יוסף בנימין קרינסקי, צבי הירש ליבערמאַן, יוסף חאַזאַנאָוויטש, יעקב־אַלטער סאַפּירשטיין, פּסח וויטענבערג, יהושע־העשל קלעמענטינאָווסקי, קלמן פּיקוס, שבתי רודקאָווסקי, חיים מרגליות, שלום מירקין, יהודה־יוסף יעלין, יחיאל־אפרים גאָלדשטיין, אברהם לייבאָוויץ, מנחם־מענדל קרעטשמער, יצחק יפה, ישראל־חיים שטומער, בן־ציון ליפשיץ, שלמה לעווין, ש. פורמאַן, ליפּה בר׳ משה הכהן באַדאַנעס, צבי־יהודה בר׳ דוד ברײַנסקי, שמחה בונים הלוי איש הורוויץ.

די צווייטע גרעסערע אסיפה איז שוין פאָרגעקומען ביי דר. חאַזאַנאָוויטשן אין שטוב, וואו מען האָט אויסגעקליבן די גבאים:

דר. חאַזאַנאָוויטש, ראַבינער מאיר מאַרקוס, יעקב וואָלף, ברוך פריידענבערג, אהרן־יהושע שפּיראָ, ניאָניע גאָלדשטיין און בן־ציון ליפשיץ.

דער פאַקט, וואָס דר. חאַזאַנאָוויטש האָט זיך געשטעלט אָן דער שפּיץ פון דער חברה, האָט צוגעצויגן אַסך פון דער אידישער אינטעליגענץ, און די ״חובבי ציון״ איז אין משך פון אַ גאָר קורצער צייט געוואָרן ניט נאָר גרויס אין צאָל חברים (מ׳פלעגט אַריינצונעמען מיטגלידאָפּצאָל אין יענע יאָרן ביי 3,000 רובל), נאָר אויך די וויכטיקסטע אינ־

16) יהושע־העשל קלעמענטינאָווסקי (דער פאָטער פון מחבר) — פון ביאַליסטאָק ביז באַזעל (זכרונות פון דער חיבת ציון באַוועגונג, 1931, ביאַליסטאָק. אַרויסגעגעבן פון קאָמיטעט צו פייערן דעם 50־יאָריקן יובל פון „חובבי ציון״.



די נאָענטסטע מיטאַרבעטער פון ד"ר האַזאַנאָוויטש



יהושע־העשל קלעמענטינאָווסקי (1853—1941)
פאָטער פון מחבר



א. ש. הערשבערג (1860—1943)

ליטמאַן ראָזענטאַל (1871—1939)

סטיטוציע, וועלכע האָט אָנגעהויבן וואַרפן אַן אויג אויף אַלע קהל'שע אָרגאַניזאַציעס אין שטאָט און געהאַט אַ גרויסע השפּעה אויף דער דע־מאָקראַטיזירונג פון אידישן לעבן אין ביאַליסטאָק.

ווען עס איז אין דעם זעלביקן יאָר 1882 אויפגעקומען די פראַגע פון דעם ליידיקן חשובן כסא הרבנות אין ביאַליסטאָק, און ר' חיים־הערץ'ס צד האָט אַרויסגעשטעלט אַלס קאַנדידאַט דעם זשאַגערער רב, האָבן די חובבי־ציון מיט דר. האַזאַנאָוויטש בראש, אַרויסגעשטעלט פון זייער זייט די קאַנדידאַטור פון ראַדאָמער רב ר' שמואל מאָהילעווער, וועלכער איז שוין געווען באַקאַנט מיט זיין איבערגעגעבענער אַרבעט פאַר רעגולירן די עמיגראַציע פון רוסישע אידן און מיט זיינע באַמיאונ־גען צו באַזעצן אַ טייל עמיגראַנטן אין ארץ ישראל. די חובבי־ציון האָבן געוואוסט, ווי וויכטיק עס איז פאַר דער גאַנצער באַוועגונג פון חיבת ציון צו האָבן ר' שמואל מאָהילעוועער אין זייער סביבה. זיי האָבן געפירט אַן ענערגישן וואַל־קאַמף, אָפּגעהאַלטן אַ גרויסן נצחון און ר' שמואל מאָהילעווער איז געוואָרן אין יאָר 1883 רב אין ביאַליסטאָק.

דר. יוסף האַזאַנאָוויטש איז געוואָרן ר' שמואל מאָהילעווערס רעכטע האַנט און האָט זיך מיט זיין גאַנצן ברען, זיין גאַנצער התלהבות אַריינ־געוואָרפן אין דער אַרבעט פאַר דער חיבת ציון באַוועגונג.

היות די באַוועגונג איז ניט געווען באַשטעטיקט פון דער מאַכט, איז די אַרבעט אייגנטלעך געטאָן געוואָרן קאָנספּיראַטיוו. די ערשטע צייט אין דער פּריוואַטער וואוינונג פון דר. האַזאַנאָוויטש, וואָס איז געווען אַן אַ פאַמיליע. ער האָט געשטעלט זיינע צימערן אין רשות פון דער חברה „חובבי ציון" פאַר ביוראָ צוועקן. זיין דירה איז געוואָרן דער צענטער פון דער אַרבעט און דער זאַמלפּונקט פאַר די חובבי ציון. אומעטום, וואו ער איז געגאַנגען און געשטאַנען פאַר געזונטע אויפן גאַס, ביי קראַנקע אין זייערע הייזער, פלעגט ערריידן וועגן חיבת ציון און ישוב ארץ ישראל. ער האָט געמאַכט די אידייע פּאָפּולער צווישן די אידישע מאַסן אין ביאַליסטאָק.

אין דעם זעלביקן יאָר, 1883, האָט דר. האַזאַנאָוויטש אונטערגענו־מען אַ רייזע קיין ארץ ישראל. ער האָט געוואָלט מיט זיינע אויגן זען

דאָס לאַנד, צו וועלכער זיין זיידע, וואו ער האָט זיך געהאַדעוועט, האָט אין אים אַלס קינד נאָך אַזאַ ליבע איינגעפּלאַנצט. ער האָט געוואָלט זען דאָס לאַנד, פאַר וועלכער ער האָט געאַרבעט און געשטרעבט, עס זאָל ווערן אַ צענטער פאַרן אידישן פאָלק.

כדי גלייכצייטיק צו האָבן אַ מעגלעכקייט זיך צו באַקענען מיט די שפּיטעלער און קראַנקענהייזער אין די גרויסע אייראָפּעאישע שטעט איז חאַזאַנאָוויטש געפאָרן קיין ווין, פון דאָרט קיין פּאַריז, פון דאָרט איז ער איבער מאַרסעי אַוועק מיט אַ שיף קיין אַלעקסאַנדריע. פון אַלעקסאַנדריע האָט ער געדאַרפט אַריינפאָרן אין ארץ ישראל. ער האָט אָבער זיין ציל ניט דערגרייכט, און זיין גרויסער חלום איז ניט פאַר־ווירקלעכט געוואָרן.

אין קליין־אַזיע איז גראָד דענסטמאָל אויסגעבראָכן די פּעסט. מען האָט אים פאַרהאַלטן אויף אַן אינזל ביי סמירנאַ אויף קאַראַנטין אין משך פון 20 טעג. דאָרט איז ער קראַנק געוואָרן און צוליב דער קראַנק־הייט אַזוי אָפּגעשוואַכט, אַז ער האָט זיין נסיעה ניט געקאָנט פאָרזעצן, און ווען ער האָט געקאָנט פאַרלאָזן די קאַראַנטין איז ער גלייך צוריקגעפאָרן אַהיים קיין ביאַליסטאָק. [17]

חשוון, תרמ״ה (אָקטאָבער, 1884), ווען עס איז אין קאַטאָוויץ פאָרגעקומען די ערשטע אסיפה פון „חובבי ציון״, אויף וועלכער עס איז געשאַפן געוואָרן די אַלוועלטלעכע חובבי ציון באַוועגונג, מיט אַ צענטער אין וואַרשע, איז ביאַליסטאָק דאָרט געווען פאַרטראָטן דורך די דעלעגאַטן: הרב ר׳ שמואל מאָהילעווער, דר. יוסף חאַזאַנאָוויטש און ברוך פריידענבערג.

אין 1889, אויף דער אסיפה אין ווילנע, אין וועלכער עס האָבן

17) דבר אל העם העברי, אַרויסגעגעבן פון די „חובבי שפת עבר״ אין ביאַ־ליסטאָק, דערשינען וואַרשע, 1903.

אויך חאַזאַנאָוויטשעס בריוו צו דר. קלעצקין, קעלן, הויפּטביוראָ פון נאַציאָנאַל־פאָנד. אַ מיקראָפילם־פאָטאָסטאַט פון דעם בריוו, צוגעשיקט פון ציוניסטישן צענטראַל אַרכיוו אין ישראל, געפינט זיך אין אַרכיוו פון ביאַליסטאָקער היסטאָרישער געזעל־שאַפט, ניו יאָרק.

זיך באַטייליקט פון ביאַליסטאָק ר' שמואל מאָהילעווער, יעקב באַכראַך און אייזיק בן־טובים איז געוואָרן אויסגעקליבן אַ לייטונג פון דריי אַקטיווע גבאים (גבאים פועלים): ר' שמואל מאָהילעווער, פון ביאַלי־סטאָק, ר' שמואל־יוסף פין פון ווילנע, און אברהם גרינבערג פון אָדעס, און 5 ראַטגעבער (גבאים יועצים). דר. חאַזאַנאָוויטש איז צוגעקליבן געוואָרן אַלס ערן־גבאי צו די וואָס זיינען אויסגעקליבן געוואָרן אויף דער דרוסקעניקער אסיפה.[18]

1890 איז דורך דער השתדלות פון אלכסנדר צעדערבוים, דעם רעדאַקטאָר פון „המליץ", די חובבי ציון־אָרגאַניזאַציע לעגאַליזירט גע־וואָרן אין רוסלאַנד אונטערן נאָמען: „חברה צו שטיצן אידישע ערד־אַרבעטער אין סיריע און פּאַלעסטינע" מיט דעם צענטראַלן זיץ־אָרט אין אָדעס. דער פּאָרזיצער פון צענטער איז געווען דר. לעאָ פּינסקער און גענעראַל־סעקרעטאַר, משה־לייב ליליענבלום.

אויף דער ערשטער אסיפה אין אָדעס, אין דעם זעלביקן יאָר, 1890, זיינען פון ביאַליסטאָק געווען די דעלעגאַטן: ר' שמואל מאָהילעווער (נומ. 1 אויפן בילד), דר. יוסף חאַזאַנאָוויטש (נומ. 52), מיט דער טער־קישער פּעסקע און יצחק־אייזיק בן טובים (בנדט) (נומ. 26).

דער אָדעסער קאָמיטעט האָט באַשטימט דר. חאַזאַנאָוויטשן פאַר דעם באַפולמעכטיקטן (מורשה) פון ביאַליסטאָקער חובבי ציון קאָמי־טעט, און דר. לעאָן פּינסקער האָט דעמאָלסט געשריבן, אַז ער זעט ניט קיין בעסערן, פּאַסיקערן און בכבודיקערן מענטשן, וואָס זאָל זיין אי־בערגעגעבן מיט גוף און נשמה דער חיבת ציון באַוועגונג, ווי דר. חאַזאַנאָוויטש, וואָס אַלע האָבן פאַר אים דעם גרעסטן דרך ארץ.

פון דער אָדעסער אסיפה איז דר. חאַזאַנאָוויטש צוזאַמען מיט הרב ר' שמואל מאָהילעווער אָפּגעפאָרן קיין ארץ ישראל, כדי מיט די אייגענע אויגן צו זען די ערשטע אידישע קאָלאָניעס.

18) ש. ל. ציטרין — תולדות חבת ציון, חלק ראשון, אדוסה, תרע"ד.

קאַפּיטל זעקס

די אידישע נאַציאָנאַל ביבליאָטעק אין ירושלים — זיין לעבנסווערק

דר. חאַזאַנאָוויטש איז געווען דער אמתער אידעאַליסט און ער האָט פאַר זיינע אידעאַלן געאַרבעט בלב ונפש. דער חיבת ציון באַוועגונג האָט ער אָפּגעגעבן אַסך צייט און ענערגיע. דאָס האָט אים אָבער ניט אינגאַנצן באַפרידיקט. פאַר אים איז ניט געווען גענוג צו קומען צו אסיפות, אָנצופירן מיט דיסקוסיעס און גייסטיקע שמועסן וועגן ישוב ארץ ישראל. ער האָט געזוכט אַ וועג, וואו ער זאָל זיין ביכולת עפּעס אַליין ממשותדיקעס אויפצוטאָן, עפּעס פּאָזיטיוועס צו שאַפן, עפּעס אַזוינס צו רעאַליזירן, וואָס אַנדערע האָבן עס ביז איצט פאַרנאַכלעסיקט. ער האָט געפילט און געוואוסט, אַז עס איז דאָ אַסך, זייער אַסך צו טאָן פאַר ישראל. דער וועג איז אַ שווערער און אַ זייער לאַנגער, און אַז יעדער איד וואָלט געדאַרפט צולייגן אַ האַנט און בפועל ממש שאַפן עפּעס, וואָס דער אַנדערער איד קאָן ניט, אָדער וויל ניט שאַפן.

ביסלעכוויז האָט זיך ביי אים אין קאָפּ אויסקריסטאַליזירט דער געדאַנק, אַז ארץ ישראל איז דער אָרט און ירושלים איז דער פּלאַץ, וואו מ׳דאַרף קאָנצענטרירן אַלע געשריבענע און געדרוקטע אוצרות, וואָס אידישער גייסט האָט געשאַפן, און ער איז געקומען צום אויספיר פון גרינדן אַ אידישע נאַציאָנאַלע ביביליאָטעק אין ירושלים.

פון דעם מאָמענט אָן, וואָס דער דאָזיקער געדאַנק האָט אין זיין מוח אָנגענומען אַ רעאַלע פאָרם, איז עס געוואָרן זיין חלום אין לעבן . . . עס איז געוואָרן זיין „אידייע פיקס״. ער האָט דערמיט געפונען דעם אַרבעט־צווייג, וואָס איז ביז איצט זייער שטאַרק פאַרלאָזן געוואָרן אין אידישן לעבן. ער האָט אַנטדעקט אַן אַרבעט־פעלד, וואָס איז ביז איצט ניט באַאַקערט, ניט באַאַרבעט געוואָרן. אויסלייזן דאָס אידישע בוך,

דעם אידישן ספר, דאָס געדרוקטע און געשריבענע אידיש וואָרט איז אַ טייל פון גאולת הארץ, אַ טייל פון גאולת העם, פון גאולת ישראל. דאָס אידישע פאָלק, דער עם הספר, דאָס פאָלק מיט דער עלטסטער געשיכטע און איינציקאַרטיקער קולטור איז די גאַנצע צייט פון זיין צווייטויזנט יאָריקער אָפּגעריסנקייט פון זיין לאַנד, פון זיין זעלבסט־שטענדיקייט אַלס נאַציע, געווען גייסטיק פאַרבונדן מיט זיין עבר, מיט זיינע אַלטע טראַדיציעס. די גייסטיקע כוחות זיינען עס געווען, וואָס האָבן צוזאַמענגעהאַלטן די אידן אין דער גאַנצער וועלט, וואָס האָבן זיי געגעבן מוט און בטחון אין דער האָפנונג, אַז „לשנה הבאה בירושלים״, וואָס האָט זיי תמיד געוועקט ווידער אויפצובויען ארץ ישראל. דאַרף מען אָפּהיטן די דאָזיקע גייסטיקע אוצרות, די קולטור־שאַפונגען פון אידישן פאָלק, זיי זאַמלען און איבערגעבן זיי בירושה צו די ווייטער־דיקע קומענדיקע דורות. מען מוז זאַמלען אַלץ וואָס באַהאַנדלט אידישע רעליגיע, אידישע קולטור, אידישע געשיכטע, אידישע ליטעראַטור, אי־דישע פאַרגאַנגענהייט און אידישע קעגנוואַרט, אַלץ, וואָס איז געשריבן געוואָרן פון אונז און אַלץ וואָס איז געשריבן געוואָרן וועגן אונז. און דאָס אַלץ קאָנצענטרירן אין איין איינציקן אָרט, אין ירושלים, אין דער אייביקער שטאָט, אין דער שטאָט וואָס איז געוואָרן אַ נעסט פון פינס־טערניש און חלוקה! וואָס וועט אָבער סוף כל סוף ווערן ווידער דער מיטלפּונקט פון אידישער נאַציאָנאַלער זעלבסטשטענדיקייט, פון אי־דישער נאַציאָנאַלער פרייהייט.

אָט דער געדאַנקענגאַנג האָט באַהערשט חאַזאַנאָוויטשן, נאָך איי־דער ער איז געפאָרן קיין ארץ ישראל און ער האָט געזאַמלט, געקויפט און געבעטלט אידישע ספרים . . .

זייענדיק אין ארץ ישראל אין 1890, האָט ער זיך ערשט שטאַרקער איבערצייגט, ווי וויכטיק זיין אַרבעט אויף דעם דאָזיקן געביט איז און האָט דאָרט געלייגט דעם פּראַקטישן יסוד פאַר זיין גרויסן פּלאַן.

אין ירושלים האָט דר. חאַזאַנאָוויטש זיך געטראָפן מיט די פירערס פון „לשכת בני ברית״ (בני ברית לאָזשע), וואָס מיט זייער הילף האָט זיך דאָרט געהאַלטן אַן אָרטיק קליין ביבליאָטעקל, און ער האָט מיט

זיי אָפּגעמאַכט, אַז ער וועט זיי שיקן זיינע ביכער־קאָלעקציעס, מיט דעם תנאי, זיי זאָלן באַצאָלן די פּראַכט, דעם טראַנספּאָרט קיין ירושלים, און אַז עס זאָל דערמיט געלייגט ווערן דער יסוד פאַר אַ גרויסער אידי־שער נאַציאָנאַל ביבליאָטעק אין ירושלים.

אָט דאָס קליין ביבליאָטעקל, וואָס דר. חאַזאַנאָוויטש האָט געפונען זייענדיק אין ירושלים האָט שוין געהאַט איר פאָרגעשיכטע: [19]

אין 1867 האָט אַלבערט כהן, דער פאַרטרעטער פון לאָנדאָנער ראָטשילד, געגרינדעט אַ קליין ביבליאָטעקל. עס האָט עקזיסטירט נאָר אַ פּאָר חדשים. די ירושלימער רבנים מיט ר׳ מאיר־אברהם אויערבאַך און ר׳ ישראל סאלאנט אין דער שפּיץ, האָבן אויסגערופן אַ חרם אויף דער ביבליאָטעק און זי האָט אויפגעהערט צו עקזיסטירן.

אין 1875, האָבן עטלעכע משכילים: ישראל־דוב פרומקין, אברהם־משה לונץ, מיכל הכהן, חיים פּרעס און עזרא בענעווענישטע ווידער גע־מאַכט אַ פּרואוו צו גרינדן אַ ביבליאָטעק אין ירושלים. משה מאָנטע־פיאָרע איז דענסטמאָל אַלט געוואָרן 90 יאָר. האָט מען זיך געווענדעט צו אים, ער זאָל אונטערשטיצן און דערלויבן אָנצורופן די ביבליאָטעק אויף זיין נאָמען. האָט ער אַריינגעשיקט פאַר דעם צוועק לכבוד זיין געבוירנטאָג גאַנצע פינף ענגלישע פונט און מען האָט די ביבליאָטעק אָנגערופן „בית אוסף ספרים אשר למונטיפיורי״.

די משכילים האָבן פאַרעפנטלעכט אַ קול קורא פאַר דער מאָנטע־פיאָרע־ביבליאָטעק אין „המגיד״. זיי זיינען געווען זיכער, אַז אידן וועלן זיך אָפּרופן, און זייער ווענדונג וועט אַריינברענגען אַסך ספרים און געלט. עס איז געקומען די ערשטע גרויסע אַנטוישונג. קיינער האָט זיך ניט אָפּגערופן. דערווייל האָבן רבנים געלאָזט וויסן משה מאָנטע־פיאָרן, אַז אין דער ביבליאָטעק געפינען זיך אויך אַפּיקורסישע ביכ־לעך. האָט מאָנטעפיאָרע פאַרלאַנגט, אַז מ׳זאָל אַראָפּנעמען זיין נאָמען פון דער ביבליאָטעק.

19) אברהם יערי — בית הספרים הלאומי והאוניברסיטאי בירושלים, תל־אביב, תש״ב.
פּראָפ. הוגאָ בערגמאַן — תולדות בית הספרים הלאומי, תל־אביב.

כמעט אין דערזעלבער צייט האָט אַ צווייטע גרופּע משכּילים: יחיאל־מיכל פּינעס, אפרים כהן, דירעקטאָר פון לערער־סעמינאַר פון „הילפסּפאַראיין דער דויטשן יודן", דוד יעלין, אליעזר בן־יהודה און אַנדערע געגרינדעט אַ קליינע ביבליאָטעק מיטן נאָמען „בית הספרים לבני ישראל מדרש אברבנאל". שפּעטער האָט זיך די פריערדיקע מאָנ־טעפיאָרע ביבליאָטעק פאַראייניקט מיט דער „מדרש אברבנאל" ביב־ליאָטעק און זיי זיינען געשטיצט געוואָרן פון דער „בני ברית לאָזשע" מיט צוויי טויזנט פראַנק אַ יאָר. עס איז אָבער אויך זיי ניט געלונגען צוזאַמענצוברענגען אַ היבש ביסל ספרים, וואָס זאָל באַפרידיקן די משכּילישע אינטעליגענץ אין ירושלים. די איניציאַטאָרן און די עסקנים זיינען אַליין געוואָרן אַנטמוטיקט. זיי האָבן אַראָפּגעלאָזן די הענט און האָבן זיך באַנוגנט מיט אַ קליין צימערל, וואו עס האָבן זיך געפונען אַ פּאָר פּאָליצעס מיט ספרים.

אין דעם מצב האָט עס דר. חאַזאַנאָוויטש געפונען דאָס ביבליאָ־טעקל, ווען ער איז אין 1890 געקומען קיין ירושלים און געהאָט אַ שמועס מיט די פירערס. זיי האָבן זיך אָנגעכאַפּט אָן זיין פּאָרשלאָג און זיי זיינען געוואָרן שותּפים, גרייט צו העלפן אים און צוזאַמען מיט אים רעאַליזירן דעם גרויסן געדאַנק פון גרינדן אַ נאַציאָנאַלע ביבליאָטעק אין אַ גרויסן פאַרנעם.

ווען דר. חאַזאַנאָוויטש איז צוריקגעקומען פון ארץ ישראל האָט ער זיך אַריינגעוואָרפן מיט לייב און לעבן אין דער זאַמל־אַרבעט פאַר דער ביבליאָטעק. מיט אומדערשעפּלעכער ענערגיע האָט ער געקליבן די בעסטע ספרים, אַלטע בילדער, פאַרטרעטן פון אידישע פּערזענ־לעכקייטן. ער האָט פאַר דעם מקריב געווען זיין פאַרמעגן, זיין קאַריע־רע, זיין לעבן. ער האָט אָפּגעגעבן דעם גרעסטן טייל פון זיין הכנסה, זיין גאַנצע צייט, ווי ער איז נאָר פריי געוואָרן פון זיין מעדיצינישער פּראַקטיק. זיין קאַבינעט, זיין שלאָפצימער זיינען תּמיד געווען פאַר־לייגט מיט ספרים פון דער פּאָדלאָגע ביזן פּאָלאָפ. ער איז אָפט געלעגן אויף דער ערד און געשטאַנען אויף לייטערס, און האָט די ביכער

פאַנאַנדערגעטיילט, וועלכע מ׳דאַרף איינבינדן, וועלכע מ׳קאָן אָוועק־שיקן קיין ירושלים.

אין 1895 האָט דר. חאַזאַנאָוויטש אויף איינמאָל אָוועקגעשיקט דעם ערשטן טראַנספּאָרט ביכער דורך אָדעס־יפו, 8,800 בענד אין 34 קאַס־טענס, וועלכע האָבן געהאַט אַ געוויכט פון 232 פוד. צווישן זיי זיינען געווען גרוואַלטיקע זעלטנהייטן, פון וועלכע די טוערס אין ירושלים האָבן גאָר קיינמאָל ניט געחלומט.

די פאַרוואַלטונג פון דער ביבליאָטעק אין ירושלים האָט באַלד צוזאַמענגערופן אַ זיצונג און באַשלאָסן אָנצורופן די ביבליאָטעק „בית הספרים הכללי לבני ישראל בירושלים מדרש אברבנאל וגנזי יוסף״, אָבער דעם תנאי, וואָס דר. חאַזאַנאָוויטש האָט מיט זיי אָפּגעמאַכט, אַז זיי זאָלן באַצאָלן דעם טראַנספּאָרט קיין ירושלים, האָבן די דאָרטיקע משכילים ניט אַזוי שנעל דערפילט. זיי האָבן ניט געהאַט די פאַר הונ־דערט רובל צו באַצאָלן די פראַכט, און די קאַסטנס מיט די טייערע ביכער האָבן זיך אַרומגעוואַלגערט אַ לענגערע צייט אין פּאָרט.

אַז מ׳האָט שוין דאָס געלט מיט צרות באַשאַפן מיט הילף פון סע־מינאַר־דירעקטאָר אפרים כהן און מען האָט אַריינבאַקומען די 34 קאַסטנס ביכער, האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז די געדונגענע פאַר צי־מערן זיינען צו קליין פאַר די אָנגעקומענע ביכער און זיכער ניט גענוג פאַר די ביכער, וואָס חאַזאַנאָוויטש האָט שוין דערווייל ווייטער געזאַמלט און האַלט אין זאַמלען. האָט מען גענומען טראַכטן וועגן אַן אייגענעם בנין פאַר דער ביבליאָטעק.

אין 1897 האָט די ביבליאָטעק שוין געהאַט 15,000 ביכער און די פראַגע פון אַן אייגענעם בנין איז געוואָרן זייער אַקטועל. דעמאָלט האָט זיך דער יונגער געלערנטער דוד יעלין, דער איידעם פון יחיאל־מיכל פינעס אַרויסגעלאָזן קיין לאָנדאָן און בערלין, כדי צו זוכן מיטלען פאַר דעם צוועק.

אין אָקטאָבער, 1899 האָט דר. חאַזאַנאָוויטש אַרויסגעלאָזן אַ דער־מאָנונגס־בריוו (מכתב להזכיר), וואו ער האָט געבעטן מ׳זאָל שאַפן אַ פאָנד פאַר אַ בנין:

„ווען איך בין צוגעטראָטן צו מיין אַרבעט, צו קויפן און זאַמלען ספרים מיטן צוועק צו גרינדן אַ אידיש נאַציאָנאַלע ביבליאָטעק — שרייבט חאַזאַנאָוויטש אין יענעם בריוו — האָב איך געזען אַ וויזיע: אין ירושלים, אונזער הייליקער שטאָט, וועט געבויט ווערן אַ גרויסער פּראַכטפולער בנין, און אין אים וועט ווערן קאָנצענטרירט אַלץ, וואָס אידישער גייסט האָט געשאַפן פון דעם טאָג אָן, וואָס אידן זיינען געוואָרן אַ פאָלק . . .״

אין דעם קול קורא רופט אָן חאַזאַנאָוויטש דעם בנין „בית נאמן״.

דערמוטיקט פון חאַזאַנאָוויטשעס אויסערגעוויינלעכע באַמיאונגען און זיינע כסדרדיקע ביכער־טראַנספּאָרטן, האָבן די ירושלימער שותפים אויך פאַרקאָשערט די אַרבל און אַנטוויקלט אַן אינטענסיווערע טעטיקייט, ביז עס איז געלונגען צו קויפן אַ פּלאַץ אין ירושלים, און אין 1900 אויסבויען דעם ערשטן פליגל פון נייעם בנין. חאַזאַנאָוויטש אַליין האָט זיך אויך באַטייליקט אין די הוצאות. דעם דאָזיקן פליגל האָט מען אַ נאָמען געגעבן: „בית נאמן וגנזי יוסף״. דער ווינקלשטיין צו דעם בנין איז געלייגט געוואָרן אין 1899.

אין אַ בריוו צו דר. חאַזאַנאָוויטש פון 18טן מאַי, 1899 באַגריסט אים דער היסטאָריקער שמעון דובנאָוו צו דער געשעעניש.

מיט שמעון דובנאָוו איז דר. חאַזאַנאָוויטש געשטאַנען אין פאַרבינדונג שוין פריער. ער האָט אים אַרויסגעהאָלפן מיט זעלטענע היסטאָרישע דאָקומענטן. אויף וויפיל דער גרויסער היסטאָריקער האָט דאָס אָפּגעשאַצט, איז צו זען פון אַ בריוו, וואָס שמעון דובנאָוו האָט געשיקט צו דר. חאַזאַנאָוויטש. דער בריוו איז דאַטירט דעם 30טן יולי, 1895, פון באָלשאָי פאָנטאַן:

„איך שיק אייך צוריק דעם פנקס פון טיקטין, וואָס איך האָב פון אים איבערגעזעצט אַסך וויכטיקע זאַכן, באַזונדערס וועגן ארבע ארצות אין לובלין און יאַראָסלאָוו. איר האָט אויפגעטאָן אַ גרויסע זאַך דערמיט, וואָס איר האָט געשטעלט אין מיין רשות דעם פנקס, וואָס זיין ווערט שטייגט אַריבער אַלע פנקסים, וואָס זיינען געווען

אין מיין האַנט. איך בין אייך אויף אייביק דאַנקבאַר. אייערע צווייִ בריוו האָב איך דערהאַלטן און איך דאַנק אייך פאַר דער פּינקטלעכער איבערזעצונג פון דער „רוזשינאַיער סליחה״ . . .״

אין זיין בריוו פון 18טן מאַי, 1899, וואָס מיר האָבן אויבן דער־מאָנט, שרייבט שמעון דובנאָוו:

„אויב איר האָט נאָך ניט אַוועקגעשיקט קיין ירושלים דאָס בוך „המעשה גדולה מגזרת אומאַן, דפוס תקמ״ג״ און „אמרי שפר״, בעט איך אייך צו לאָזן איבערזעצן פאַר מיר אַ קיצור פון די הקדמות איןביידע ביכער, אויב עס איז דאָרט דאָ אַ היסטאָריש ווערטפולער אינהאַלט . . .

אחד העם וואָס האָט זיך צוריקגעקערט פון ירושלים האָט מיר דער־ציילט, אַז ער האָט באַזוכט אייער ביבליאָטעק...״

אין אַ בריוו פון 28טן נאָוועמבער, 1900 פון אָדעס, דאַנקט אים שמעון דובנאָוו פאַר דעם בילד פון „בית נאמן״, וואָס חאַזאַנאָוויטש האָט אים צוגעשיקט[20].

גלייך נאָכדעם ווי דר. חאַזאַנאָוויטש האָט אַוועקגעשיקט זיינע ערשטע ביכער־טראַנספּאָרטן קיין ירושלים, פאַר וועלכע ער האָט באַ־קומען הונדערטע יישר־כוחס, האָט ער נאָך פאַרשטאַרקט זיין זאַמל־אַרבעט, ער האָט זיך גענומען דערצו מיט מער אימפּעט, ווייל דאָס איז דאָך געווען, ווי ער פלעגט זיך אויסדריקן, נאָר דער אָנהויב, נאָר די קינדער־שיכלעך פאַר דער ביבליאָטעק.

ער האָט געפירט אַ גרויסע אַגיטאַציע פאַר זיין ביבליאָטעק דורך בריוו, אויפרופן אין דער גאַנצער וועלט. ער האָט פאַראינטערעסירט וויכטיקע אידישע פּערזענלעכקייטן אין זאַמלען ביכער אין אַלע שפּראַכן און אויף אַלע געביטן. ער האָט אויפגעפאָדערט שרייבערס, פאַרלעגערס און סתם אידן, וואָס זאַמלען ביכער, זיי זאָלן שיקן מתנות פאַרן „בית נאמן״ אין ירושלים, דעם איינציקן אָרט, וואו די אידישע ליטעראַטור,

20) שמעון רבידוביץ — ספר שמעון דובנוב, אַרויסגעגעבן תשי״ד, לאָנדאָן, ניו יאָרק און וואַלדאַם.

די אידישע וויסנשאַפט וועט האָבן אַ קיום. אַסך האָבן זיך טאַקע אָפּגעשרופן, אָבער די בעסערע און זעלטענע ביכער האָט ער נאָך אַלץ געמוזט קויפן פאַר זיין אייגן געלט.

אויך זיינע פּאַציענטן, אַפילו די אָרעמסטע האָט ער ניט געשאַנעוועט. קומענדיק צו אַ קראַנקן, פלעגט ער קודם כל צוגיין צו די פּאָליצעס, צו די שאַפעס, צו די קאָמאָדעס און זוכן, נישטערן. ווען ער פלעגט געפינען עפּעס, וואָס האָט אים אינטערעסירט, פלעגט ער עס פשוט אַוועקנעמען. ער פלעגט אַרונטערנעמען ביי זיינע פּאַציענטן בילדער פון די ווענט: פּאָרטרעטן פון ר׳ יצחק־אלחנן, פון משה מאָנטעפיאָרע, פון אַדאָלף קרעמיע, פון באַראָן ראָטשילד און אַנדערע אידישע פּערזענלעכקייטן, מיט וועלכע עס פלעגן זיין פאַרפּוצט די ווענט פון די אידן אין מזרח־אייראָפּע.

אָט די בילדער האָבן דאָך דענסטמאָל אין אַ געוויסער מאָס אָפּגעשפּיגלט דעם גייסטיקן פּרצוף פון דעם בעל־הבית און דאָס איז געווען דער באַראָמעטער, וואָס פלעגט וויזן ווי רעליגיעז־פרום דאָס הויז איז געווען, אָדער ווי וויט די שטראַלן פון דער השכלה און אידישער רענעסאַנס זיינען דאָרט אַריינגעדרונגען.

אין גאַנץ ביאַליסטאָק האָט מען געוואוסט פון דער „אידייע־פיקס״ פון דעם באַליבטן פאָלקס־דאָקטאָר און ניט זעלטן פלעגן קראַנקע מענטשן פון אָרעמען און מיטעלן קלאַס, ניט האָבנדיק קיין האַלבן רובל צו באַצאָלן פאַרן וויזיט און ניט וועלנדיק ווידער אינגאַנצן אומזיסט, געבן דעם „טשיקאַוון״ דאָקטאָר אַן אַלטן ספר, אַ גמרא ציי אַ טייטשחומש, וואָס איז אַריבער צו זיי בירושה פון דור־דורות. חאַזאַנאָוויטש פלעגט עס אָננעמען מיט מער ליבשאַפט ווי מזומן געלט. ער איז געווען דאַנקבאַר פאַר אַזעלכע מתנות. דאָס האָט אים צוגעגעבן חיות.

עס פלעגט אָפט טרעפן, אַז, דורכפאָרנדיק מיט דער דראָזשקע אין די אָרעמע געסלעך פון דער אַלטער שול־געגנט, אָדער ערגעץ אַרום אַלטן בית עלמין, שמואל־שמידט געסל, פלעגט ער אַראָפּלויפן פון דראָזשקע און אַריינגיין אין אַן אָרעמע שטיבל פון אַן אלמנה און זיך שטעלן זוכן אין אַ קאָסטן מיט אַלטע שמות, ווייל ער האָט געוואוסט,

אַז גראָד צווישן שמות קאָן ער אַמאָל געפינען פערלען פאַר זיין זאָמ־לונג, וואָס דער עולם ווייס גאָרניט, וואָס פאַראַ נאַציאָנאַלן ווערט זיי האָבן.

מ. נ. סירקין שרייבט אין יאָר 1901 :[21]

. . . „איך וועל קיינמאָל ניט פאַרגעסן דעם רושם, וואָס האָט אויף מיר געמאַכט, ווען ער (חאַזאַנאָוויטש) האָט אין זיין צעוואָרפענעם ניט געאָרדנטן אופן ריידן, דערציילט ווי ער האָט איינמאָל געפונען בלעטער, איינצעלנע בלעטער פון אַ כתב־יד פון ווילנער גאָון, וואָס האָבן זיך געוואַלגערט אין בלאָטע און ער האָט ניט געקאָנט ראַ־טעווען דעם אוצר. פאַרשטיקטע טרערן האָבן זיך געפילט אין זיין ציטערדיקער שטימע און מיט אַ טיפן זיפץ פון האַרצן האָט ער זיך באַקלאָגט, וואָס „הינט פרעסן אויף אונזערע פרוכטן" . . .

סירקין רופט אָן חאַזאַנאָוויטשן „איש הרוח המצוין", „איינער אין זיין דור".

מען דערציילט :

חאַזאַנאָוויטש איז איינמאָל אַריינגעקומען צו אַ געפערלעכן קראַנקן אויף קראַטשאַקס געסל, צווישן פיאַסקעס און כאַנייקעס, דעם צענטער פון דער אידישער אָרעמקייט. נאָכדעם ווי ער האָט אונטערזוכט דעם קראַנקן, לויפט ער צו צו די הויכע פּאָליצעס מיט ביכער, רוקט צו אַ שטול, שטעלט זיך אויף אים און שלעפט פון דאָרטן אַלטע ספרים, געבונדן און ניט געבונדן. אויף איינמאָל טוט ער אַ זאָג :

— געזינטער . . . געזינטער . . .

— וואָס זאָגט איר, דאָקטאָר, ער איז געזינטער ? — פרעגן די אָנוועזנדיקע.

— יע . . . געזינטער . . . פאַר די ספרים, ווען זיי וועלן שטיין אין ירושלים איידער אין קראַטשאַקס געסל . . .!

פאַר דר. חאַזאַנאָוויטש איז אַלץ געווען אַ סחורה. אָבער ווען ער

21) ספר השנה, שנה שניה, תרס"א, ווארשא, זז. 293—294.

פלעגט אַנטדעקן אַן אַנטיק, אַ יקר המציאות, פלעגט עס זיין ביי אים אַ יום טוב, אַ וויכטיקע געשעעניש אין זיין איינזאַמען לעבן.

איינמאָל איז ער געפאָרן צו אַ קראַנקן אין זאַבלודאָווע, ניט ווייט פון ביאַליסטאָק, ווייל ער האָט זיך דערוואוסט, אַז דאָרט געפינט זיך דער זעלטענער ספר „שלטי הגבורים" פון ר' אברהם הרופא (אשכנזי) פון מאנטוא, איטאַליע.

ער פלעגט זיך יאָגן נאָך אַלטע הגדות מיט האַנט געמאָלטע ביל־דער און באַפּוצונגען פון אותיות. די קאָלעקציע פון הגדות איז היינט אין דער נאַציאָנאַל־ביבליאָטעק די גרעסטע אין דער וועלט. דר. חאַזאַ־נאָוויטש אַליין האָט ביזן יאָר 1913 צענויפגעזאַמלט 850 הגדות.

ער איז געשטאַנען אין פאַרבינדונג מיט אַלע גרויסע בוכהענדלערס און פלעגט באַקומען די רשימות פון די אַלטע ספרים, וואָס דאַרפן פאַרקויפט ווערן אויף ליציטאַציעס אין אַמסטערדאַם. ער פלעגט הייסן קויפן דאָס זעלטנסטע און טייערסטע. ווען ער פלעגט קריגן פון זיין ביכער־אַגענט, פון זיין מוכר־ספרים אַ ידיעה, אַז אויף דער ליציטאַציע האָט מען פאַר אים איינגעקויפט אַן אַנטיקוואַריש זעלטענעם בוך, פלעגט עס ביי אים זיין אַ שמחה און פלעגט עס דערציילן זיינע פריינט, באַקאַנטע און אַפילו פּאַציענטן.

ער פלעגט זיך אויך ווענדן צו די גרויסע בוכהענדלערס און פאַר־לעגערס, זיי זאָלן אים שיקן זייערע ביכער־אויסגאַבעס אַ מתנה פאַר זיין זאַמלונג. מיר גיבן דאָ אַ טעקסט פון אַזאַ בריוו צו די ברידער צוקערמאַן אין וואַרשע [22]) אין אידישער איבערזעצונג:

„ביאַליסטאָק, 3 אויגוסט, 1901.

„לכבוד המו"ס הנכבדים, האחים צוקערמאַן, שלום.

אין גיכן וועט פאַרענדיקט ווערן דער בנין פון דער נאַציאָנאַלער ביביליאָטעק אין ירושלים, וואָס דאַרף זיין נאָענט צום האַרצן פון יעדן פון אונז. היות עס איז מיר ניט מעגלעך מיט מיינע פּריוואַטע

22) אגרות סופרים עברים פון דר. מרדכי־זאב רייזין, הוצאת ישראל מ"ז, ברוקלין־ניו יאָרק, 1947, עמוד 203.

מיטלען איינצוקויפן אַלע ספרים וואָס ווערן געדרוקט און דער־שיינען, ווענד איך זיך צו אייך מיט דער בקשה, איר זאָלט זיין אַזוי גוט און מנדב זיין פאַר דער אויבנדערמאָנטער ביבליאָטעק צו איין עקזעמפּלאַר פון יעדן בוך, וואָס דערשיינט דורך אייך.
די ווילנער פאַרלעגער האָבן גענומען אויף זיך מיין בקשה צו דערפילן.

ברגשי כבוד,

דר. חאַזאַנאָוויטש״


Dr. Joseph CHAZANOWICZ

[illegible]

עס האָט זיך ביי דר. חאַזאַנאָוויטש אַנטוויקלט אַ ביבליאָמאַניע, אָבער פאַרבונדן מיט אַ הויכן אידעאַל, ווייל ער האָט געזאַמלט ניט פאַר זיך נאָר פאַר דער אידישער נאַציאָנאַל־ביבליאָטעק.

אין פירן חאַזאַנאָוויטשעס קאָרעספאָנדענץ מיט די מוכרי ספרים און בכלל ביי דער גאַנצער אַרבעט פון באַשטעלן, ברייינגען אין אָרדע־נונג די ביכער, פלעגן אים העלפן זיינע מקורבים: ליטמאַן ראָזענטאַל, יהושע העשל קלעמענטינאָווסקי, א. ש. הערשבערג, אליעזר־יצחק פייגין, וועלכער איז געווען אַ געוויסע צייט זיין סעקרעטאַר, נח מעלניק און זיין ברודער יוסף מעלניק. אויך אייניקע אינגערע לייט האָט דר. חאַזאַנאָוויטש אַריינגעצויגן אין דער אַרבעט: שמואל־לייב ראַבינאָוויטש, וואָס האָט דענסטמאָל געאַרבעט אין דער באַנק־קאָנטאָר „פערליס און גינזבורג", פלעגט, ווי ער אַליין דערציילט אין זיינע זכרונות, אָפּשיקן ביכער־פעקלעך דורך פאָסט, און יעקב פאַט, וואָס האָט געהאַט אַ שיינע האַנטשריפט און באַהערשט אַ גוטן לשון קודש פלעגט זיצן שעהן לאַנג ביי חאַזאַנאָוויטשן אין די אָוונטן און שרייבן רשימות פון ביכער, וועלכע מ'פלעגט דאַרפן אָפּשיקן קיין ירושלים.

פון זיין אַרבעט פאַר חאַזאַנאָוויטשן שילדערט שמול־לייב ראַבי־נאָוויטש אין זיינע זכרונות:[23])

„דר. חאַזאַנאָוויטש האָט מיך ביסלעכווייז אַריינגעשלעפּט אין זיין „עבודת הקודש" פאַר דער ביבליאָטעק „בית נאמן וגנזי יוסף בירושלים". אין אָנהויב פלעג איך נאָר טראָגן די פאַקעטן אויף דער פּאָטשט, אָפּגעבן זיי „זאַקאַזנאַיע" (רעגיסטרירט), אָפּשטיין אַ האַלבע שעה אויף דער אַלטער רוסישער פּאָטשט, מיט דער אַלטער פאַרשימלטער אָרדענונג, ביז מיין „אָטשערעד" (ריי) איז אָנגע־קומען. דער אַנטיסעמיט אַפּאַנאַסיעוו, מיט די טונקעלע ברילן פלעגט זיך באַטראַכטן דעם פּעקל, צי עס איז גוט פאַרפאַקט און מיך טאַקע אַוועקשיקן צוריק מיט אַ רוסישן „מי שברך".

23) ביאַליסטאָקער שטימע, מערץ־אַפּריל, 1949.

— סטופּאַיטע ק׳טשאַרטו ס׳וואַשימי פּאָסילקאַמי (גייט צום טייוול מיט אייערע פּעקלעך).

חאַזאַנאָוויטש איז געווען אַ גרויסער מקפּיד, אַ פּעדאַנט. ער האָט געמוזט אַליין פּאַרפּאַקן די פּאָסילקעס און אַליין אָנשרייבן דעם אַדרעס. איז דער פּעקל געווען ניט גוט פאַרבונדן, אָדער מ׳האָט ניט געקאָנט איבערלייענען גוט דעם אַדרעס, פלעג איך זיך אויף דער ענגער טונקעלער פּאָטשט אויף אַלעקסאַנדראָווסקאַיאַ (ניי־שטאָט), לעבן ריגער באַנק אָפּמאַטערן מיטן איבערפּאַקן, איבער־שרייבן דעם אַדרעס און זיך ווידער שטעלן אין „אָטשערעד״.

איך האָב שוין געוואוסט, אַז ניט זיינע פּעקלעך, וואָס ער, חאַזאַ־נאָוויטש פּאַרפּאַקט, טויגן און ניט מען קאָן לייענען זיין האַנט־שריפט. פלעג איך זיך בעטן ביי אים:

— לאָזט מיך איינפּאַקן און אָנשרייבן דעם אַדרעס.

— ניין! — פלעגט ער מיר שאַרף אָפּענטפערן — פאַר קיין געלט ניט!

ער האָט געגלויבט, אַז נאָר זיינע פּאַקעטן קומען אָן און נאָר ווי ער פּאַרפּאַקט זיי אין דיקע בלויע „באַבולע״ פּאַפּיר ווי פון אַ „הוט־צוקער״ און ווי ער שרייבט דעם אַדרעס מיט זיינע יעראָ־גליפן, איז גוט.

. . . נאָכדעם ווי חאַזאַנאָוויטש האָט געזען די שוועריקייטן מיטן ערשטן טראַנספּאָרט, אַז דער ירושלימער קאָמיטעט האָט ניט גע־האָט קיין געלט אויסצולייזן די ספרים, האָט ער איינגעפירט אַזאַ סיסטעם: וויכטיקע ביכער וואָס זיינען ניט גרעסער ווי „אָקטאַוו״ און וועגן ניט מער, ווי די פּאָטשט האָט אָנגענומען, פלעגט ער אַוועקשיקן „זאַקאַזנאַיע״ דורך פּאָסט. אַלע טאָג, איין־צוויי פּעק־לעך, כדי עס זאָל ניט זיין קיין שוועריקייטן מצד דער טערקישער רעגירונג, וואָס האָט בכלל געקוקט מיט חשד אויף ביכער. די פּעקלעך פלעגט ער שיקן אויף צוויי „כשרע״ אַדרעסן: איין טאָג פלעגט ער שיקן אויפן אַדרעס פון ספרדישן אויבערראַבינער (חכם־באשי) פון ירושלים, ר׳ יעקב־שאול אלישר, און דעם צווייטן טאָג

— אויפן אַדרעס פון אפרים כהן, דירעקטאָר פון דער „לעמעל־שולע”,ביידע חשובע פערזאָנען אין די אויגן פון די טערקישע רעגירונגס־באַאַמטע.

. . . ווען איך פלעג אין אָוונט קומען צו חאַזאַנאָוויטשן אים אָפּ־געבן די „ראָספּיסקעס” (קוויטונגען) און איינקאַסירן דאָס געלט וואָס איך האָב אויסגעלייגט, פלעג איך דאָרט ביי אים טרעפן פאַרשוינען, וואָס סיי נאָך זייער אויסערלעכער הליכה, סיי נאָך זייער ריידן, האָבן זיי מיר אויסגעזען עפּעס משונה׳דיק. דאָס זיינען געווען אידעאַליסטן פון ארץ ישראל, פון די „בילו׳צעס” (בית יעקב לכו ונלכה), געוועזנע סטודענטן, וואָס זיינען נאָך די ערשטע פּאָגראָמען אין רוסלאַנד אין 1881 אַוועק, ווי זיי שטייען און גייען, קיין ארץ ישראל באַאַרבעטן דאָרט די ערד. איצט, 16־17 יאָר שפּעטער, האָבן איינצעלנע פון זיי אָנגעהויבן קומען קיין חוץ לארץ, זיך זען מיט קרובים אָדער צו פאַרענדיקן זייער סטודיום.

. . . איינמאָל, ווען איך בין אַריינגעקומען, האָב איך געזען, ווי ביי חאַזאַנאָוויטשעס שרייבטיש זיצט אַ איד מיט אַ קליינער שפּי־ציקער געלער בערדל. ער רעדט עפּעס משונה׳דיק און חאַזאַנאָ־וויטש קרימט זיך, ווייל ער האָט אים ניט גוט פאַרשטאַנען. דר. חאַזאַנאָוויטש ווינקט צו מיר, איך זאָל צוגיין נענטער און אים אַרויסהעלפן. איך הער זיך צו: דער איד רעדט עפּעס אַ מין „תרגום שני־לשון”. עס איז העברעאיש און פאָרט ניט העברעאיש: „שאבאט, שאלאָם, חיבאט ציאָן” און נאָך אַזעלכע דיאַלעקטן. נאָך זיין אָנטועכץ און ריידן האָב איך געמיינט, אַז ער איז אַרונטער־געקומען צו אונז פון די „עשרת השבטים” פון יענער זייט סמבטיון. דאָס איז געווען אליעזר בן יהודה (פּערעלמאַן) פון ירושלים, אַ געוועזענער סטודענט פון פּאַריזער „סאָרבאָנע”, וואָס איז אַוועק אין 1881 קיין ירושלים און האָט אָנגעהויבן צו באַלעבן און פאַר־מירן די העברעאישע שפּראַך. בן־יהודה האָט שוין דעמאָלט, 1897, געאַרבעט איבער זיין גרויסן לעקסיקאָן „מלון הלשון העברית”.

דר. חאַזאַנאָוויטש האָט זיך מוסר נפש געווען פאַר דער אידייע פון שאַפן אַ גרויסע אידישע נאַציאָנאַל ביבליאָטעק. ער האָט טאַקע גע־נומען ביכער וואו ער האָט נאָר געקאָנט. ער האָט באַקומען אַסך מתנות, אָבער ער האָט אַסך, זייער אַסך און די בעסטע ביכער געקויפט פאַר זיין אייגן געלט פון זיינע פאַרדינסטן. ער פלעגט אַ גאַנצן טאָג אַרומ־פאָרן צו קראַנקע, קומען אין אָוונט אַ פאַרמאַטערטער, נעמען איבער־ציילן זיינע האַלבע רובלס, צוואַנציקערס און גילדנס, און פלעגט זיך גלייך נעמען צו די קאַטאַלאָגן און רשימות, וועלכע ספרים ער קאָן איינקויפן, וויפיל ער קאָן לאָזן איינבינדן. ער האָט פאַר זיינע אייגענע מיטלען געקויפט 6,000 ביכער. דערפאַר האָט ער געפילט, אַז ער האָט דאָס רעכט אויך פאָדערן פון אַנדערע, זיי זאָלן אים העלפן מיט ביכער און געלט.

באַזונדערס האָט ער עס פאַרלאַנגט פון זיינע חברים „חובבי ציון" און שפּעטער אין דער תקופה פון „פּאָליטישן ציוניזם", האָט ער עס נאָך אין אַ שטאַרקערער מאָס געפאָדערט פון די אָרגאַניזירטע ציוניסטן.

ער האָט אויך גערעדט וועגן זיינע ספרים און וועגן זיין „בית נאמן" אויף די קאָנגרעסן און בעת די קאָנגרעסן. ער האָט געהאַלטן אין איין פאָדערן פינאַנציעלע און מאָראַלישע שטיצע, אָבער ער האָט אין דעם פּרט דערלעבט גרויסע אַנטוישונגען. די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע און די ציוניסטישע קאָנגרעסן האָבן וויניק געוויכט געלייגט אויף קולטור, אויף ביבליאָטעקן, ניט קוקנדיק אויף דעם, וואָס דר. הערצל האָט אין זיין דערעפענונגס־רעדע אויף דעם ערשטן ציוניסטישן קאָנגרעס דער־קלערט, אַז „ציוניזם איז דער צוריקקער צו אידישקייט, איידער מען קערט זיך צוריק אין אידיש־לאַנד". די קאָנגרעסן האָבן קולטור־ענינים באַהאַנדלט צו נעילה, אָפּגעפּטרט מיט אַ פּאָר דרשות, איבערגעגעבן אַ קאָמיסיע און זיך אין בעסטן פאַל באַשרענקט מיט אַ באַווויליקונג פון קליינע פאָנדן פאַר די צוועקן.

אין יאָר 1900 האָט דער קאָנגרעס באַשלאָסן צו געבן אַ יערלעכן ביישטייער פון 1,000 פראַנק פאַר דער ביבליאָטעק.

אין אַ בריוו אַדרעסירט צו דר. טעאָדאָר הערצל, פּרעזידענט פון

ציוניסטישן אַקציאָנס קאָמיטעט, דאַטירט פון 14טן יאַנואַר, 1901, שרייבט די פאַרוואַלטונג פון דער אידישער צענטראַל ביבליאָטעק אין ירושלים, „מדרש אברבנאל וגנזי יוסף״:

„ . . . פאַרדאַנקט דאָך די צענטראַל ביבליאָטעק איר אַנטשטיין דער מסירה־נפש׳דיקער אַרבעט פון דר. האַזאַנאָוויטש, דעם אייַדעלן קעמפער פאַר דער ציוניסטישער אידייע, און דער ציוניסטישער קאָנגרעס האָט מיט דער באַוויליקונג פון אַ יערלעכער סובווענציע אין אַ בולטן אופן דעמאָנסטרירט זיין סימפּאַטיע לגבי דער ביבליאָטעק . . . ״[24])

דר. האַזאַנאָוויטש האָט זייער געליטן דערפון, וואָס די ציוניסטן און די ציוניסטישע קאָנגרעסן האָבן געשענקט אַזוי ווייניק אויפמערקזאַמקייט זיין ליבלינגס־אידעאַל — זיין ביבליאָטעק, זיין ווערק, וואָס ער האָט אין דעם געזען דעם ווידעראויפבוי פון אידישן גייסט אין אידישן לאַנד. צווישן די ווינציקע, וואָס האָבן אים געהאָלפן, זיינען געווען: מנחם אוסישקין, י. ל. גאָלדבערג און מרדכי בן הלל הכהן.

נאָך אַזעלכע אַנטוישונגען פלעגט דר. האַזאַנאָוויטש זיין זייער אויפגערעגט. דער שטאַרק נערוועזער מענטש פלעגט ווערן נאָך נערוועזער. זיין אויפרעגונג האָט דענסטמאָל דערגרייכט די העכסטע מדרגה. ער האָט ניט געקאָנט רואיק ריידן. ער פלעגט אויסלאָזן זיין גרימצאָרן אויף זיינע פּאַציענטן, אויף יעדן אידן, וואָס ער פלעגט אָנטרעפן אין גאַס. זיינע קראַנקע האָבן געהאַט פון אים אויסצושטיין די גרעסטע באַליידיקונגען. פאַרנדיק אויף וויזיטן אין דעם צושטאַנד, פלעגט ער פלוצלונג אָפּשטעלן זיין דראָזשקע, אַראָפּגיין צו אַ באַקאַנטן אידן, וואָס ער פלעגט טרעפן אויפן גאַס, אָנכאַפּן אים פאַרן לאַץ און אויסגיסן זיין שווער האַרץ אויף די אידישע אינטעליגענציע, אויף די גבירים, אויף די רבנים. ער פלעגט דערביי שרייען, פאַרמעסטן זיך מיט די פויסטן:

— אידעלעך . . . שמאַטע־אידעלעך . . . פאַרשטייען זיי . . .

24) פאָטאָסטאַט פון בריוו לויט אַ מיקראָפילם צוגעשיקט פון צענטראַלן ציוניסטישן אַרכיוו אין ישראל, זען הוספה ד.

געוויינטלעך פלעגט באַלד אַרום אים ווערן אַ געזעמל מענטשן. אַנדערע האָבן אים אויסגעהערט און צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ. אַנדערע האָבן אים באַטראַכט און מיט באַדויערן געקוקט אויפן ניט „גאַנץ נאָר־מאַלן" דאָקטאָר, און ער פלעגט שפּריצן מיט כעס:

— אידעלעך . . . פאַרשטייען זיי . . . אַלטע הויזן פאַרקויפערס . . . טשאָלענט־אידעלעך . . .

אַסך האָבן אים געהאַלטן פאַר אַ „משוגענעם", אָבער די, וואָס האָבן אים נענטער געקענט, האָבן געוואוסט, וואָס ער מיינט, פאַרוואָס ער זידלט אַזוי אידן, וואָס אין דער אמתן האָט ער זיי ליב. זיי האָבן פאַרשטאַנען, אַז אין אים רעדט דער אידעאַליסט, וועלכער איז זיך מקריב פאַר אַ פאָלקס־אידייע, וועלכער רופט און דאָס פאָלק הערט אים ניט.

אין יאָר 1903 האָט דר. חאַזאַנאָוויטש אַרויסגעלאָזט אַן אויפרוף צו די אידן אין דער וועלט. דער אָפּיל איז דערשינען אין פאָרם פון אַ דין ביכל, אין העברעאיש, וואָס איז געדרוקט געוואָרן אין דער דרו־קעריי פון „המליץ", אין פעטערבורג, אונטערן נאָמען „דברים אחדים בדבר בית־הספרים שבירושלים". דאָס ביכל איז 52 יאָר אַלט און איז בשעתו וויניק פאַרשפּרייט געוואָרן צווישן די אידן אין אויסלאַנד. זיין אינהאַלט איז אַפילו צווישן די אידישע מאַסן אין מזרח־אייראָפּע זייער וויניק באַקאַנט געוואָרן. פון יעדער שורה, פון יעדן וואָרט קאָן מען אַרויספילן דעם צער און דעם ווייטיק פון דעם גרויסן אידן, וואָס האָט גערופן דאָס פאָלק וועגן אַ גרויסן פאָלקס־ענין, און דאָס פאָלק האָט עס ניט פאַרשטאַנען און ניט געהאָלפן. [25]

דעם געמיט־צושטאַנד פון דר. חאַזאַנאָוויטש אין יענער צייט שיל־דערט א. ש. הערשבערג, אין אַ שמועס וואָס ער האָט געהאַט מיט חאַזאַנאָוויטשן: [26]

25) פולער טעקסט אין יידישער איבערזעצונג זען הוספה א.
26) אורח עברי — שיחה עם הדר. יוסף חאַזאַנאָוויטש אין הצפירה נומ. 113 פון 15—28 מאַי 1903.

„. . . איינער האָט מיר היינט איבערגעגעבן אַן אַמעריקאַנער צייטונג — זאָגט חאַזאַנאָוויטש — וואו מ׳שרייבט וועגן מיר און מיין אַרבעט גוזמאות און ליגנס. איך האָב די צייטונג צעריסן. וואָס נוצט מיר, וואָס זיי פאַרשפרייטן מיין נאָמען אין די צייטונגען? זאָלן זיי מיר בעסער שיקן ביכער אָדער געלט און ניט דערמאָנען מיין נאָמען . . .“

אין אַ צווייטן אַרטיקל שרייבט הערשבערג [27]), ווי דר. חאַזאַנאָוויטש האָט אים מיט קינדערשער התפעלות דערציילט, אַז ער האָט איצט געפונען דעם „פירוש הרמבן על התורה“, דרוק ליסאַבאָן אין רמ״ט, דיזעלבע אויסגאַבע, וואָס ער, חאַזאַנאָוויטש, האָט עס געזען אַמאָל אין בריטישן מוזיי אונטער גלאָז. עס איז שטענדיק געווען זיין חלום עס צו האָבן אין זיין ביכער־זאַמלונג, און ער האָט עס איצט באַקומען ביי אַ אידישן בוכהאַנדלער פאַר 250 מאַרק.

אין יאָר 1903 האָט זיך אין ביאַליסטאָק געבילדעט אַ „קאָמיטעט פאַר דער אידישער נאַציאָנאַלער ביבליאָטעק“. פאָרזיצער פון קאָמיטעט איז געווען דר. חאַזאַנאָוויטש. דער סעקרעטאַר — ליטמאַן ראָזענטאַל. אין 1904 איז געוואָרן סעקרעטאַר — דוד סוכאָוואָלסקי. זיגפריד צאוזמער (אוראייניקל פון גביר יצחק זאַבלודאָווסקי [28])), אַ באַקאַנטער געזעלשאַפטלעכער טוער, האָט געפירט די קאָרעספּאָנדענץ אין דייטש און ענגליש, און לעאָן פּאַפּערין — אין רוסיש און פראַנצויזיש. די הויפּט אויפגאַבע פון קאָמיטעט איז געווען זיך צו ווענדן צו די ציוניסטישע גרופּעס אין אַלע גרעסערע אידישע ישובים זיי זאָלן דערפילן זייער חוב פון איינצאָלן אַ יערלעכן ביישטייער פון לפחות 3 רובל פאַר דער נאַציאָנאַל־ביבליאָטעק און דערמיט אויספירן דעם באַשלוס פון זעקסטן ציוניסטישן קאָנגרעס. [29])

27) עובר אורח — שיחה עם הדר. יוסף חאַזאַנאָוויטש אין הצפירה נום, 230 פון 22—9 אָקטאָבער, 1903.

28) ביאַליסטאָקער לעקסיקאָן, ביאַליסטאָק, 1935, ז. 133.

פאָטאָסטאַט פון אַ בריוו פון קאָמיטעט צו מ. מ. אוסישקין. זען הוספה ג.

דער ציוניסטישער אַקציאָנס קאָמיטעט האָט אין 1903 אויך געגעבן אַ סובסידיע פון 2,000 פראַנק פאַר דער ביבליאָטעק.[30]

פון יאָר צו יאָר פלעגט חאַזאַנאָוויטש וואַרטן אויפן קאָנגרעס ווי אויף משיחן, און ווען ער האָט געזען, ווי ווייניק אינטערעס די קאָנגרעסן און ציוניסטן בכלל ווייזן אַרויס פאַר קולטור־אַרבעט און קעגנוואַרט־אַרבעט, האָט ער זיך געפילט שטאַרק באַליידיקט און נידערגעשלאָגן. ער האָט געפילט, אַז די קליינע סומען, וואָס זיי גיבן יאָ פאַר דער ביבליאָטעק איז עס נאָר פון יוצא וועגן, און דאָס האָט אים זייער ווי געטאָן.

ער האָט זיין וואָרנונג אין זיין ווענדונג „דברים אחדים", אַז ער וועט סוף כל סוף אויך פאַרלאָזן די אַרבעט, ניט אויסגעפירט. ער האָט ניט געקאָנט פועלן ביי זיך, נאָך די אַלע פיזישע, מאָראַלישע און מאַ־טעריעלע אָנשטרענגונגען, אינגאַנצן אָפּצושטעלן די טעטיקייט. ער האָט עס ווייטער פאָרגעזעצט, אָבער ניט מיט דער באַגייסטערונג, ניט מיט דעם אימפעט ווי פריער.

ער האָט געאַרבעט ווי אַ מילב, שטיל און פלייסיק, געקליבן אַ בוך נאָך אַ בוך און טראַנספּאָרטירט אַ קאַסטן נאָך אַ קאַסטן.

נאָכן ביאַליסטאָקער פּאָגראָם אין 1906 האָט חאַזאַנאָוויטש אָפּגע־שיקט 162 פוד ביכער קיין ירושלים. דערביי איז אויך געווען אַ פינף־פוד שווערע חנוכה מנורה, בילדער פון רבנים, קופּערשטיכן און אַנ־דערע זעלטענע זאַכן.

ער פלעגט ווייטער זיצן אין די אָוונטן און שטודירן די צייטונגען, טעגלעכע, וועכנטלעכע און מאָנאַטלעכע אידישע אויסגאַבעס אין העב־רעאיש, אידיש, רוסיש און דייטש, שטודירן די קאַטאַלאָגן, די רשימות פון ניי־דערשיינונגען. ער פלעגט ווייטער זאַמלען און קויפן, וואָס ער האָט געקאָנט.

ער האָט נאָך אין די לעצטע יאָרן, ערב דער מלחמה, באַטראַכט

30) לויט אַ בריוו פון 11טן יאַנואַר 1903 פון „מדרש אברבנאל". דער מיקראָ־פילם איז צוגעשיקט פון צענטראַלן ציוניסטישן אַרכיוו צום מחבר.

יעדן אידישן בוך, וואָס ער האָט ניט געקאָנט קויפן, אָדער באַקומען אַלס אַ מתנה פאַר דער ביבליאָטעק, ווי מ׳וואָלט עס פון אים מיט געוואַלט אַוועקגעגזלט.

אַחוץ דעם פאַרדרוס, וואָס מ׳האָט אים ניט געהאָלפן אין זיין אַר־בעט, האָט ער זיין טעטיקייט פאַר דער ביבליאָטעק אין די לעצטע יאָרן באַשרענקט צוליב דעם, וואָס ער האָט פון זיינע פאַרדינסטן געקליבן אַ נדן און אַ קאַפּיטאַל פאַר זיינע מיידעלעך־קוזינקעס, פאַר זיין משפחה. אָבער פון צייט צו צייט פלעגט ער זיך דאָך ניט קאָנען באַהערשן, און ווען ער פלעגט עפּעס געפינען אינטערעסאַנטעס, זעלטענעס פאַר דער ביבליאָטעק, פלעגט ער מאַכן אַן הלואה פון די אָפּגעלייגטע געלט, און די הלואה האָט אין 1913 דערגרייכט ביי 5,000 רובל.

כדי צו זיכערן די ביבליאָטעק און איר פאַרמעגן לגבי די טער־קישע געזעצן, וואָס האָבן דענסטמאָל געהערשט, האָט דער ירושלימער קאָמיטעט, אויף דער איניציאַטיוו פון אחד העם, באַשלאָסן דאָס אייגנ־טום־רעכט אויף דער ביבליאָטעק איבערשרייבן דעם קרן קימת לישראל אין לאָנדאָן, וועלכע איז געווען אַן ענגלישע אינסטיטוציע. דערויף האָט מען געדאַרפט האָבן אַ פאָרמעלע דערקלערונג פון דעם גרינדער און אייגנטימער פון דעם גרעסטן טייל ביכער — דר. חאַזאַנאָוויטש.

די דערקלערונג איז אויסגעאַרבעט געוואָרן פון דער ירושלימער פאַרוואַלטונג צוזאַמען מיט דר. אַרטור רופּין, און האָט געהאַט פאָלגנ־דיקן נוסח:

„ביאַליסטאָק, 3 אָקטאָבער, 1903.

נאָכדעם ווי איך האָב מיר געשטעלט פאַר מיין לעבנס־אויפגאַבע צו שאַפן אַ זיכערן יסוד פאַר אַ אידישע נאַציאָנאַלע ביבליאָטעק אין ירושלים, דער הויפּטשטאָט פון ישראל, האָב איך אין משך פון אַסך יאָרן געשיקט דאָרט ביכער, וועלכע האָבן געדינט צוזאַמען מיט אַנדערע זאַמלונגען דעם צוועק צו גרינדן די אברבנאל ביבלי־אָטעק אין דער הייליקער שטאָט ירושלים.

איצט, ווען איך בין שוין אַלט, וויל איך, אַז די דאָזיקע ביבליאָ־טעק זאָל אויף אייביקע צייטן ווערן דאָס אייגנטום פון אידישן

פאָלק. איך דערקלער, אַז איך גיב אָפּ אַלע ביכער, וואָס געפינען זיך אין בית הספרים אברבנאל אין ירושלים אַלס מתנה צו דער געזעלשאַפט „קרן קימת לישראל" (אידישער נאַציאָנאַל פאָנד) אין לאָנדאָן. די געזעלשאַפט זאָל פון איצט אָן זיין איר איינציקער בעל־הבית. איך וואַרף אַריף אַ חוב אויף דער פאַרוואַלטונג פון דער ביבליאָטעק און אויף אַלע, וואָס אין זייערע הענט געפינט זיך פאַקטיש די ביבליאָטעק אין גאַנצן אָדער טיילווייז, איבערצוגעבן עס דעם קרן קימת דורך זייער געזעצלעך באַפולמעכטיקטן פאַר־טרעטער וואָס שנעלער און אין גוטן צושטאַנד.

דער קרן קימת פאַרפליכטעט זיך פון זיין זייט איבערצונעמען די ביבליאָטעק אין זיין רשות ניט שפּעטער ווי אין 5 יאָר פון דעם טאָג, וואָס די דערקלערונג איז אונטערגעשריבן.

רופא יוסף בן אהרן חאַזאַנאָוויטש.

דער שטעמפּל פון נאָטאַר,

וואַסילי סטעפּאַנאָוויטש

יאַנאָווסקי, ביאַליסטאָק".

די דערקלערונג האָט דר. אַרטור רופּין אָפּגעשיקט דעם 10טן פעברואַר, 1910, צו דער פאַרוואַלטונג פון קרן קימת אין לאָנדאָן. [31])

דער צענטער קאָנגרעס, וואָס איז פאָרגעקומען אין באַזעל 9־15טן אויגוסט, 1911, האָט לויט אַ פאָרשלאָג פון דר. ווייצמאַן, באַשטימט אַ ספּעציעלע קאָמיסיע פאַר די ענינים פון דער נאַציאָנאַל־ביבליאָטעק פון פאָלגנדע פערזאָנען: דר. חאַזאַנאָוויטש, פּראָפעסאָר וואַרבורג, ראַבינער־סאָן, דר. היינריך לעווע, נ. סירקין, הלל זלאַטאָפּאָלסקי, ליטמאַן ראָזענ־טאַל, פּראָפ. זלמן שעכטער און דוד יעלין.

לויט אַ ספּעציעלער דערקלערונג פון מאַרמאָרעק, דאַרף די קאָ־

31) אברהם יערי — בית הספרים הלאומי והאוניברסיטאי בירושלים, תל־אביב, תש"ב.

פּראָפ. הוגאָ בערגמאַן — תולדות בית הספרים הלאומי בירושלים, תל־אביב.

דייטשע איבערזעצונג פון דאָקומענט אין מיקראָפילם־פאָטאָסטאַט צוגעשיקט פון צענטראַלן ציוניסטישן אַרכיוו אין ירושלים געפינט זיך אין אַרכיוו פון דער ביאַליסטאָקער היסטאָרישער געז.

מיסיע זאָרגן פאַר דער אויסברייטערונג און ווייטערדיקער אַנטוויקלונג פון דער נאַציאָנאַלער ביבליאָטעק אין ירושלים.[32]

מיר גיבן דאָ אַ פאַקסימיליע פון דר. חאַזאַנאָוויטשעס בריוו צו פראָפ. וואַרבורג, וואו ער דערקלערט, אַז ער איז מסכים מיט דער וואַל פון ראַבינערסאָן, זלאַטאָפּאָלסקי און סירקין אַלס מיטגלידער פון דער קאָמיסיע. דער בריוו איז געשריבן מיט זיין אייגענער האַנט.[33]

Ich bin mit d. Wahl
der Herren Rabbinowitsch-Zlato-
polsk. und Syrkin einverstanden
mit
vorzüglicher Hochachtung
und Zionsgruss
J. Chazanowitz

אין יאָר 1913 האָט דר. חאַזאַנאָוויטש אַרויסגעגעבן אַ ביכל אונ־טערן נאָמען: „דבר אל העם העברי על אוצר הספרים בירושלים", געדרוקט אין דער דרוקעריי פון „הצפירה" אין וואַרשע.[34] ער האָט עס געשריבן אַ יאָר פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה, אַ יאָר פאַר דעם,

32) סטענאָגראַפישער פּראָטאָקאָל פון די פאַרהאַנדלונגען אויפן צענטן ציוניס־טישן קאָנגרעס אין באַזעל, אַרויסגעגעבן פון ציוניסטישן אַקציאָנס קאָמיטעט.

33) לויט אַ מיקראָפילם צוגעשיקט פון ציוניסטישן צענטראַל־אַרכיוו אין ירושלים.

34) פולער טעקסט אין יידישער איבערזעצונג. זען הוספה ב.

ווי ער האָט פאַרלאָזן ביאַליסטאָק אויף שטענדיק און דערמיט זיך אייגנטלעך אָפּגעזאָגט פון זיין רייכער שעפערישער געזעלשאַפטלעכער און נאַציאָנאַלער אַרבעט. ער גיט דאָרט אָן איבערבליק איבער זיין 25־יאָריקער טעטיקייט פאַר דער אידישער פאָלקס־ביבליאָטעק. ער דריקט אויס זיין אומצופרידנקייט מיט דעם, וואָס איז ביז איצט דער־גרייכט געוואָרן. ער האָט טענות צו ציוניסטן, צו ציוניסטישע אָרגאַ־ניזאַציעס און סתם צו יחידים, וואָס מ׳האָט ווייניק געהאָלפן, אָבער אויך צו זיך אַליין:

„גיכער זיינען מיר דאָ מסתמא די שולדיקע, וואָס מיר האָבן צו ווייניק געוועקט און געמונטערט און ניט גענוג אויפגעקלערט דאָס פאָלק וועגן דער וויכטיקייט און נאַציאָנאַלער נויטיקייט פון דער אינסטיטוציע . . .״

ער אַפּעלירט צום לעצטן מאָל צו זיינע פאָלקסברידער:

„דערלאָזט ניט, אַז דאָס וואָס מיר האָבן ביז איצט אויפגעבויט זאָל חרוב ווערן.״

און ער פאַרענדיקט זיין לעצטע ליטעראַרישע ירושה מיט די ווערטער:

״. . . באַוויזט נאָך איינמאָל, אַז מיר זיינען אַ פאָלק מיט פעלקער גלייך און אַז דאָס אידישע פאָלק לעבט . . .!״

אַ יאָר שפּעטער, ווען ער איז אַלט געוואָרן 70 יאָר, אַלט, מיד און אַנטוישט, האָט ער זיך וואָס מער און מער צוריקגעצויגן פון דער אַק־טיווער אַרבעט. אָבער ער איז געוואָרן אומרוהיקער, נערוועזער און אין אַ „בריוו אין רעדאַקציע״ האָט ער צום לעצטן מאָל נאָך אויסגע־דריקט זיין צער און ווייטאָג.

אין זיינע כתבים דאַטירט פון 1טן מערץ ביז 23טן יולי, 1914, שרייבט נח פרילוצקי [35]) וועגן אַ „בריוו אין רעדאַקציע״, וואָס חאַזאַ־נאָוויטש האָט צוגעשיקט און אין וועלכן ער שילדערט דעם טרויעריקן צושטאַנד פון דעם „בית נאמן״:

35) באַרג אַרויף, נח פרילוצקיס כתבים, באַנד 1, נייער פאַרלאַג וואַרשע, 1917, זז. 293—300.

„. . . עס איז אַ קליינע פּראָווינציעלע ביבליאָטעק . . . עס איז ניטאָ קיין געלט . . . קיין נייע ביכער ווערן ניט געקויפט . . . אַלטע ביכער שטייען ניט איינגעבונדן . . . עס איז נאָך ניטאָ קיין געדרוקטער קאַטאַלאָג . . . 162 פּוד ביכער, וואָס חאַזאַנאָוויטש האָט אַרויסגעשיקט קיין ירושלים נאָכן ביאַליסטאָקער פּאָגראָם (1906) זיינען גאַנצע 7 יאָר געלעגן אין איין הויפן ניט אויסגע־פּאַקט . . . דער ביודזשעט פון 4,000 פראַנק אַ יאָר ווערט געדעקט פון „הילפס־פאַראיין" און „בני ברית" . . . דער אָדעסער קאָמיטעט פון „חובבי ציון" האָט אויפגעהערט צו געבן זייער שטיצע..."

נח פּרילוצקי פאַרענדיקט זיין בריוו פון 1טן מערץ, 1914:

„. . . פאַר אונז איז די ידיעה וועגן חורבן פון ירושלימער ביבליאָ־טעק אַ ווייטיק, אַ בושה, אַ געפיל פון זעלבבאַליידיקונג. פאַר חאַזאַנאָוויטשן איז עס אַ לעבנס־קאַטאַסטראָפע, אַ שרעקלעכע פּער־זענלעכע דראַמע.

. . . הערצן האָט אַמאָל געהאַלטן אַ רעדע ביים עפענען אַ פּראָ־ווינציאַלע רוסישע ביבליאָטעק. איז די רעדע געוואָרן אַ היסטאָ־רישע. וואָס זאָל מען שוין זאָגן פון ביאַליסטאָקער דר. חאַזאַנאָ־וויטש?! . . .

. . . דער „בריוו אין דער רעדאַקציע" קלינגט ביי מיר אין מיינע אויערן, ווי דאָס לעצטע קוויטל פון אַ זעלבסטמערדער . . ."

אין זיין צווייטן בריוו שרייבט פּרילוצקי, אַז אין אַ בריוו צו אים באַקלאָגט זיך חאַזאַנאָוויטש, פאַרוואָס מען האָט פאַרבונדן זיין נאָמען מיט דעם גרויסן היסטאָרישן נאָמען פון אברבנאל. ער האַלט עס פאַר אַ פּראָפאַנירונג פון דעם גרויסן אידישן נאָמען, וואָס מען האָט אָנגע־רופן זיין ביבליאָטעק „מדרש אברבנאל וגנזי יוסף".

פּרילוצקי זעט אין דעם פּראָטעסט „די עניוות פון אַ ליכטיקער נשמה". ער זעט אָבער אויך אין דעם, אַז ער איז טיף באַליידיקט. חאַזאַנאָוויטש האַלט, אַז מען מאַכט פון אים חוזק; אַזוי הויך שטעלן זיין נאָמען און ניט אונטערשטיצן זיין ווערק . . .

אין זיין בריוו פון 23 יולי, 1914, דערציילט פּרילוצקי פון אַ נאָטיץ

אין דער אידישער פרעסע (מאָמענט, נומ. 128), וואָס אַ פאַרבאַרייטונגס־קאָמיטעט צו גרינדן אַ העברעאישע אוניווערסיטעט האָט מיט אַ פּאָר וואָכן צוריק פאַרעפנטלעכט, וואו דער קאָמיטעט איז מודיע, אַז עס איז באַשלאָסן צו גרינדן אַן אַלגעמיין־וויסנשאַפטלעכע און העברעאיש־אי־דישע ביבליאָטעק, די איינציקע אין דעם מין, און וועד עס וועט שיקן אַ בוך, וועט דער נאָמען פון מנדב פאַראייביקט ווערן דורך אַ באַזונדער צעטל.

סטייטש! — שרייט אויס פרילוצקי — און דער מדרש אברבנאל וגנזי יוסף" . . . !? אַזוי ווי ס'וואָלט גאָר ניט געווען?! . . ."

צבי קאנעל[36], אַן אייניקל פון ברוך פריידנבערג, וועלכער איז געשטאַנען אין ענגן בריוו־קאָנטאַקט מיט חאַזאַנאָוויטשן ביז 1914 דער־ציילט, אַז חאַזאַנאָוויטש פלעגט אין זיינע לעצטע בריוו צו אים אָפט צו־שרייבן די באַמערקונג: „דער מור האָט זיין פליכט געטאָן, דער מור קאָן גיין".

און חאַזאַנאָוויטש האָט זיין פליכט געטאָן. ביז 1914 האָט ער געזאַמלט אַן ערך 36,000 ביכער. דערפון ביי 20,000 אין העברעאיש. צווישן זיי „אוניקומס" (איינציקע אין דער וועלט) און „אינקאנאבלען" (ערשט־דרוקן).

אין יאָר 1920, נאָך דר. חאַזאַנאָוויטשעס טויט, איז די ביבליאָטעק „בית נאמן וגנזי יוסף" אַריבערגעגאַנגען אין רשות פון דער ציוניס־טישער אָרגאַניזאַציע, וועלכע האָט באַשטימט אַ גרעסערן יערלעכן בוד־זשעט פאַרן אויפהאַלטן און פאַרגרעסערן.

די ירושה אין טויזנטער ביכער, וואָס דר. חאַזאַנאָוויטש האָט אי־בערגעלאָזן אין ביאַליסטאָק ערב דער ערשטער וועלט־מלחמה, פאַר זיין פאַרלאָזן די שטאָט, איז נאָך זיין טויט אַריבערגעשיקט געוואָרן קיין ירושלים מיט דער הילף פון דער חברה „דורשי האוניברסיטה" אין וואַרשע. עס איז געווען איינע פון די גרעסטע ביכער־טראַנספּאָרטן קיין ארץ ישראל פון גלות נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה. די דאָזיקע

36) אַ ביאַליסטאָקער, איצט אַ פאַרלעגער פון העברעאישע ביכער אין ירושלים.

ביכער האָבן איצט אַן „עקס־ליבריס״, וואו עס ווערט אָנגעוויזן, אַז זיי שטאַמען פון האַזאַנאָוויטשעס ירושה. אַלע אַנדערע ביכער פון דער האַזאַנאָוויטש־זאַמלונג טראָגן דעם שטעמפּל „גנזי יוסף בירושלים״ אויפן שער־בלאַט. עס איז אויך דאָ אַ געבונדענער קאַטאַלאָג פון דעם יאָר 1920.[37])

ווען עס האָט זיך אין יאָר 1925 געגרינדעט אין ירושלים די העברעאישע אוניווערסיטעט, ווערט די ביבליאָטעק אַ טייל פון דער אוניווערסיטעט. דר. הוגאָ בערגמאַן ווערט איר דירעקטאָר. דער אײַנטערעס צו דער ביבליאָטעק ווערט אַן אוניווערסאַלער. געלט און ביכער הויבן אָן צו קומען פון ארבע פנות העולם. די צאָל פון ספרים וואַקסט פון טאָג צו טאָג.

אין 1926 הויבט מען אָן בויען אַ נייעם בנין פאַר די מיטלען, וואָס מ׳האָט געגומען פון „וואָלפסאָן־פאָנד״ (די ירושה פון פאַרשטאָרבענעם ציוניסטישן פירער דוד וואָלפסאָן). אין אַפּריל, 1930 ווערט געפייערט חנוכת הבית פון דעם פּרעכטיקן בנין, וואָס שטייט אויפן שענסטן פונקט פון לאַנד, אויפן שפּיץ פון הר הצופים. צופוסנס פון בנין — דער פּרעכטיקסטער אויסקוק אויף ירושלים, אויף די טאָל־ און בערג־קייטן. אַ פּאַנאָראַמע וואָס איז ממש באַצויבערנד.

מיט 30 יאָר פריער, אין 1900, 20 יאָר פאַר זיין טויט, האָט דר. האַזאַנאָוויטש געשריבן צו ראובן בריינין:[38])

„איך צווייפל צי איך וועל זוכה זיין צו זען מיט מיינע אויגן דאָס הויז, פאַר וועלכעס איך האָב מקריב געווען מיין גאַנצן לעבן. אָבער עס איז פאַר מיר גענוג, אויב איך וואָלט געווען זיכער, אַז נאָך מיין טויט וועט שטיין דער בנין, וואו אידישער גייסט אין משך פון זיין ביטערן גלות וועט דאָרט זיין קאָנצענטרירט, און יעדער איד, וואָס וועט וועלן וויסן, וואָס אידישער גייסט האָט פאַר די 2,000 יאָר געשאַפן, וועט עס דאָרט געפינען . . .״

37) לויט אַן אָפיציעלן בריוו פון בית הספרים הלאומי והאוניברסיטאי בירושלים פון 3טן יאַנואַר, 1955 צום מחבר.

38) א. יערי — גליונות, כרך י״ג, חוברת ו תש״ב, עמוד 340—343.

חאַזאַנאָוויטש האָט דערצו זוכה געווען. צען יאָר נאָך זיין טויט איז דאָס שטאָלצע הויז געשטאַנען אויף די בערג פון ירושלים.

זיין וויזיע פון 40 יאָר פריער: „אין ירושלים וועט געבויט ווערן אַ גרויסער און הערלעכער בנין און אין אים וועט זיין איינגעזאַמלט אַלץ, וואָס אידישער גייסט האָט געשאַפן פון טאָג אָן, וואָס אידן זיינען געוואָרן אַ פאָלק . . .״ איז מקוים געוואָרן.

ביים היינטיקן טאָג איז די „נאַציאָנאַל־ און אוניווערסיטעט־ביב־ליאָטעק אין ירושלים״, ווי זי הייסט איצט, די גרעסטע און וויכטיקסטע ביבליאָטעק אין גאַנצן נאָענטן מזרח. זי פאַרמאָגט אַרום 350,000 ביכער פון אַלע מינים ליטעראַטור אין אַלע לשונות. זי איז די פולשטענדיקסטע זאַמלונג אין דער וועלט פון העברעאיש געדרוקטן וואָרט און כתב־ידן פון אַלע צייטן. זי פאַרמאָגט אַן איינציקאַרטיקע קאָלעקציע, די „דר. שבדרון־זאַמלונג״ (שרון) פון 11,000 אויטאָגראַפן און איבער 6,000 פאָרטרעטן פון פראָמינענטע אידישע פערזענלעכקייטן אין די לעצטע 500 יאָר פון אונזער געשיכטע.

די ביבליאָטעק איז איצט אין ישראל אַ קולטור פאַקטאָר פון העכסטער מדרגה. דאָס איז דער רעזולטאַט פון דר. חאַזאַנאָוויטשעס אַרבעט. דאָס איז די פרוכט, וואָס איז אַרויסגעוואַקסן פון דעם קליינעם קערנדל, וואָס ער האָט פאַרזייט אין 1890 אין ירושלים.

„ער האָט געמאַכט — שרייבט א. יערי אין 1942 [39] — די לאָקאַלע ירושלימער ביבליאָטעק צו דער נאַציאָנאַלער ביבליאָטעק פון פאָלק ישראל און ער האָט דערצויגן דאָס פאָלק צו באַטראַכטן די ביבליאָטעק, וואָס איז דאַמאָלסט נאָך געווען אין דער ערשטער אַנטוויקלונגס־סטאַדיע, ווי אַ נאַציאָנאַלע ביבליאָטעק. און דאָס אַלץ האָט ער געמאַכט ניט ווי די מייסטן געזעלשאַפטלעכע קולטור־טוער. ער האָט ניט געדרשנט, ניט גערעדט, נאָר ער האָט פראַק־טיש געאַרבעט. ער האָט ניט פאַרלאַנגט פון אַנדערע צו טאָן, איי־דער ער האָט אַליין אַסך אויפגעטאָן״.

39) א. יערי — גליונות, דאָרטן.

מיט דער אַנטוויקלונג פון מדינת ישראל וועט די ביבליאָטעק אויך גרעסער און גרעסער ווערן. זי איז איינע פון די שענסטע קולטור־אוצרות פון אידישן פאָלק און פון אידיש לאַנד. איר גרויסקייט און וויכטיקייט דאַרף אָבער קיינמאָל ניט פאַרטונקלען און פאַרטושן דעם היסטאָרישן פאַרדינסט און די מסירות־נפש׳דיקע אַרבעט פון אונזער דר. חאַזאַנאָוויטש, וואָס איז אַסך, אַסך יאָרן געווען דער איינציקער טרעגער פון דעם גרויסן געדאַנק צו שאַפן אַ אידישע נאַציאָנאַל־ביבלי־אָטעק אין ירושלים.

קאַפּיטל זיבן

חאַזאַנאָוויטש, דער ציוניסט

מיטן דערשיינען פון „יודען־שטאַט" פון דר. הערצל אין 1896, און מיטן אויפקום פון פּאָליטישן ציוניזם, זיינען די ביאַליסטאָקער „חובבי ציון", און דר. חאַזאַנאָוויטש בתוכם, געווען פון די ערשטע צוזאָגשטיין צו דער ציוניסטישער באַוועגונג.

אמת, הרב ר' שמואל מאָהילעווער האָט דעם „יודען־שטאַאַט" ניט צוגעגעבן קיין גרויסע באַדייטונג. דר. הערצל איז פאַר אים געווען אַ שרייבער, אַ פאַנטאַזיאַר, וואָס קאָן מיט זיין פאַרשטעלונגסקראַפט אָנ־שרייבן אַ בוך, אָבער וואָס ווייס ווייניק, וואָס עס טוט זיך אין דער אידישער וועלט. ערשט, ווען ר' שמואל מאָהילעווער האָט באַקומען ידיעות פון ווין, וואו מ'האָט אים גענויער געשילדערט די פּערזענלעכ־קייט פון הערצל, און אַז עס איז אים, הערצלען, געלונגען צו געווינען אויף זיין זייט דר. מאַקס נאָרדאו, דעם גרויסן פּיאָניר פון דער „חובבי ציון" באַוועגונג, האָט ער, ר' שמואל מאָהילעווער, זיך אָנגעהויבן באַ־ציען ערנסטער צו הערצלען און צו זיין אידייע.

שפּעטער האָט זיך הערצל געווענדעט דורך אַ בריוו צו ר' שמואל מאָהילעווער מיט זיין פּלאַן צו רופן אַ וועלט־קאָנגרעס און אים געבעטן, אַז ער, דער גייסטיקער פירער פון די „חובבי ציון" זאָל זיך באַטייליקן אין קאָנגרעס. ר' שמואל מאָהילעווער האָט געגעבן זיין הסכמה דערצו, און ווען ער האָט באַקומען אַן איינלאַדונג צום קאָנגרעס, צוערשט דורך דר. שנירער, וועלכער איז געקומען ספּעציעל צוליב דעם אין ביאַלי־סטאָק אין מאַי־יוני, 1897, און שפּעטער דורך אַ פּערזענלעכן בריוו פון דר. הערצל, האָט ער, ר' שמואל מאָהילעווער אָנגענומען די איינלאַדונג.

ער איז צוליבן שוואַכן געזונט ניט געפאָרן צום קאָנגרעס. ער האָט איבערגעגעבן זיין מאַנדאַט דעם אייניקל זיינעם דר. יוסף מאָהי־לעווער (געב. 1872, געשט. 1943), וועלכער האָט געבראַכט פון זיין

קאַטאָוויצער אסיפה אין 1884



1. קלמן זאב וויסאָצקי, מאָסקווע; 2. לייב קליוואַנסקי, קאָוונע; 3. דוד גאָרדאָן, ליק; 4. ר׳ שמואל מאָהילעווער, ביאַליסטאָק; 5. ד״ר לעאָן פּינסקער, אָדעס; 6. ר׳ דוד פרידמאַן, קאַרלין; 7. אַלעקסאַנדער צעדערבוים, פּעטערבורג; 8. ד״ר ישראל מיכל ראַבינאָוויטש, פּריס; 9. יעקב דיכס, באַרקאָוו; 10. שאול פּנחס ראַבינאָוויטש (שפ״ר), וואַרשע; 11. ד״ר יוסף חאַזאַנאָוויטש, ביאַליסטאָק; 12. ישראל יאַסינאָווסקי, וואַרשע; 13. לייב שאַליט, ריגע; 14. דר. דריבאַנאָוויטש, ראָסטאָוו־דאָן; 15. זאב־וואָלף לונץ, ריגע; 16. קלמן וואלרויך, לאָנדאָן; 17. יעקב משה מאירסאָן, וואַרשע; 18. לייבוש דאווידסאָן, וואַרשע; 19. לע־ווינגער, קאַטאָוויץ; 20. ש. פרידלענדער, קאַטאָוויץ; 21. ברוך פריידענבערג, ביאַליסטאָק; 22. זעליג פרייטאל, קאַטאָוויץ; 23. מ. מאָזעס, קאַטאָוויץ; 24. בנימין ריטענבערג, וואַרשע; 25. פישל פינעס, ראָזשינאַי; 26. כתריאל־צבי מירקין, פּאָלטאָווע.

(צו זייט 42)

אָדעסער צוזאַמענפאָר אין 1890

1. ר׳ שמואל מאָהילעווער, ביאַליסטאָק;
2. ד״ר לעאָן פּינסקער;
3. אברהם גרינבערג;
4. שלמה פּריץ;
5. מנשה מרגלית;
6. שמואל ברב״ש;
7. משה פישעראָוויטש;
8. אשר גינזבורג (אחד־העם);
9. יעקב ליובאַרסקי
10. יהושע אייזנשטאַט (ברזילי);
11. מרדכי ראַבינאָוויטש (בן־עמי);
12. ירחמיאל שטאַרקמאַט;
13. געצל טובין;
14. פּיטקיס (אַלע פון 2 ביז 14 פון אָדעס);
15. לייב אמצילאָווסקי, פּאָלטאַווע;
16. חיים עטינגער, מעזריטש;
17. משה בערלין, דינאַבורג;
18. שלום ראַבינאָוויטש (שלום־עליכם, קיעוו;
19. מרדכי פּאַדובא, בריסק;
20. מ. ל. ליליענבלום, אָדעס;
21. אַלעקסאַנדער הלוי צעדערבוים, פּעטערבורג;
22. מרדכי פּאָלינקאָווסקי, קיעוו;
23. ד״ר יעקב כהן־בערנשטיין, קישינעוו;
24. אברהם־אליהו ליובאַרסקי, באַלטי;
25. ד״ר יוסף חאַזאַנאָוויטש, ביאַליסטאָק;
26. אייזיק בן־טובים, ביאַליסטאָק;
27. דוב־בער ירוחמסאָן, שדה לבן;
28. וואָלף ווילענסקי, קרעמענטשוג;
29. ל. בריסקין, שדה לבן;
30. יהודה־לייב בערגער, פּינסק;
31. ראובן שוכמאַן, ניקאָלאַיעוו;
32. נחום ראַטמאַן, קישינעוו;
33. אליהו־זאב לעווין־עפּשטיין, וואַרשע; 34. אליעזר קאַפּלאַן, וואַרשע; 35 נח בלאָך, ווילנע; 36. ישעיה ברייטמאַן; 37. ח״א גאַראַדישטיאַן, קישינעוו;
38. משה קאַמיאַנסקי, וויניצע; 39. מרדכי בן הלל הכהן, האָמעל; 40. זאב בערמאַן, פּעטערבורג; 41. ח״א מושקאַט, בריסק; 42. שלמה בערליאַנד, קישינעוו; 43. צבי־לייב קאַצמאַן, כאַרקאָוו; 44. אברהם האַרקאַווי, יעקאַטערינאָסלאַוו; 45. יעקב בן־יעקב, ווילנע; 46. ישראל יאַסינאָווסקי, וואַרשע; 47. זאב טיאָמקין, יעליסאַוועטגראַד; 48 נח ליפשיץ, קישינעוו; 49. חיים פאַסטערנאַק, באַגאַפּאָל; 50. מיכל מאַידאַנסקי, יעקאַטערינאָסלאַוו; 51. יהושע סירקין, מינסק;
52. יעקב בן ישעיה מאזע״ה, מאָסקווע; 53. חיים טשעריקאָווער, פּאָלטאַווע; 54. א. פּערל, יעקאַטערינאָסלאַוו; 55. ג. באַזלינסקי, יעליסאַוועטגראַד; 56. ש״ב טאַרטאַקאָווסקי, טשערקאַסי; 57. מ. אוסישקין, מאָסקווע.

(צו זייט 43)



די נאַציאָנאַל ביבליאָטעק „בית נאמן וגנזי יוסף” אין ירושלים (אַלטער בנין)

(צו זייט 48)

די אידישע נאַציאָנאַל ביבליאָטעק אין ירושלים אויפן הר־הצופים

(צו זייט 70)

די פאַרוואַלטונג פון לינת הצדק 1906—1907

עס זיצן פון רעכטס צו לינקס: אדוואָקאַט עלבוים, גערץ, ראַבינער ד״ר יוסף מאָהילעווער, דער פאָרזיצער ד״ר רובינשטיין, וויצע־פאָרזיצער ד״ר חאַזאַנאָוויטש, ד״ר ציטרין, פייוול בלאָך.

(צו זייט 90—84)

גרויסן ויידן אַ ספּעציעלן בריוו צום קאָנגרעס.[40]) דער צווייטער ביאַ־ליסטאָקער דעלעגאַט אויפן ערשטן קאָנגרעס איז געווען ליטמאַן ראָזענ־טאַל. עס זיינען געווען אויפן קאָנגרעס נאָך דריי ביאַליסטאָקער. אָבער זיי זיינען ניט געוואָרן דעלעגירט פון ביאַליסטאָקער ציוניסטן: לעאָן האָראָדישטש, דער זון פון אייזיק האָראָדישטש האָט פאַרטראָטן די בריסקער ציוניסטן; יוסף מעלניק האָט פאַרטראָטן די ציוניסטישע סטודענטשאַפט פון היידעלבערגער אוניווערסיטעט (דייטשלאַנד) און דר. שלמה שילער (בלאנקשטיין), אַ פעטער פון פּראָפ. זעליג פּערלמאַן מעדיסאָן, האָט פאַרטראָטן לעמבערג (גאַליציע).

דר. יוסף חאַזאַנאָוויטש איז אויפן ערשטן ציוניסטישן קאָנגרעס ניט געווען, אָבער אויפן צווייטן קאָנגרעס אין יאָר 1898 האָט ער אָפי־ציעל פאַרטראָטן ביאַליסטאָק. פון דענסטמאָל אָן איז ער געווען אויף אַלע ציוניסטישע קאָנגרעסן ביז דר. הערצל איז געשטאָרבן.

פון יענער צייט דערציילט ליטמאַן ראָזענטאַל, איינער פון די נאָענטסטע פריינט פון דר. חאַזאַנאָוויטש:[41])

„. . . דאָס איז געווען אין 1898, פאַר דעם צווייטן ציוניסטישן קאָנגרעס אין באַזעל. איך האָב דערציילט דר. חאַזאַנאָוויטשן וועגן מיין באַגייסטערונג פון ערשטן ציוניסטישן קאָנגרעס, באַזונדערס האָב איך אים געשילדערט מיין באַגייסטערונג איבער דר. הערצל. מיט דר. חאַזאַנאָוויטשן איז געווען אוממעגלעך רואיק צו שמועסן. ער איז געווען די גאַנצע צייט משוגע אויפגערעגט. מיט זיין אייגנאַרטיקער נערוואָזיטעט פלעגט ער טענה׳ן:

— ליבע לייטע, אַנטשולדיקן זי . . . דו קענסט ניט די אידע־לעך . . .

ווען איך האָב אים געזאָגט זייער געלאַסן:

40) דער אינהאַלט פון בריוו אין יידישער איבערזעצונג זען „נאַציאָנאַלע און פּאָליטישע באַוועגונגען ביי יידן אין ביאַליסטאָק," אַרויסגעגעבן פון דער ביאַליסטאָ־קער היסטאָרישער געזעלשאַפט 1951, דוד קלעמענטינאָווסקי — די חובבי ציון און דער אָנהייב פון פּאָליטישן ציוניזם אין ביאַליסטאָק.

41) ביאַליסטאָקער שטימע, ניו יאָרק, אָקטאָבער, 1922.

— ליבער דאָקטאָר, מיר לעבן דאָך איבער אַזאַ אומגעוויינ־לעכע צייט אין אונזער אידישער געשיכטע. איך פיל, אַז איצט קומט פאַר אַ ראַדיקאַלע ווענדונג אין לעבן פון אונזער פאָלק! פלעגט ער אָנהויבן שרייען אין זיין כעס מיט דער כאַראַקטעריס־טישער חאַזאַנאָוויטש־שפּראַך:

— אַנטשולדיקן זי, ליבע לייטע... דאָס איז דאָך אַלץ... אידעלעך . . . אַלטע הויזן־פאַרקויפער . . . פאַרשטייסט . . . פאַרשטייסט . . .

און ער פלעגט אָנהויבן אַרומלויפן איבערן צימער זייער אויפ־געדעגט. פלוצלונג קומט ער צו און שושקעט מיר שוין אויפן אויער:

— דו ווייסט, ליטמאַן, אין קאַטאַלאָג, וואָס איך האָב היינט געקראָגן, האָב איך געפונען אַ ספר, וואָס איז שוין אַלט 450 יאָר. איך וועל דאָס קויפן פאַר דער ביבליאָטעק אין ירושלים . . . דו פאַרשטייסט! . . . אַזאַ אוצר . . . אַזאַ טייערער אַלטער בוך פאַר אונזער נאַציאָנאַלער ביבליאָטעק אין אונזער הייליקער שטאָט ירושלים . . .!

. . . איינמאָל קומענדיק אין זיין הויז, טרעף איך דאָרט אַ פּאָר יונגע ציוניסטן. איינער ווענדעט זיך צום דאָקטאָר מיט אַ דאָקו־מענט אין האַנט:

— אין נאָמען פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע מעלד איך אייך, אַז איר זייט איינשטימיק אויסגעקליבן פאַר אַ דעלעגאַט צום צווייטן ציוניסטישן קאָנגרעס אין באַזעל.

חאַזאַנאָוויטש האָט שטיל נאָר מיט אַ גרויסער אינעווייניק־סטער אויפרעגונג אויסגעהערט און געענטפערט נאָר מיט איין וואָרט, אָבער שטאַרק צעטומלט:

— גוט . . .

ווען חאַזאַנאָוויטש איז שפּעטער געבליבן מיט מיר אַליין, גיט ער אַ קוק אויף מיר מיט זיינע קינדער־אויגן, און זאָגט מיט אַ מאָדנער ציטערדיקער שטימע:

— ליטמאַן, לאָז מיר . . . איך בין זייער צערודערט . . . איך גיי אין מיין שלאָפצימער . . . דו פאַרשטייסט . . . אַ אידישער פאָלקספאַרטרעטער . . .

. . . עס זיינען נאָך געבליבן אַ פּאָר טעג פאַרן אָפּפאָרן צום קאָנגרעס. ביי חאַזאַנאָוויטשן איז פאָרגעקומען אַ געוואַלטיקע ענ־דערונג. ער האָט אויף קיינעם ניט געשריען. ער איז געוואָרן אַזוי רואיק, ווי אַ יונג ליב קינד. מיך האָט ער שוין ניט געלאָזט רוען. ער האָט מיך געבעטן איך זאָל אים צושיקן מיין באַקאַנטע מיידל, חיה־רחל האַראַדישטש (וואָס איז שפּעטער געוואָרן מיין פרוי), זי זאָל אַרומזען זיינע בגדים, איינגייען קנעפּלעך, וואו מ׳דאַרף, פאַר־ריכטן, וואו עס איז צעריסן.

עפּעס אַ קלייניקייט. ער פאָרט דאָך צום קאָנגרעס. דאַרף ער דאָך זיין לייטיש אָנגעטאָן . . .

עס איז געקומען דער טאָג פון אונזער אָפּפאָרן קיין באַזעל. דעם טאָג איז ער געווען זייער צוטראָגן. די וויכטיקסטע אונטער־רעדונגען האָט ער געהאַט מיט זיין „איזוואָזטשיק״. פאַרמיטאָג איז ער געפאָרן צו ר׳ שמואל מאָהילעווערס קבר. ווען ער איז צו־ריקגעקומען זיינען מיר מיט זיין דראָזשקע אַוועקגעפאָרן צום באַן. אַ שטאַרקן איינדרוק האָט אויף מיר געמאַכט, ווען איך האָב געזען, ווי דר. חאַזאַנאָוויטש האָט פאַרן דריטן „זוואָנאָק״ אַרומגענומען זיין איזוואָזטשיק און זיך מיט אים צעקושט.

די גאַנצע צייט, וואָס מיר זיינען געפאָרן קיין באַזעל, איז ער געווען ווי אַ גוט שטיל קינד. ער האָט אַלץ געטאָן, וואָס איך האָב אים נאָר געהייסן.

ווען מיר זיינען אָנגעקומען קיין באַזעל, זיינען מיר פאַרפאָרן אין דעם באַקאַנטן האָטעל „דריי קעניגע״, ווייל אין דעם דאָזיקן האָטעל האָט געדאַרפט וואוינען דר. הערצל.

ווען מיר זיינען שפּעטער שוין געזעסן אין אונזער שיינעם צימער, האָב איך אים אָנגעוויזן דורכן פענסטער אויפן שיינעם „רהיין״.

— זעט, דאָקטאָר, ווי שיין דער „רהיין" איז!

הויבט ער אָן אויף מיר צו שרייען:

— דער רהיין איז ניט אונזער טייך! דער רהיין איז ניט דער ירדן! . . . אַנטשולדיקן זי, ליבע לייטע . . . און טרערן זיינען אים געשטאַנען אין די אויגן.

ווען מיר זיינען אַרויסגעגאַנגען אין די באַזעלער גאַסן, און ער האָט עפּעס גאָר קיין אידן ניט געזען, האָט ער זיך שוין צעלאָזן מיט זיין חאַזאַנאָוויטש־שפּראַך:

— אַנטשולדיקן זי . . . וואָס איז באַזעל פאַר אַן אָרט פאַר ציוניסטישע קאָנגרעסן . . . באַזעל איז דאָך אַ גויאישע שטאָט . . . אונזער קאָנגרעס דאַרף זיין אין ווילנע, אָדער ביאַליסטאָק, אין אַ שטאָט פון אידן . . .

חאַזאַנאָוויטש האָט ניט אויפגעהערט צו קערן וועלטן, ביז איך האָב אים צוגעפירט צו דער „שטאָט־קאַזינאָ", וואו עס האָט געדאַרפט אַ פּאָר טעג שפּעטער זיך עפענען דער ציוניסטישער קאָנגרעס. ווען מיר זיינען געקומען צו דעם דאָזיקן שיינעם פּאַלאַץ, און מיר האָבן דערזען, ווי עס פלאַטערן די גרויסע ווייס־בלויע ציוניסטישע פאָנען, האָב איך באַמערקט ווי חאַזאַנאָוויטשעס גע־זיכט איז געוואָרן טויט־בלאַס.

איך האָב אין אויפרעגונג אַראָפּגענומען מיין הוט. אין דעם מאָמענט קריג איך אַ שטויס פון אים:

— ליטמאַן, טו אָן דיין היטל!... פאַר אַ אידיש פאָן שטייט מען מיט אַ פאַרדעקטן קאָפּ!

מיר זיינען אַריין אין קאַזינאָ. איך זאָג צו דר. חאַזאַנאָוויטשן:

— דאָקטאָר, היינט וועט איר זען הערצלען, דעם גרויסן אידן!

האָט ער אָנגעהויבן צו שרייען:

— ליטמאַן, דו ווערסט צו גיך נתפּעל . . . הערצל איז אַ איד, ווי אַלע אידן . . . ענטשולדיקן זי . . .

איך האָב שוין מער גאָרניט גערעדט. דערווייל האָבן מיר זיך געטראָפן און זיך באַקאַנט מיט פּראָפעסאָר מאַנדעלשטאַם, דר.

זאַנגוויל, דר. מאַקס נאָרדוי. אַלע האָבן האַזאַנאָוויטשן באַגריסט מיט גרויס פרייד, ווײַלע אַלע האָבן שוין זיין נאָמען לאַנג געהערט. ער איז אָבער פון קיינעם ניט נתפעל געוואָרן.

אַזוי זיינען מיר ביסלעכווייז צוגעגאַנגען צופוס צום באַזעלער וואָקזאַל דערוואַרטן הערצלען. האַזאַנאָוויטש האָט די גאַנצע צייט געטענה׳ט:

— וואָס וועל איך זען? . . . וואָס שלעפּסטו מיך? . . . איך בין דאָך אַ שוואַכער מענטש . . .

דערווייל זיינען מיר צוגעקומען צום באַזעלער וואָקזאַל. דאָרט האָבן מיר געפונען אַ גרויסן ציוניסטישן עולם. האַזאַנאָוויטש איז נאָך אַלץ געווען אין אַ שלעכטער לוינע און געשריען צו מיר:

— וואָס וועל איך זען? . . . אַ אידל ווי אַלע אידעלעך . . . ענטשולדיקן זי׳ . . .

דער צוג איז אָנגעקומען. דר. הערצל גייט אַרונטער פון באַן און דערנענטערט זיך צו אונז. איך פיל, ווי האַזאַנאָוויטש דריקט מיין האַנט, אַז עס טוט מיר אַזש ווײ. איך קוק אויף האַזאַנאָוויטשן. מיט אַ ציטרדיקער שטימע שרייט ער צו מיר:

— ליטמאַן! ליטמאַן! דאָס איז ער! . . . אויף אים וואַרט איך שוין מיין גאַנצן לעבן . . . דאָס איז ער . . . גאָטס אויסדערוויילטער . . . מיין גאַנצן לעבן האָב איך פון אים געחלומט . . . דאָס איז ער . . .

...מיר זיינען געגאַנגען עסן מיטאָג אין אַ אידישן רעסטאָראַן, וואָס האָט געהייסן „האָטעל בראונשווייג״. ווען האַזאַנאָוויטש האָט דערזען די אָפּגעריבענע ניט גאַנץ ריינע טרעפּ, האָט ער מיט באַגייסטערונג אויסגערופן:

— אָ, דאָס איז דאָך אַן עכט אידישער מקום!

צו דער צייט האָט זיך אויפגעזאַמלט אַ גרויסע גרופּע יונגע ציוניסטן און אַלע האָבן מיט אַ מאָדנער נייגעריקייט געקוקט אויף האַזאַנאָוויטשן. פּלוצלונג הער איך, ווי איינער פון די יונגע לייט זאָגט צום צווייטן:

— מיר דוכט זיך, אַז דאָס איז דער באַרימטער דאָקטאָר חאַזאַנאָוויטש. און אין איין מינוט איז שוין חאַזאַנאָוויטש אין זייערע הענט. אַ געוואַלטיקער דונערנדיקער הידד האָט געקלונגען איוף דער גאַנצער גאַס:

— עס לעבע אונזער טייערער דאָקטאָר חאַזאַנאָוויטש!

חאַזאַנאָוויטש האָט זיך פון זייערע הענט געריסן און געשריען:

— ענטשולדיקן זי, ליבע לייטע... אידעלעך... פאַרמאַכט אייערע מיילער... גיט בעסער ספרים און מיטלען פאַר מיין, אונזער נאַציאָנאַל־ביבליאָטעק!...

אין דעם מאָמענט עפנט זיך די טיר פון רעסטאָראַן, און דר. הערצל קומט אומדערוואַרטעט אַריין. אַלע בלייבן שטיין מיט אַ מאָדנעם יראת הכבוד. דר. הערצל באַטראַכט די אַרומיקע מיט זיין שאַרפן בליק, באַמערקט דר. חאַזאַנאָוויטשן, גייט צו אים האַסטיק צו:

— ווי גייט עס, מיין ליבער דאָקטאָר חאַזאַנאָוויטש?

חאַזאַנאָוויטש שטרעקט אים אויס ציטערדיק זיין האַנט און בלייבט כמעט אַ פאַרחלשטער שטיין.

הערצל האָט אים אַרומגענומען און זיך צעקושט מיט אים.

דאָס איז געווען אַ הייליקע מינוט...״

חאַזאַנאָוויטש האָט פאַרגעטערט דר. הערצל אַזוי לאַנג ווי הערצל האָט געלעבט. אויף אַלע איבעריקע קאָנגרעסן ביז הערצלס טויט איז דר. חאַזאַנאָוויטש געווען און שטענדיק דאָרט אויף זיך געצויגן די אויפמערקזאַמקייט מיט זיין קאָכן זיך און זידלען אַלע, וואָס האָבן גע־האָט די העזה צו זיין אין אָפּאָזיציע קעגן דר. הערצל. ער האָט איינמאָל אויפגעהויבן זיין שטעקן אויף דר. וויצמאַן, וואָס איז געשטאַנען אין דער שפּיץ פון דער אָפּאָזיציע.

אויפן זעקסטן קאָנגרעס אין 1903, ווען דר. הערצל איז אַרויסגע־קומען מיט זיין אוגאַנדאַ־פּראָיעקט, וואָס האָט געפירט צו דער שפּאַל־טונג פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, איז דר. חאַזאַנאָוויטש, אַט דער דאָזיקער הייסער חובב ציון געווען צווישן די יאָ־זאָגערס. ער האָט

געשטימט פאַר אוגאַנדע צוליב צווי מאָטיוון: ערשטנס, דערפאַר, ווייל דר. הערצל, וועמען ער האָט אַזוי פאַרערט, האָט עס פאָרגעשלאָגן און ער, דר. חאַזאַנאָוויטש, מיט זיין אייזערנער דיסציפלין פון אַ געטרייען פאָלקס־סאָלדאַט, האָט געפאָלגט זיין פירער, דר. הערצל. צווייטנס, דערפאַר, וואָס ער האָט מסכים געווען מיט הערצלס באַגרינדונג, אַז כל זמן דער טערק וויל ניט אָפּגעבן ארץ ישראל, מוזן די ציוניסטן נעמען אַן אַנדער שטיק לאַנד, אַן אַנדער טעריטאָריע פאַר אידישער קאָלאָניזאַציע, פאַר אידישע היימלאָזע.

ניט געקוקט אויף דעם וואָס דער רוב מנין און דער רוב בנין פון דער רוסישער לאַנדסמאַנשאַפט, פון די רוסישע ציוניסטן, די אַלטע חובבי ציון מיט אוסישקין בראש, האָבן אַלס פּראָטעסט וויינענדיק פאַרלאָזן דעם קאָנגרעס־זאַל און דער קאָנגרעס האָט זיך צעטיילט אויף יאָ־זאָגערס און ניין־זאָגערס, איז חאַזאַנאָוויטש געווען דער ערשטער, וואָס האָט ביי דער אָפּשטימונג געענטפערט מיט „יאָ״.

ביי דער אָפּשטימונג האָבן זיך אָפּגעשפּילט האַרצרייסנדיקע סצענעס. דר. הערצל האָט געמוזט, כדי צו ראַטעווען די סיטואַציע און באַרואיקן די דעלעגאַטן, אָפּגעבן אַ דערקלערונג, אַז אוגאַנדע איז נאָר געמיינט ווי אַ „נאַכט־אזיל״, אַן אַכסניה אויף דערווייל און אַז זיין גאַנץ שטרעבן איז ארץ ישראל.

אין דער דאָזיקער היסטאָרישער רעדע, מיט וועלכער דר. הערצל האָט געשלאָסן דעם זעקסטן קאָנגרעס, האָט ער געזאָגט:

„. . . ווען דאָ האָבן זיך פאַנאַנדערגעטיילט די שטימען, איז דערמאָנט געוואָרן דער נאָמען פון אַ מאַן, וועלכער איז איצט שוין אַלט און וועלכער האָט זיין גאַנצן לעבן געווידמעט דער אַרבעט פאַר ארץ ישראל. דאָס איז איינער פון די באַשיידענע, וואָס בלייבן אין שאָטן, און ווען עס איז דערמאָנט געוואָרן זיין נאָמען, האָב איך דערוואַרט, אַז ער וועט געוויס שטימען מיט „ניין״. דאָס איז דר. יוסף חאַזאַנאָוויטש, און ער האָט געשטימט מיט „יאָ״, ווייל ער האָט פאַרטרויען צו זיינע פירער, און זאָל איך אייך

דערמאָנען, אַז רבנים וואָס ווילן ניט אויסמעקן דעם וואָרט ציון פון סדור, רבנים פון פלאָרענץ, פון לידע און סאָפּאָצקין האָבן געשטימט מיט „יאָ". דאַרף איך נאָך גאַראַנטיעס, אַז מיר וועלן ניט אָפּטרעטן פון באַזעלער פּראָגראַם?" [42]

נאָכן זעקסטן קאָנגרעס, ווען דר. חאַזאַנאָוויטש האָט זיך געזעגנט מיט דר. הערצל:

— אויף ווידערזען אויפן זיבעטן קאָנגרעס!

האָט אים דר. הערצל געענטפערט.

— איר, דאָקטאָר, וועט באַשטימט זיין אויפן זיבעטן קאָנגרעס. צי איך וועל דאָרטן זיין, איז אַ ספק.

דר. הערצל איז שוין אויפן זיבעטן קאָנגרעס ניט מער געווען, ווי די האַרץ וואָלט אים געזאָגט. דעם 3־טן יולי, 1904 איז דר. הערצל געשטאָרבן. אָבער אויך דר. חאַזאַנאָוויטש איז ניט מער געפאָרן צו די קאָנגרעסן. די שפּאַלטונג אויפן זעקסטן קאָנגרעס צוליב דער אוגאַנדע־פּראַגע און דר. הערצלס טויט האָבן דר. חאַזאַנאָוויטשן אינגאַנצן צע־בראָכן. ער איז אַרומגעגאַנגען ווי צעמישט. פאַר אים איז דר. הערצל געווען אַלץ אין דער וועלט און ער האָט אים פאַרלאָרן.

אויף די ציוניסטישע קאָנגרעסן פלעגט דר. חאַזאַנאָוויטש זייער ווייניק ריידן. ער פלעגט זיצן פאַרטראַכט און פאַראייכזאַמט אין אַ ווינקל און מיט טיפן ערנסט זיך צוגעהערט צו די רעדעס פון די על־טערע און אינגערע פירערס פון נייעם דור. ער איז אויך געווען אומ־צופרידן, וואָס מען האַלט אַזוי פיל דרשות און מ׳נעמט ניט אָן קיין וויכטיקע באַשלוסן פון „קעגנוואָרט־אַרבעט", וואָס מ׳וואַרט אויף אַ טשאַרטער און מ׳פירט ניט קיין קאָלאָניזאַציע־טעטיקייט אין ארץ־ישראל אויף אַ גרעסערן פאַרנעם. ער איז אויך געווען ברוגז, וואָס מ׳האָט זיך כמעט גאָרניט באַשעפטיקט מיט זיין ביבליאָטעק און מיט קולטור־אַרבעט בכלל.

מ׳דערציילט, אַז איינמאָל האָט דר. חאַזאַנאָוויטש פאָרגעשלאָגן דר.

42) סטענאָגראַפּישער פּראָטאָקאָל פון זעקסטן ציוניסטישן קאָנגרעס.

הערצלען, ער זאָל אויף די קאָנגרעסן אַרויפּלייגן אַ חוב, וואָס ווייניקער צו ריידן:

— דער וועג צו ציון — פלעגט ער זאָגן — דאַרף פירן דורך מעשים און ניט דורך מויל־מלאכה.

אָפט פלעגט ער עפנטלעך פּראָטעסטירן קעגן דעם, וואָס עס איז אים ניט געפעלן אויף די קאָנגרעסן.

אין זיינע „זכרונות פון באַזעל" שרייבט ש. ראַפּאָפּאָרט:[43])

„. . . איך האָב זיך מיט אים (חאַזאַנאָוויטשן) באַקאַנט עטלעכע טעג פאַר דער אָפיציעלער דערעפענונג פון קאָנגרעס און איך בין געווען אַנגענעם איבערראַשט מיט זיין ווייכער באַציאונג צו אַנדערע.

— יעדערער דאַרף אַרבעטן ווי ער פאַרשטייט — האָט ער צו מיר געזאָגט — צו וואָס זאָל מען זיך זידלען, צו וואָס זאָל מען באַשולדיקן איינער דעם צווייטן אין גאָט ווייס וואָס? אַלע קאָנען ניט האָבן איין מיינונג. יעדערער דאַרף האָבן עפעס אייגענעס. די הויפּטזאַך איז אַרבעטן, און מיר רעדן צופיל און טוען גאָרניט.

דערביי נעמט דר. חאַזאַנאָוויטש אַרויס פון קעשענע אַ גאַנצע קאָלעקציע אַלטע צייטונגען, פּאָרטרעטן, פאָטאָגראַפיעס, כתב־ידן, וואָס ער קלייבט פאַר דער ביבליאָטעק אין ירושלים.

— אָט דאָס איז, למשל, מיין זאַך. שאַפן אַ אידישע נאַציאָנאַלע ביבליאָטעק, קלייבן זעלטנהייטן, וואָס האָבן אַ שייכות צו אידישער געשיכטע, צו אידישער ליטעראַטור. און אויב איינער דענקט ווי איך אָדער אַנדערש — דאָס איז זיין זאַך.

איז וואָס דאַרף מען בעסער? — שרייבט ראַפּאָפּאָרט — און פּלוצלונג האָט דער געדולדיקער רואיקער ציוניסט געמאַכט אַ סקאַנדאַל, אַז דער גאַנצער קאָנגרעס איז אויפגערודערט געוואָרן. חאַזאַנאָוויטש האָט עפעס באַמערקט, אַז אייניקע דעלעגאַטן, און

43) וואָסכאָד, פּעטערבורג, 1899, מערץ.

אפשר אַ גרויסע מערהייט פון זיי, און אַפילו ציוניסטישע פירערס האָבן מחלל שבת געווען.

— מיט מיינע אייגענע אויגן האָב איך געזען — האָט ער זיך איינמאָל צעשריען — ווי מענטשן האָבן געשריבן אום שבת און אַנדערע האָבן געגרויכערט ציגאַרעטן.

— ווי אַזוי קומט עס? — האָב איך געזאָגט — וואָס איר, אַ פּרעדיקער פון טאָלעראַנץ, רייסט זיך אַריין אין אַ רעליגיעזן גע־ביט? האָט דען דאָס עפּעס צו טאָן מיט ציוניזם?

— זעט איר — האָט ער זיך פאַרטיידיקט — זאָל דער מענטש שרייבן אָדער ניט שרייבן אום שבת, דאָס איז זיין פּריוואַטער ענין, אָבער אויפן ציוניסטישן קאָנגרעס דאַרף מען עס ניט טאָן. עס איז ניט גוט און איך פּראָטעסטיר קאַטעגאָריש קעגן עפנטלעכן חלול השבת . . .״

נאָך אַ קוריאָז דערציילט מען וועגן חאַזאַנאָוויטשן אויף די קאָנ־גרעסן:

אויף איינעם פון די קאָנגרעסן האָט חאַזאַנאָוויטש אין דעם מאָ־מענט, וואָס דר. הערצל האָט פאַרענדיקט זיין דערעפנונגס־רעדע, אַראָפּ־געכאַפּט דעם מאַנוסקריפּט פון רעדנער־פּולט און עס אַריינגעלייגט צו זיך אין קעשענע מיט דער כונה עס אָפּצושיקן צו זיין נאַציאָנאַל־ביבליאָטעק אין ירושלים.

ווען עס איז געוואָרן אַ טומל וועגן דעם פאַרלאָרענעם מאַנוסקריפּט פון דער היסטאָרישער רעדע, האָט זיך חאַזאַנאָוויטש מודה געווען און עס צוריקגעגעבן.

אַן אַנעקדאָט, וואָס קינד און קייט פלעגט עס אין ביאַליסטאָק וויסן, כאַראַקטעריזירט חאַזאַנאָוויטשן דעם אידעאַליסט, חאַזאַנאָוויטשן דעם טרוימער. מען פלעגט דעם אַנעקדאָט דערציילן ניט נאָר אין ביאַ־ליסטאָק, נאָר אויך אין די אַרומיקע שטעט און שטעטלעך. מען דער־ציילט עס נאָך היינט פופציק יאָר שפּעטער אין ניו־יאָרק און מעקסיקאָ, אין פּאַריז און בוענאָס־איירעס, אין מאָנטרעאָל און ירושלים. אומעטום

וואו ביאַליסטאָקער האָבן געשאַפּן זייערע נייע היימען. מ׳דערציילט עס אויך צווישן ניט־ביאַליסטאָקער:

דר. חאַזאַנאָוויטש איז אַמאָל געקומען צו אַ קראַנקן, אַ חולה מסוכן. ער באַטראַכט דעם קראַנקן. אין הויז הערשט אַ טויטע שטילקייט. די משפחה און שכנים שטייען אַלע מיט איינגעהאַלטענעם אָטעם און מיט געשפּאַנטער אומגעדולד וואַרטן זיי, וואָס דער דאָקטאָר וועט זאָגן.

מיט אַמאָל גיט דר. חאַזאַנאָוויטש אַ זאָג:

— שלעכט . . . זייער שלעכט! . . .

אַלע זיינען געוואָרן אויפגעציטערט.

— וואָס איז, דאָקטאָר? . . . וואָס איז? . . .

— עס איז שלעכט . . . זייער שלעכט . . .! דער טערק וויל נאָך אַלץ ניט פאַרקויפן ארץ ישראל . . .!

* * *

דער ציוניזם איז ביי אים געווען מער ווי אַ נאַציאָנאַלע און פּאָליטישע באַוועגונג. עס איז געווען זיין גלויבן, דער עיקר פון זיין דענקען און שטרעבן.

קאַפּיטל אַכט

דר. חאַזאַנאָוויטש און דער „לינת הצדק"

די „חובבי ציון" אין ביאַליסטאָק מיט דר. חאַזאַנאָוויטשן בראש האָבן זיך ניט באַגנוגנט בלויז מיט זייער טעטיקייט צווישן די משכילים. זיי האָבן געהאַט דעם ציל צו פאַראינטערעסירן די מאַסן, דאָס פאָלק. זיי האָבן פאַרשטאַנען, אַז כדי צו קריגן די השפעה אויף די ברייטערע שיכטן פון ביאַליסטאָקער אידן, מוזן זיי די אידייע פון חיבת ציון פאַרבינדן מיט קעגנוואַרט־אַרבעט פאַר די מאַסן גופא. זיי האָבן דעריבער געזוכט אַ געלעגנהייט צו באַשאַפן אין ביאַליסטאָק אַזאַ אינסטיטוציע, וואָס זאָל ברייינגען נוצן אַלע קלאַסן און זיין אַ פאָלקס־אינסטיטוציע און זאָל זיין אומהאָפּהייגיק פון די שטאָט־פאַרזאָרגערס.

אַזאַ געלעגנהייט האָט זיך געמאַכט אין יאָר 1885:

עס איז געווען אין ביאַליסטאָק אַ פיינער און איידעלער ר' מאיר ברומער. גערופן האָט מען אים ר' מאיר שוחט, ווייל ער איז טאַקע געווען אַ שוחט, אָבער אַחוץ שחיטה האָט ער נאָך געהאַט אַ וויכטיקן פאַך אין דער האַנט. ער איז געווען אַ גרויסער מומחה אין אויגן־קראַנקהייטן. זיין „קליניק" איז געווען דאָס רויטע הייזקע לעבן שול. מען פלעגט קומען צו אים ניט נאָר פון דער אַרומיקער ביאַליסטאָקער סביבה, נאָר פון גאַנץ רוסלאַנד, צו היילן די אויגן. אָרעמע פלעגט ער היילן אומזיסט.

אַמאָל האָט אים דער גראָדנער גובערנאַטאָר אַרויסגערופן, ער זאָל אים אויסהיילן די אויגן. ר' מאיר שוחט האָט ניט געוואָלט ביי אים נעמען קיין געלט. ער האָט פאַרלאַנגט פון אים דערפאַר, ער זאָל באַפרייען פון גראָדנער תפיסה אַ ביאַליסטאָקער אידן, וואָס איז געזעסן דאָרט אומשולדיק. דער גובערנאַטאָר האָט דערפילט זיין בקשה.

ר׳ מאיר שוחט איז איינמאָל קראַנק געוואָרן. דר. חאַזאַנאָוויטש פלעגט קומען אים באַהאַנדלען און אים שטענדיק געפינען אַליין, עלנט ווי אַ שטיין. עס פלעגן אַריינקומען אַמאָל צו אים אַ פּאָר אידן מבקר חולה זיין. זיי פלעגן אונטערזיצן אַ ווײַלע, אים ווינטשן אַ רפואה שלימה, אַוועקגיין און ווידער אים לאָזן אַליין.

איינמאָל ביינאַכט איז ר׳ מאיר שוחט אַראָפּגעפאַלן פון בעט און געשטאָרבן. קיינער איז דערביי ניט געווען. אין דער פרי האָט מען געפונען זיין טויטן קערפּער לעבן בעט. דער פאַל האָט געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק אין ביאַליסטאָק. מ׳האָט געטראַכט, אַז ער האָט מן הסתם געוואָלט אַרונטערגיין פון בעט און איז געפאַלן. ווען אימיצער וואָלט געווען לעבן אים און דערלאַנגט, וואָס ער האָט געוואָלט, וואָלט אפשר דאָס אומגליק ניט פּאַסירט.

אויף זיין לוויה, אויף וועלכער עס איז כמעט געווען גאַנץ ביאַלי־סטאָק, איז ביי דעם עסקן ר׳ משה קרינסקי געבוירן געוואָרן דער געדאַנק צו גרינדן אַ חברה, וועמעס מיטגלידער זאָלן נעכטיקן ביי קראַנקע. זיי זאָלן זאַלבעצווייט זיצן אַ גאַנצע נאַכט ביים קראַנקן, מענער ביי מענער און פרויען ביי פרויען, אַכטונג געבן אויפן קראַנקן גופא, דערלאַנגען אים די מעדיצין, צולייגן אים דעם אייז־פּענכער צום קאָפּ, כדי די אייגענע, ווען דער קראַנקער איז אַפילו ניט עלנט, זאָלן זיך קאָנען צולייגן שלאָפן און זיך אָפּרוען נאָכדעם, ווי זיי האָבן אַ גאַנצן טאָג אַרומגעפּאַדיעט אַרום קראַנקן. די חברה זאָל אַחוץ דעם טאָקע נעמען אָנטייל אין גאַנצן גורל פון קראַנקן און זיין משפחה. קיין קראַנקענשוועסטערס זיינען נאָך דענסטמאָל ניט געווען אין ביאַליסטאָק, און דאָס איז נאָך אפילו שפּעטער געווען אַ לוקסוס, וואָס נאָר גבירים האָבן זיך געקאָנט דערלויבן.

האָט מען זיך אויף דער לוויה צוזאַמענגערעדט און באַשלאָסן צו גרינדן אַזאַ חברה. מען איז דעמזעלבן אָוונט זיך צוזאַמענגעקומען אין יחיאל־נעכעס בית־מדרש. מען האָט די חברה אַ נאָמען געגעבן: „לינת הצדק". מ׳האָט גלייך אויסגעקליבן גבאים, דיזעלבע גבאים פון „חובבי

ציון", און דר. יוסף חאַזאַנאָוויטש איז געוואָרן אויך דער יושב־ראש, דער פאָרזיצער פון לינת הצדק. [44])

חאַזאַנאָוויטשעס לעבן איז דעמאָלט געווען צעטיילט אויף צווייען. די איין העלפט האָט געהערט די „חובבי ציון", די צווייטע — דעם „לינת הצדק".

דער צענטער פון ביידע חברות, פון חובבי ציון און לינת הצדק, איז געווען דער בית־מדרש (מנין) „אוהל משה", וואָס איז געווען פריער אויף ראָזשאַנער גאַס אין אַ הילצערנעם הויז. [45]) דאָרט פלעגט א. ש. הערשבערג אַלע שבת האַלטן לעקציעס פאַר יונגע מענטשן וועגן מדרש. שפּעטער איז דער „אוהל משה" אַריבער אין אַ גרעסערע הויז, אויף גומיענער גאַס 13 ביי שעפסל נייהויז דעם האַלצהענדלער אויפן הויף, וואָס מען האָט גערופן אויף זיין ווייבס נאָמען „קלעקטשיכעס הויף".

דר. חאַזאַנאָוויטש איז זייט 1890 געווען אַ טעטיקער מיטגליד פון אָרדן „בני־משה". דאָס איז געווען אַ מין פריימאַסאָנישע געזעלשאַפט, וועלכע איז געגרינדעט געוואָרן אין אָדעס אין 1889 דורך דעם באַקאַנטן חובב ציון און דענקער אחד העם. די פאָראייניקונג האָט עקזיסטירט ביי 8 יאָר און איר צוועק איז געווען: העלפן אַנטוויקלען דעם געדאַנק פון אידישן רענעסאַנס — פון נאַציאָנאַלער אויפלעבונג אין ארץ ישראל. זי האָט געפאָדערט פון אירע מיטגלידער זיי זאָלן זיין עכט עטישע מענטשן און אָנהאַלטן די מדות: אַחדות, פאָרזיכטיקייט, אמת און צניעות. [46])

44) יהושע־העשל קלעמענטינאָווסקי — פון ביאַליסטאָק ביז באַזעל, ביאַליסטאָק, 1931.
א. ש. הערשבערג — פּנקס ביאַליסטאָק, באַנד 1.

45) „אוהל משה" איז געגרינדעט געוואָרן אין 1885 אויפן נאָמען פון משה מאָנטעפיאָרע, וואָס גראָד אין דעם יאָר איז אויסגעפאַלן זיין הונדערטסטער געבוירנטאָג. היות די ביידע חברות זיינען ניט געווען באַשטעטיקט פון דער רעגירונגס־מאַכט, האָבן זיי זיך געמוזט באַהאַלטן אונטער אַ מאַנטל פון אַ רעליגיעזער שול.

46) ס. ל. ציטרון — תולדות חבת ציון, אודיסה, תרע"ד;
נחמן דרוזדוב — אחד העם, שיקאַגאָ, פאַרלאַג גלאָבוס, 1940;
דר. שמריהו לוין — זכרונות, באַנד 3;

אין ביאַליסטאָק האָבן די מיטגלידער פון „בני משה" — דר. חאַזאַנאָוויטש, דוד סוכאָוואָלסקי און שמואל שטורמאַן געגרינדעט די „חברה תורה" מיט דעם צוועק צו פאַרשפּרייטן צווישן דער אידישער יוגנט די יסודות פון אידיש וויסן און אידישער עטיק.

אין דער ערשטער צייט האָט מען ביי שטורמאַנען אין שטוב געלערנט אַלע טאָג נאָך מנחה תנ"ך און אידישע געשיכטע. שבת נאָך מנחה פלעגט מען פּראַווען „שלש סעודות". מ'האָט געזונגען יהודה הלוי'ס שירים מיט מעלאָדיעס, וואָס דער ביאַליסטאָקער משורר און קאָמפּאָזיטאָר מנחם־מענדל דאַווידזאָן האָט ספּעציעל פאַרפאַסט פאַר דעם צוועק. ר' מאיר יעלין פלעגט לערנען די הפטורה פון דער וואָך.

שפּעטער איז די „חברה תורה" אַריבערגעגאַנגען אין פּעטרושקעס הויז אויף סענדערס גאַס. דאָרט האָט א. ש. הערשבערג געלערנט שבת די פּרשה פון דער וואָך און אין „אוהל משה" פלעגט ער לערנען בין מנחה למעריב עין יעקב מיט אַ נאַציאָנאַלער און השכלה־באַלייכטונג.

אין עזרת נשים פון אוהל־משה האָט זיך געפירט די גאַנצע אַרבעט פון לינת הצדק. אַחוץ די לינות, האָט דער לינת הצדק געמוזט מיט דער צייט איינפירן נאָך אַנדערע הילפספאָרמען פאַר אָרעמע קראַנקע, ווי מעדיצינישע הילף, אַ קוויטל צו אַ דאָקטאָר, ער זאָל באַהאַנדלען דעם קראַנקן אויפן חשבון פון דער חברה, אָדער אַן אָנווייזונג צום אַפּטייק, זיי זאָלן געבן די מעדיצין אומזיסט. מ'האָט אויך געגעבן אָפּט הילף במזומן, ווען די לאַגע ביים קראַנקן האָט עס געפאָדערט און פאַרזאָרגט קראַנקע מיט אייז־פּענכערס, וואַרם־בלעכן, מאַשינקעס צו מאַכן פּאַרע אין האַלדז, טערמאָמעטערס און אַנדערע מכשירים און כלים, וואָס אַ קראַנקער דאַרף זיך באַנוצן מיט זיי.

אויפן געביט פון מעדיצינישער הילף האָט זיך באַזונדערס אויסגעצייכנט דר. חאַזאַנאָוויטש. ער האָט זיך מיט זיין גאַנצן ברען אַריינ־

אליעזר שערמאַן — שעפער און בויער, אחד העם, פאַרלאַג אַלט־ניי, פילאַדעלפיע, 1941 ;

לוח אחיאסף תרס"ד, אַרטיקל פון מרדכי בן הלל הכהן, זז. 242—248 ;

ב. טשערנאָוויץ — בני משה ותקופתם.

געוואָרפן אין דער אַרבעט אָן באַלוינונג. ער האָט די ערשטע יאָרן געגעבן די מעדיצינישע הילף גאַנץ אומזיסט און געוויזן דערמיט אַ ביישפּיל די אַנדערע דאָקטוירים.

איינמאָל אין יאָר, פּרשה וירא, פלעגן נאָכן דאַווענען הונדערטער חברים פון די חובבי ציון און לינת הצדק קומען צו דר. חאַזאַנאָוויטשן, דעם יושב־ראש, צום טראַדיציאָנעלן חברישן קידוש. איינמאָל איז צום קידוש אַפילו געקומען דער רב ר׳ שמואל מאָהילעווער בכבודו ובעצמו.

דר. חאַזאַנאָוויטש האָט אַזוי אַרום אין זיך פאַראייניקט רעליגיעזע, אידיש־נאַציאָנאַלע און פילאַנטראָפּישע אַקטיוויטעטן.

אין דער ערשטער צייט איז אין לינת הצדק די רעכטע האַנט פון דר. חאַזאַנאָוויטש געווען משה־בערל בעזים, אַן עלטערער איד פון אַלטן שטייגער. ווען יהושע־העשל קלעמענטינאָווסקי איז געוואָרן סעקרעטאַר פון „חובבי ציון״, אַליין אַ משכיל מיט בילדונג און בוכהאַלטעריע־קענטעניש, אַ גוטער אָרגאַניזאַטאָר און אַ מקורב פון דר. חאַזאַנאָוויטש, איז ער, יהושע־העשל, שוין געוואָרן דער הויפּט־פאַרוואַלטער פון לינת הצדק. די חברה האָט זיך שטאַרק פאַרצווייגט. זי איז געוואָרן זייער באַליבט אין שטאָט אַלס די דעמאָקראַטישע אינסטיטוציע אין ביאַלי־סטאָק, וואו דער פאָלקס־מענטש, דער ביאַליסטאָקער וועבער און גאַר־בער האָבן געהאַט צו זאָגן זייער דעה ניט האָבנדיק די מאה.

דער ביאַליסטאָקער לינת הצדק איז צו יענער צייט געוואָרן אַ מוסטער פאַר אַסך אַזעלכע חברות אין אידישן תחום המושב, וואָס האָבן זיך געגרינדעט מיט דיזעלביקע צילן און אויף דיזעלביקע יסודות.

דר. חאַזאַנאָוויטש איז געווען פאָרזיצער פון לינת הצדק פון 1885 ביז 1897, מיט אַן איבעררייס פון די צוויי יאָר, וואָס ער האָט אָפּגע־ריכט דעם גלות־לאָדז (זע קאַפּיטל „גראָנאָווסקי סקאַנדאַל״). אין 1897 האָט לאַזאַר ניעמצאָוו, דער פאַרטרעטער פון דער „רוסישער טראַנס־פּאָרט געזעלשאַפט״, אַרויסבאַקומען פון גראָדנער גובערנאַטאָר באַ־טיושקאָוו אַ באַשטעטיקטן רעגירונגס־אוסטאַוו (טשאַרטער) פאַרן לינת הצדק, וואָס האָט דער געזעלשאַפט געגעבן דאָס רעכט אויסצובררייטערן איר טעטיקייט אויף אַ גרויסן פאַרנעם. ניעמצאָוו איז דענסטמאָל גע־

וואָרן פאַרזיצער פון לינת הצדק און דר. חאַזאַנאָוויטש — וויצע־פאַרזיצער.

חאַזאַנאָוויטש האָט אָבער אויך אין זיין אַרבעט פאַרן לינת הצדק דערלעבט ביטערע אַנטוישונגען און גרויס עגמת נפש.

אין משך פון די צוויי יאָר, וואָס חאַזאַנאָוויטש איז געווען אַרויס־געשיקט אַדמיניסטראַטיוו פון ביאַליסטאָק, האָבן „מענטשן, וואָס האָבן זיך געיאָגט נאָך גבאות", ווי ער אַליין דריקט זיך אויס אין אַ בריוו צו יחיאל־מיכל פינס, ירושלים פון ניסן, תרנ"ה (1895) [47]) אויסגענוצט זיין אָפּוועזנהייט און מ'האָט אָנגעהויבן רודפן דעם לינת הצדק, שרייבן פּאַסקווילן קעגן אים און די באַאַמטע פון דער חברה. ווען זייערע אינ־טריגעס האָבן זיי ניט געהאָלפן, האָבן זיי געגרינדעט אַ נייע חברה אונטערן נאָמען „משמרת חולים" און מ'האָט זיך ניט אָפּגעשטעלט אַפילו פאַר מסירות צו דער רעגירונג. חאַזאַנאָוויטש האָט גייסטיק שטאַרק געליטן פון די דאָזיקע רדיפות קעגן אים, באַזונדערס קעגן די באַאַמטע פון לינת הצדק, צו וועמען ער האָט געהאַט דעם פולסטן צוטרוי, און האָט געשוואָרן, אַז אַלץ, וואָס מ'רעדט און מ'שרייבט קעגן זיי איז „שקר מוחלט".

דער לינת הצדק איז פון דעם אינטריגעס־קאָנפליקט אַרויס שטאַר־קער און געוואָרן נאָך איינפלוסרייכער אויף דער אידישער גאַס אין ביאַליסטאָק.

אין 1904 איז געווען אין לינת הצדק גופא אַ קאָנפליקט מיט די דאָקטוירים, וואו חאַזאַנאָוויטש האָט געשפּילט אַ וויכטיקע ראָלע.

פאַרזיצער איז דעמאָלט געווען דר. רובינשטיין (ספּעציאַליסט אויף פרויען־קראַנקהייטן). עס איז געווען אַ קורצע צייט, איידער ער איז מאָביליזירט געוואָרן אין דער רוסיש־יאַפּאַנישער מלחמה. איינער פון די פאַרוואַלטונגס־מיטגלידער האָט באַליידיקט אַ דאָקטאָר, וואָס פלעגט באַהאַנדלען קראַנקע אויף אַן אָנווייזונג פון לינת הצדק. די אַנדערע

47) פאָטאָסטאַט פון דעם בריוו, לויט אַ מיקראָפילם צוגעשיקט צום מחבר פון צענטראַלן ציוניסטישן אַרכיוו אין ישראל, געפינט זיך אין אַרכיוו פון דער ביאַליסטאָקער היסטאָרישער געזעלשאַפט, ניו יאָרק.

דאָקטוירים, וואָס האָבן געאַרבעט פאַרן לינת הצדק, האָבן זיך אָנגענומען פאַר זייער קאָלעגע, דערקלערט אַ שטרייק און ניט אָנגענומען מער קיין קראַנקע פון לינת הצדק.

אויף אַ זיצונג פון די דאָקטוירים איז דר. חאַזאַנאָוויטש אַרויס מיט אַ פייערדיקער רעדע קעגן די שטרייקערס. ער האָט געזידלט און געדונערט:

— אַ יחיד, אויב ער טוט אַן עוולה, קאָן מען אים מוחל זיין, אָבער אונז, אַ קאָלעקטיוו, אונז, דאָקטוירים, וועט מען קיינמאָל ניט מוחל זיין, וואָס צוליב אַ קאַפּריז פון אַ יחיד, זאָלן די אָרעמע לייט, די אָרעמע קראַנקע בלייבן אָן מעדיצינישער הילף . . .

דאָס אַריינמישן זיך פון דר. חאַזאַנאָוויטש האָט געמאַכט אַ סוף צו דעם קאָנפליקט און דער דאָקטוירים־שטרייק האָט זיך געענדיקט.

דר. חאַזאַנאָוויטש איז נאָך אַ לאַנגע צייט געווען די נשמה פון לינת הצדק.

קאפיטל ניין

זיין כאראַקטער און לעבנס־שטריכן

דר. יוסף חאַזאַנאָוויטש איז געווען אַן אידעאַליסט פון רייַנסטן וואַסער. קיין פיזישע פאַרגעניגנס פון לעבן האָט ער ניט געהאַט און ניט געזוכט. ער האָט שטענדיק פאַרקניפּט זיין טעטיקייט מיט אַ העכערן אידעאַל, מיט אַ העכערן ציל.

ער איז געווען אַ מענטש אַן עטיקעט און אַן באַזונדער פיינע מאַנירן. ער האָט פיינט געהאַט אַלע אויסערלעכע קאָנווענציאָנעלע פאָרמען. ער האָט פיינט געהאַט כבוד פאַר זיך אַליין און ניט ליב געהאַט אָפּצוגעבן כבוד יענעם. ער איז געווען שטאַרק עקסצענטרירט און ער פלעגט עס אַמאָל טרייבן ביז אַבסורד.

ער האָט ליב געהאַט דעם פשוטן אידן, הגם ער האָט געזידלט, קריטיקירט און סאַרקאַסטיש גערעדט וועגן זיינע „אידעלעך". מיט דעם פשוטן אידן האָט ער זיך געפילט גוט. פאַר אים האָט ער אויסגעגאָסן זיין ביטער האַרץ. ער איז אַליין געווען אַ פאָלקס־מענטש און האָט ליב געהאַט דעם פאָלקס־מענטש, זיין פשטות, זיין נאַטירלעכקייט. ער האָט ניט ליב געהאַט דעם אידישן גביר, ווייל ער האָט אין אים שוין ניט געפונען אָט די נאַטירלעכקייט. ער האָט אין אים ניט געפונען די אמתע אידישע פאָלקס־נשמה.

חאַזאַנאָוויטש האָט אָפּגעהיט אידישע טראַדיציעס, הגם ער איז ניט געווען פרום. ער איז געווען אַ איד מיטן גוף און מיט דער נשמה. אַ אידישער מנהג איז געווען ביי אים הייליקער ווי ביי אַ פרומען אידן אַ דין, הגם ער איז קיינמאָל אין ביאַליסטאָק ניט געגאַנגען דאַווענען. זיין ניט גיין אין שול פלעגט ער דערקלערן דערמיט, וואָס ער האָט ניט ליב צו זען ווי די גבירים שטייען אין מזרח מיט אַ באַזונדער גאווה און גלעטן זיך דאָס בייכל, ווען זיי קריגן אַ „פעטע" עליה. ער פלעגט זאָגן:

— אַ בית־מדרש דאַרף ניט האָבן קיין אויבן־אָן . . . אַלע גלייך . . .
ביי אים איז געווען אַ כשרע קיך און שבת האָט ער געהאַלטן, ווי די פרומע אידן. וויזיטן צו קראַנקע פלעגט ער מאַכן אום שבת. ער פלעגט אַרויספאָרן נאָר צו ערנסטע קראַנקע.

ער האָט ליב געהאַט די העברעאישע און די אידישע שפּראַך. ער האָט געלייענט איןביידע שפּראַכן. אידיש האָט ער גערעדט געמישט מיט דייטשע ווערטער.

ער איז געווען אַ פייערדיקער נאַציאָנאַליסט און פלעגט זיך אָפּ־רופן אויף אַלע געשעענישן אין אידישן לעבן בכלל און אין דער ביאַ־ליסטאָקער אידישער קהילה בפרט.

ווען עס איז אין יאָר 1882 אָנגעקומען די ידיעה וועגן פּאָגראָם אין באַלטי, האָט ער זיך אַרויסגעכאַפּט אין שטאָט, געמאַכט אַ ליאַרם, געגאַנגען פון הויז צו הויז און אויפגעקליבן אין משך פון עטלעכע טעג אַ גרויסע סומע געלט פאַר די געליטענע פון פּאָגראָם.

דר. חאַזאַנאָוויטש האָט ניט געקאָנט פאַרטראָגן קיין באַליידיקונגען, וואָס האָבן געטראָגן אַן אַנטיסעמיטישן כאַראַקטער. ער האָט זיך אָנ־גענומען און רעאַגירט אויף יעדער גרעסערע און קלענערע עוולה, וואָס איז אָפּגעטאָן געוואָרן אין שטאָט. ער פלעגט זיך פאַר קיינעם און פאַר קיין זאַך ניט אָפּשטעלן. האָט ער טאַקע איינמאָל פאַר זיין איינשטעלן זיך פאַר אַ אידישן אינגל טייער באַצאָלט. דער דאָזיקער טרויעריקער עפּיזאָד איז באַקאַנט אונטער „גראַנאָווסקי סקאַנדאַל“.

דער גראַנאָווסקי־סקאַנדאַל

עס איז געווען אין יאָר 1889, אין אַ זומערדיקן פרייטיק פאַרטאָג. אַ אידישער אינגל לייזער, ליבע־חיה׳ס זון פון כאַנייקעס, האָט זיך אַריינגעכאַפּט אין גאָרטן פון פּוילישן דאָקטאָר גראַנאָווסקי, אַ באַוואוס־טער אַנטיסעמיט, כדי אָפּצורייסן עטלעכע עפּל פון אַ בוים.

גראַנאָווסקיס הויז איז געשטאַנען אין שכנות מיט חיים בלומעס בעקעריי אויף נאָוואָליפּיע, און הינטער דעם הויז איז געווען דעם דאָק־

טאָרס גרויסער סאָד, וועלכער האָט זיך אַוועקגעצויגן ביז כאַנייקעס. גראַנאָווסקיס דינער און קוטשער אַנדרעיעוו האָט געכאַפּט דעם אינגל און דר. גראַנאָווסקי האָט אַלס שטראָף אויסגעלאַפּיסירט אויף זיין פּנים די דריי ווערטער אין רוסישע אותיות: „גנבֿ, וואָר, דיעבֿ", וואָס באַ־דייטן „גנבֿ" אין אידיש, רוסיש און דייטש. דעם אינגל האָט מען שפּע־טער געבראַכט צו חאַזאַנאָוויטשן. חאַזאַנאָוויטש איז געוואָרן אויסער זיך, און האָט אויפגעהויבן אַ שטורם אין דער גאַנצער שטאָט.

יודל גאָלד, באַקאַנט אין ניו־יאָרק אונטערן נאָמען „דער ליטע־ראַרישער אייזמאַן", געשט. אין ניו־יאָרק 1939, דערציילט אין זיינע זכרונות פון דער אַלטער ביאַליסטאָק: [48])

ער האָט דענסטמאָל געאַרבעט אַלס בעקער־געזעל ביי חיים בלו־מעס. אַרויסגייענדיק פרייטיק פאַרטאָג אויפן הויף צו זען, צי די זעמל זיינען שוין אָפּגעקילט, האָט ער דערהערט אַ טומל, וואָס איז געקומען פון גראַנאָווסקיס סאָד. ער איז געוואָרן נייגעריק און דורך דער שפּאַ־רונע פון פּאַרקאַן האָט ער געזען, ווי גראַנאָווסקי און זיין קוטשער האַלטן דעם אינגל און באַשמירן זיין פּנים.

יוליוס גאָלד שילדערט דעם עפּיזאָד 37 יאָר שפּעטער:

„. . . אויף מאָרגן, שבת, איז אין שטאָט געווען חושך. די גאַנצע שטאָט האָט געטומלט. די גאַסן זיינען געווען שוואַרץ פון מענטשן און די אויפרעגונג פון אידישן המון איז געוואַקסן פון מינוט צו מינוט. אין איינעם פון די געזאַמלס איז געשטאַנען דר. חאַזאַנאָוויטש און געשריען:

— אידן . . . אַזאַ נבֿלה טאָר ניט פאַרשווייגן ווערן . . . איר הערט, אידן . . . ?

אימיצער האָט אים אָנגעוויזן אויף מיר, אַז איך בין געווען אַן עדות פון דער סצענע, ווי גראַנאָווסקי האָט געלאַפּיסירט דעם אינגלס פּנים. דר. חאַזאַנאָוויטש ווענדעט זיך צו מיר:

— קום הער, יונגערמאַן. דו האָסט געזען וואָס גראַנאָווסקי

48) ביאַליסטאָקער שטימע, ניו יאָרק, נומ. 13, מערץ 1926.
אָסיפּ דימאָוו, ביאַליסטאָקער שטימע, ניו יאָרק, מאַי 1940.

האָט געטאָן מיטן אינגל? הער... זאָלסט זאָגן דעם אמת...
דעם אמת.

אָננעמענדיק מיך פאַר די לאַצן האָט ער גענומען שרייען:

— ניט פאַרראַטן... נאָר דעם אמת דערציילן... געדענק, מ׳האָט דאָ באַליידיקט דאָס גאַנצע פאָלק ישראל... דו הערסט...?

איך בין געוואָרן אַן אויפגעציטערטער.

— הער דאָקטאָר, איר קענט דאָך מיך. איך בין יענקל דעם לאַנדאַנערס אַ ברודער — האָב איך זיך גענומען פאַרענטפערן, ווי איך וואָלט געווען דער שולדיקער.

חאַזאַנאָוויטש האָט זיך אַביסל באַרואיקט. האָט מיך אָפּגעלאָזן און מיט מיר אָפּגעגאַנגען אַן אַ זייט פון דעם אַרומיקן עולם.

— הער זיך איין, בחורל... מען וועט דיר פאַרלייגן געלט... מ׳וועט דיר צוזאָגן גליקן, דו זאָלסט ניט גיין עדות זאָגן... זאָלסטו געדענקען, אַז אין דיינע הענט...

זיינע אויגן האָבן זיך אָנגעצונדן און ווידער נעמענדיק מיך ביי די לאַצן, האָט ער גענומען ריידן:

— זאָלסט ניט פאַרשעמען אונזער נאָמען...! זאָגסט אונז צו...?

איך האָב אים פאַרזיכערט, אַז איך וועל דערציילן דעם אמת...

פּלוצלונג האָבן זיך דערהערט פון ווייטן באַנומענע קולות. מיר האָבן געזען, ווי אויפן ראָג וואַשילקאָווער גאַס האָבן אַ מאַסע מענטשן באַלאַגערט אַ בריטשקע און ס׳קומט פאַר אַ געשלעג. מיר זיינען צוגעגאַנגען נענטער און געזען, ווי דר. גראַנאָווסקי און זיין קוטשער, צעשלאָגענע, ווילן זיך דורכרייסן דורכן המון. זיין בריטשקע איז געלעגן אַן איבערגעקערטע אויפן ברוק. דאָס האָבן ביאַליסטאָקער יאַטן באַגעגנט גראַנאָווסקין פאַרנדיק פון זיינע ווי־זיטן, אים אָפּגעשטעלט און גוט מכבד געווען.

דר. חאַזאַנאָוויטש האָט גענומען שרייען מ׳זאָל זיי אָפּלאָזן, און דער עולם האָט געפאָלגט.

דעמזעלבן שבת נאָכמיטאָג האָט אין פאָלקאָוואָיען בית מדרש

געערדט דער ראַבינער מאַרקוס און חאַזאַנאָוויטש. זיי האָבן גע־פאָדערט צו באַיקאָטירן דעם חוליגאַנישן דאָקטאָר. דעם באָיקאָט האָבן די ביאַליסטאָקער אידן דורכגעפירט מיט אַ זעלטענער שטרענגקייט״ . . .

יוליוס גאָלד דערציילט ווייטער, ווי אַ פּאָר וואָכן שפּעטער זיינען די אָקאָלאָדאָטשניקעס דאַנדזשי און ברודניקאָוו געקומען אים נעמען. מ׳האָט אים אַוועקגעפירט אין פּערלמאַן׳ס האָטעל אויף נאָוואָליפּיע, און אַ קריסט אין ציוויל האָט אים געבעטן אַלץ צו דערציילן, וואָס ער ווייס וועגן דעם ענין . . . ער האָט אַלץ דערציילט אין זיין צעבראָכענעם רוסיש. דער מאַן האָט אים אָנגעהויבן איינצורעדן, ער זאָל ניט עדות זאָגן, וואָס דאַרף ער האָבן די צרות מיט געריכטן און פּראָקוראָרן. קיין גוטס קאָן דערפון ניט אַרויסקומען און האָט אים פּאָרגעלייגט זעקס הונדערט רובל, ער זאָל בעסער אַוועקפאָרן קיין אַמעריקע און פאַרגעסן די גאַנצע געשיכטע . . .

„אָבער — דערציילט גאָלד — חאַזאַנאָוויטשעס ווערטער האָבן מיר געקלונגען אין די אויערן:

„ניט פאַרראַטן . . . דעם אמת . . . דעם אמת דערציילן . . .

און ער איז בייגעשטאַנען דעם נסיון.

גלייך ווי די געשיכטע האָט פּאַסירט, האָט מען דעם אינגל מיטן צעקאַליעטשעטן פּנים פאָטאָגראַפירט און די פאָטאָגראַפיע מיט אַ באַ־שטעטיקונג פון ראַבינער מאַרקוס האָט מען אָפּגעשיקט צו דער דעמאָל־טיקער רוסישער ליבעראַלער צייטונג „נאָוואָסטי״ מיט אַ שאַרפן פּראָ־טעסט־אַרטיקל, וואָס איז אויך באַלד אָפּגעדרוקט געוואָרן.

דער עפּיזאָד איז אויפגעכאַפּט געוואָרן פון אַסך אייראָפּעאישע און אַמעריקאַנישע צייטונגען און קאָמענטירט געוואָרן אין צוזאַמענהאַנג מיט די אַלגעמיינע רדיפות אויף אידן. דאָס האָט זייער אויפגעקאָכט די רוסישע מאַכט אין פּעטערבורג.

דער פּראָצעס איז באַלד פאָרגעקומען און אין 1891 איז ניט נאָר דר. גראַנאָווסקי ניט באַשטראָפט געוואָרן, נאָר פאַרקערט, דר. חאַזאַ־נאָוויטש און ראַבינער מאַרקוס זיינען געוואָרן די באַשטראָפטע. מען

האָט זיי בײדע אַדמיניסטראַטיוו אַרויסגעשיקט פון ביאַליסטאָק אויף צוויי יאָר. מען האָט זיי באַשולדיקט, אַז זיי האָבן אָרגאַניזירט אַ דע־מאָנסטראַציע פון אידן און האָבן גענומען דאָס געזעץ אין זייערע איי־גענע הענט. עס איז אויך אַרויפגעלייגט געוואָרן אַ קאָנטריבוציע פון 50,000 רובל אויף דער ביאַליסטאָקער קהילה, וואָס איז שפּעטער גע־לונגען אַרונטערצונעמען אַדאַנק דער השתדלות פון די שטאָט־פירערס. עס איז זיי אויך געלונגען צו באַפרייען ראַבינער מאַרקוס פון זיין פאַרשיקונג און אים באַלד ווידער צוריקצוברייגען קיין ביאַליסטאָק. דר. חאַזאַנאָוויטש האָט אָבער געמוזט פאַרלאָזן ביאַליסטאָק.

דער טרויעריקער עפּיזאָד האָט דענסטמאָל אויפגערודערט ניט נאָר ביאַליסטאָק נאָר די גאַנצע וועלט.

אין די קרייזן פון די העכערע רעגירונגס־באַאַמטע אין פּעטער־בורג האָט מען דעמאָלט געזאָגט, אַז וועגן דער מעשה גראַנאָווסקי איז מער אָנגעשריבן געוואָרן אין דער פּרעסע, ווי וועגן דעם מאָרד פון אַלעקסאַנדער דעם צווייטן אין 1881.

דר. חאַזאַנאָוויטש האָט אויסגעקליבן אַלס פאַרשיקונגס־פּלאַץ די שטאָט לאָדז. דאָרט האָט ער אין משך פון די צוויי יאָר אָפּגעריכט גלות. אין דער גרויסער אינדוסטרי־שטאָט לאָדז, מיט אַסך אַ גרעסערער אידישער באַפעלקערונג ווי אין ביאַליסטאָק האָט זיך דר. חאַזאַנאָוויטש געפילט איינזאַם און אומגליקלעך. ער האָט קוים קוים אויסגעהאַלטן די צוויי יאָר. ער האָט געבענקט נאָך זיינע ביאַליסטאָקער אידן, נאָכן ביאַליסטאָקער אידישן לעבן. ער האָט געשריבן טרויעריקע בריוו צו זיינע פריינט און חברים. ער האָט זיך געפילט, ווי ער וואָלט געווען פאַרשיקט אויף „קאַטאָרגע".

אין זיין בריוו פון ניסן, תרנ"ה צו יחיאל מיכל פּינס, ירושלים, שרייבט חאַזאַנאָוויטש: [49]

49) פאָטאָסטאַט פון בריוו, לויט אַ מיקראָפילם געפינט זיך אין אַרכיוו פון דער ביאַליסטאָקער היסטאָרישער געזעלשאַפט.

„. . . . שוין פיר און האַלב יאָר, ווי עס האָט מיך פּלוצלונג גע־טראָפן דער אומגליק און איך בין געווען געצוואונגען אָפּצוריכטן גלות, אויסצואוואַנדערן פון מיין שטאָט, וואו איך האָב געלעבט אין אַ פּלאַץ, וואו איך האָב קיינעם ניט געקענט״ . . .

ער באַקלאָגט זיך אין בריוו, וואָס נאָר עטלעכע פון זיינע גאַנץ נאָענטע פריינט זיינען געקומען זיך געזעגענען מיט אים, ווען ער איז אַוועקגעפאָרן קיין לאָדז.

די לאָדזער חובבי ציון האָבן זיך דאָרט אָנגענומען זיין קריוודע און אים פאַרשאַפט אַ גרויסע מעדיצינישע פּראַקטיקע. אויך דער לאָדזער רב הגאון ר׳ אליהו־חיים מייזעל, פריער רב אין דערעטשין, האָט אים מקרב געווען. עס האָט אַלץ ניט געהאָלפן. ער האָט זיך געפילט עלנט. עס האָבן אים געפעלט די ביאַליסטאָקער „אידעלעך״, פאַר וועלכע ער פלעגט קאָנען אויסגיסן זיין האַרץ, ווייל זיי זיינען אים געווען נאָענט און היימיש. די לאָדזער אידן, האָט ער געטענה׳ט, זיינען צו פיל פאַרזונקען אין גשמיות, ניטאָ קיין אידעאַליסטן, ווי אין ביאַ־ליסטאָק.

ביאַליסטאָקער אידן האָבן אויך געבענקט נאָך דר. חאַזאַנאָוויטשן. זיי האָבן אָן אים קיין רגע ניט פאַרגעסן. באַזונדערס האָט ער גע־פעלט דער אידישער אָרעמקייט.

צום ערשטן ראש השנה, וואָס ער איז געווען אין דער פרעמד האָבן זיינע חברים און פריינט פון לינת הצדק געשיקט אים אַ „לשנה טובה״־באַגריסונג:

יוסף לך שנות חיים — למו היתה נזר תפארה
ה׳ הבוחר בירושלים — הן הרבית ישע לכל נפש מרה
יקרב קץ נדודיך — אף חזקת כל בדק
וישיבך לידידיך — בחברת „לינת הצדק״

ווען ער איז צוריקגעקומען קיין ביאַליסטאָק נאָך דער אָפּגעדינ־טער שטראָף איז דר. חאַזאַנאָוויטש מיט דער צייט געוואָרן נאָך מער באַליבט און געאַכטעט.

ד ר. י ו ס ף ח אַ ז אַ נ אָ ו ו י ט ש

בעת'ן ביאַליסטאָקער פּאָגראָם

דער ביאַליסטאָקער פּאָגראָם, וואָס איז פּאָרגעקומען פון 1־3־טן יוני, 1906, האָט איבערגעלאָזן אויף דר. חאַזאַנאָוויטשן אַ מורא'דיקן רושם. די כוליגאַנעס האָבן אַריינגעשאָסן אין זיין פענסטער. די קויל האָט אָבער קיינעם ניט געטראָפן. זיין האַרץ האָט אָבער געווייטיקט פאַר די קרבנות, פאַר די געליטענע משפחות און פאַר דער טיפער נאַציאָנאַלער באַליידיקונג, וואָס אידן זיינען אומעטום און צו יעדער צייט אין סכנה, און אידיש בלוט איז הפקר.

יעקב פּאַט שילדערט אין זיינע זכרונות וועגן ביאַליסטאָק [50]) חאַזאַ־נאָוויטשעס געמיט אין יענע טעג:

„. . . איך דערמאָן זיך די ערשטע שעה'ן נאָכן ביאַליסטאָקער פּאָגראָם. די דעפּוטאַטן פון דער פּעטערבורגער גאָסודאַרסטווע־נער דומע זיינען שוין געווען אין שטאָט . . . מיר האָבן מיט פּלאַ־טער אין די הערצער געקראָכן איבער די בערג גלאָז, וואָס זיינען געווען אָנגעשאָטן אין די גאַסן, גלאָז פון די פענסטער, פון די שויפענסטערס . . . מיר זיינען געגאַנגען צום האָטעל, וואָס איז געשטאַנען אַנטקעגן דעם פּוילישן קלויסטער. דאָרט איז געווען אַן אסיפה. די פּני פון שטאָט זיינען דאָרט געווען. דאָרט איז אויך געווען „נאַטשאַלסטווא" פון פּעטערבורג . . . איך זע איצט פאַר מיר שאָטנס פון געשטאַלטן פון יענער צייט: דר. רייגראָדסקי, דר. פינעס, אַדוואָקאַט באָמאש, זלמן וויינרייך . . . פּלוצלונג איז דאָרט אַריינגעלאָפן ווי אַ ווינט דר. חאַזאַנאָוויטש. ער האָט גע־הויבן זיין שטעקן, געפּאָכעט מיט אים אין דער לופטן, געטופּעט מיט די פיס און געשריען:

— די גאַנצע שטאָט דאַרף זיך לאָזן מיט די 80 אָרון'ס פון קדושים קיין פּעטערבורג . . . צום קייזער אין פּאַלאַץ וועלן מיר זיי אַריינטראָגן . . . אין דער גאָסודאַרסטווענער דומע וועלן מיר

50) „פאָרווערטס", פון 20 און 27 מערץ, 1949.

זיי ברענגען . . . מיר מוזן איבערקערן די וועלט . . . אַלע זאָלן גיין . . . די גאַנצע שטאָט . . . !"

א. ליטווין (ש. הורוויץ), איינער פון די פּיאָנערן פון דער ציוניס־טישער אַרבעטער באַוועגונג אין אַמעריקע, וואָס האָבן געשאַפן דעם ערשטן סאָציאַליסטישן פּועלי ציון פאַראיין, שרייבט וועגן חאַזאַ־וויטשן אין יענער צייט:[51]

„ . . זייענדיק אין ביאַליסטאָק, באַלד נאָכן פּאָגראָם, האָב איך באַזוכט דר. חאַזאַנאָוויטש. איך האָב מיך געמעלדעט — אַ ליטע־ראַט. ער האָט מיך אויפגענומען קאַלט. אַז איך האָב אים געזאָגט, אַז איך שרייב אויך העברעאיש, איז ער געוואָרן צו מיר פריינט־לעכער. נאָר ווען איך האָב אים געזאָגט, אַז איך וויל אים שענקען אַ פּאָר ביכער פאַר זיין ביבליאָטעק, איז ער געוואָרן צו מיר גאָר פריינטלעך און איז אַריין אין אַ לאַנגן שמועס מיט מיר . . ."

חאַזאַנאָוויטש האָט פיינט משומדים

קאָנסטאַנטין אַלעקסאַנדראָוויטש שאַפּיראָ, אַ יוגנט־חבר פון דר. חאַזאַנאָוויטש איז געבוירן געוואָרן אין גראָדנע אין יאָר 1840, וואו ער האָט אין זיינע יונגע יאָרן געשמט פאַר אַן עלוי. זיין אידישער נאָמען איז געווען אשר בן אליהו. איינער פון זיינע נאָענטסטע חברים איז געווען מנחם־מענדל דאַווידזאָן, דער שפּעטערדיקער ביאַליסטאָקער לע־רער, באַקאַנטער העברעאישער משורר און וויצלינג. זיין פאָטער אליהו האָט אים יונג חתונה געמאַכט, אָבער זיין פאַמיליע־לעבן מיט זיין פרוי פייגל האָט ניט לאַנג געדויערט. ער איז אין איין פרימאָרגן אַנטלאָפן פון גראָדנע און איז געקומען קיין ביאַליסטאָק, וואו ער האָט געגעבן העברעאישע שטונדן אין פריוואַטע הייזער. שפּעטער איז ער אָפּגעפאָרן קיין ווין, וואו פרץ סמאָלענסקין, דער רעדאַקטאָר פון „השחר" האָט

51) א. ליטווין — יידישע נשמות, פאַרלאַג פאָלקסבילדונג, ניו יאָרק, 1917, באַנד 2, ליטע, היימישע געשטאַלטן.

אים מקרב געווען. פון ווין איז ער אַוועק קיין פּעטערבורג און פון דאָרט צוגעשיקט אַ גט זיין פרוי, וועלכע איז דענסטמאָל אָפּגעפאָרן צו אירע עלטערן קיין וואָלקאָוויסק מיט איר טאָכטער. אין יאָר 1879־1880 האָט זיך שאַפּיראָ געשמדט און געוואָרן דער הויף־פאָטאָגראַף פון דער קעניג־לעכער קונסט־אַקאַדעמיע. ער איז געוואָרן זייער פּאָפּולער און רייך. אין די נעכט פלעגט ער זיך אָבער פאַרשפּאַרן אין זיין אַרבעט־צימער און שרייבן זיינע העברעאישע לידער. ער איז דורך זיינע שירים אויך אין דער אידישער וועלט פּאָפּולער געוואָרן. ער האָט געטאָן אַסך פאַר אידישער קולטור. ער האָט איינמאָל אַריינגעשיקט אַ גרעסערע נדבה פאַר „חובבי ציון", אָבער דער קאָמיטעט האָט עס אים צוריקגעשיקט, ווייל ער איז אַ משומד. שאַפּיראָ האָט געהאַט משפּחה אין ביאַליסטאָק — די פאַמיליע פון טאַבאַק־פאַבריקאַנטן פּ. אייזנשטאַט. ער איז געשטאָרבן אין פּעטערבורג אין 1900. אויף זיין קבר שטייט אַ צלם. פאָרנט אויף דער מצבה איז אַ רוסישע אויפשריפט און הינטן אין העברעאיש: „פּ. נ. אשר בן אליהו שאַפּירא, משורר עברי". [52])

ווען הרב ר' שמואל מאָהילעווער איז געווען קראַנק און אויף פאַר־אָרדענונג פון דר. חאַזאַנאָוויטש געווען אַ געוויסע צייט אויף אַ דאַטשע אין ביאַליסטאָקער וואַלד, פלעגט חאַזאַנאָוויטש פון צייט צו צייט אַרויס־פאָרן אים מבקר חולה זיין.

איינמאָל, ווען דר. חאַזאַנאָוויטש האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף זיין דראָזשקע צו פאָרן אין וואַלד צו ר' שמואל מאָהילעווער, איז גראָד אָנ־געקומען קאָנסטאַנטין שאַפּיראָ. דערוויסנדיק זיך וואוהין דר. חאַזאַ־נאָוויטש פאָרט, בעט ער אים, ער זאָל אים מיטנעמען צום רב, וועלכן ער האָט זייער געאַכטעט.

— אַוועק פון דאַנען — שרייט דר. חאַזאַנאָוויטש — דער רבי האָט פיינט משומדים פונקט אַזוי ווי איך.

— איך וויל אָבער זען דעם רבין — בעט זיך ביי אים שאַפּיראָ.

— אַזוי ?! דעם רבין ווילסטו זען ?! — ענטפערט חאַזאַנאָוויטש —

52) ל. פייגין — קאָנסטאַנטין שאַפּיראָ, ביאַליסטאָקער יובל־בוך, 1939.

סיידן אין אַנדערן גלגול, זוען דו וועסט אויפשטיין תחית המתים . . .
איצט, אַוועק פון דאַנען!

און חאַזאַנאָוויטש האָט געהייסן דעם איזוואָזטשיק אָ טרייב טאָן דאָס פערד און אָפּפאָרן.

קאָנסטאַנטין שאַפּיראָ האָט דעם רב קיינמאָל מער ניט געזען. אין זיין לידער־זאַמלונג „קובץ שירים", וואָס ער האָט שפּעטער פאַרעפנט־לעכט און וואו ער האָט אויסגעדריקט זיין חרטה אויף דעם, וואָס ער האָט זיך געשמדט, האָט ער אויסגעדריקט זיין גלויבן, אַז דער אויבער־שטער וועט אים מוחל זיין און ער וועט אויפשטיין תחית המתים . . .

קאַפּיטל צען

זיין פּאָפּולאַריטעט

דר. חאַזאַנאָוויטש איז געווען ניט נאָר באַליבט און פּאָפּולער אין זיין שטאָט ביאַליסטאָק. זיין נאָמען האָט זיך געלאָזט הערן ווייט, ווייט מחוץ ביאַליסטאָק. ער איז געווען אומעטום באַקאַנט ווי דער „טשודאַק", דער „משוגענער דאָקטאָר".

ער איז געווען אַן אינטערעסאַנטע פיגור, אַן אויסטערלישע פּער־זענלעכקייט, אַן אויסערגעוויינלעכער מענטשן־טיפּ, איינער, וואָס איז שוין ביים לעבן כמעט געוואָרן אַ לעגענדע.

ער איז געווען דער לעבעדיקער טרעגער און פאַרקערפּערער פון אידישן גייסט, פון שענסטן אידישן כאַראַקטער־שטריך, צו שטעלן די אַרבעט פאַרן כלל העכער, ווי די אַרבעט פאַר זיך אַליין.

ער איז געווען אַ קאָלירפולע פּערזענלעכקייט.

ביאַליסטאָקער סוחרים פלעגן דערציילן, אַז אַרומפאָרנדיק איבער שטעט און לענדער פלעגן אידן געוויינלעך פרעגן:

— פון וואַנען קומט אַ איד?

— פון ביאַליסטאָק.

— אָ, פון ביאַליסטאָק?! . . . וואָס מאַכט עפּעס אייער דאָקטאָר חאַזאַנאָוויטש? און מען פלעגט אָנהויבן דערציילן די פאַרשידנסטע אַנע־קדאָטן וועגן אים.

מען האָט אויך דערציילט:

עס האָבן זיך אויף דער באַן געטראָפן צוויי אידן־רייזנדער. איינער פון ווין, דער צווייטער פון ביאַליסטאָק. זאָגט דער ביאַליסטאָקער צום ווינער:

— איר דאַרפט זיין שטאָלץ. ביי אייך אין ווין איז דאָך דאָ דר. הערצל!

— איר האָט דאָך אַ דר. חאַזאַנאָוויטש — ענטפערט דער ווינער.

אין יאָר 1912 איז דר. חאַזאַנאָוויטש קראַנק געוואָרן אויף אַ לונגען־אָנצינדונג. די אידישע צייטונגען אין וואַרשע פלעגן געבן בולעטינס וועגן זיין מצב. פון פאַרשידענע קאַנטן זיינען געקומען טעלעגראַפישע אָנפראַגעס וועגן זיין צושטאַנד.

זיינע חברים, פריינט און די פּני פון שטאָט זיינען געזעסן ביי זיין בעט די גאַנצע צייט פון זיין קראַנקהייט. פון קליינע שטעטלעך פלעגן אָנקומען ברכות און בריוו, אַז דער אָדער יענער איז מנדב פון זיינע יאָרן, כדי ער זאָל נאָך לענגער לעבן.

אין משך פון זיין קראַנקהייט פלעגט ער זאָרגן און ריידן וועגן זיין נאַציאָנאַל־ביבליאָטעק אין ירושלים.

י. ראַפּאָפּאָרט (אויך אַ ביאַליסטאָקער) דערציילט וועגן דעם:[53]

„. . . מיר האָבן דאַן געוואוינט אויף יאַטקע גאַס. דאָנערשטיק איז עס געווען דער טאָג, ווען די אָרעמע־לייט פלעגן באַזוכן יאַטקע גאַס.

פּלוצלונג, פון דער העלער הויט, האָט זיך פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז חאַזאַנאָוויטש, וועלכער איז געווען קראַנק, איז געשטאָרבן. איך וועל קיינמאָל ניט פאַרגעסן די שטימונג פון דער ביאַליסטאָקער אָרעמקייט ביים קלאַנג, אַז דר. חאַזאַנאָוויטש איז טויט. ניט געווען קיין אָרעמאַן, וואָס זאָל ניט עפענען די טיר מיט אַ קלאָג אויפן טויט פון דר. חאַזאַנאָוויטש. מען האָט געקאָנט מיינען, אַז עס איז יעדן פון זיי אָפּגעשטאָרבן אַ פריינט, אַ גואל, דער נאָענטסטער מענטש. . .

מען האָט געוויינט, געקרעכצט, געלאָזט פאַלן פאָלקסטימלעך־צאַרטע ווערטער פון פאַרצווייפלונג.

מיין געפיל איז דאַן געווען — עס איז געשען אַ פאָלקס־אומגליק. איך האָב גענומען גלויבן, און איך גלויב ביז אויפן היינטיקן טאָג, אַז די אומרואיקע טרויער־שטימונג ביי די אָרעמע־לייט אויף יאַטקע

53) י. ראַפּאָפּאָרט, ביאַליסטאָקער שטימע.

גאַס איז געווען אַן אָפּשפּיגלונג פון דער שטימונג אין שטאָט. און איך האָב דערפילט, ווי טיף די פאָלקסמאַסן האָבן ליב געהאַט דעם דאָזיקן „משוגענעם" פאָלקסטימלעכן אינטעליגענט.
איך געדענק, איך האָב גענומען אַרומשפּרייזן, טיף דערשיטערט, איבערן שטוב און אין קאָפּ האָבן זיך צענויפגעשטעלט שורות פון אַן אַרטיקל וועגן דער ווירקונג פון חאַזאַנאָוויטשעס טויט אויף דער ביאַליסטאָקער אָרעמקייט. ווען איך האָב זיך דערוואוסט אין אַ שעה צוויי אַרום, אַז דער קלאַנג וועגן דר. חאַזאַנאָוויטשעס טויט איז אַ פאַלשער, האָב איך מקנא געווען חאַזאַנאָוויטשן, וועל־כער האָט אַ דאַנק דעם פאַלשן קלאַנג, געהאַט אַ געלעגנהייט צו דערוויסן זיך ביים לעבן, ווי טיף ער איז פאַרוואָרצלט אין האַרצן פון די אָרעמע־לייט. אָבער חאַזאַנאָוויטש האָט זיכער ניט געלייגט קיין אַכט אפילו אויף דעם באַוויז פון זיין באַליבט־זיין. דער דאָזיקער מענטש האָט לחלוטין ניט געהאַט קיין חוש פאַר כבוד־זוכעריי און עגאָאיזם, אפילו אין דער אידלסטער פאָרם. אויב חאַ־זאַנאָוויטש האָט זיך דערוואוסט וועגן דער רעאַקציע פון זיין טויט אויף די אָרעמע־לייט אין ביאַליסטאָק, האָט ער דערויף זיכער רעאַגירט מיט זידלערייען און קללות, מיט וועלכער דער „אָריגי־נאַל" פלעגט צודעקן זיין שפּירבאַר־האַרץ, וואָס איז פול געווען מיט ליבע צו זיין אָרעמען פאָלק און צו זיינע אָרעמע זין ...

קאַפּיטל עלף

דער טראַגישער סוף פון זיין לעבן

אין זומער 1915, ערב דער אָקופּאַציע פון ביאַליסטאָק דורך די דייטשן, בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה, איז דר. יוסף חאַזאַנאָוויטש מיט זיין פּעטערס זונס משפּחה אָוועקגעפאָרן קיין צענטראַל־רוסלאַנד.

אַלע זיינע פריינט האָבן אים אָפּגערעדט פון דער רייזע קיין רוסלאַנד. זיי האָבן זיך געבעטן ביי אים, ער זאָל בלייבן אין ביאַליסטאָק, ער זאָל נישט פאַרלאָזן זיין היימשטאָט אויף די אַלטע יאָרן, זיין היימשטאָט, וואו ער האָט אָפּגעלעבט 37 יאָר. ער זאָל ניט פאָרן אין דער פרעמד אויף דער עלטער (ער איז שוין אַלט געווען 71 יאָר). אַלע האָבן געוואוסט, אַז ער פאָרט ניט אַוועק צוליב מורא פאַר דאָס דייטשע מיליטער. ער איז קיינמאָל ניט געווען קיין שרעקעדיקער. אויך בשעת דעם ביאַליסטאָקער פּאָגראָם האָט ער ניט געוואָלט פאַרלאָזן די שטאָט און איז געבליבן אין ביאַליסטאָק, מ׳האָט געוואוסט, אַז דער גאַנצער פּלאַן פון אַוועקפאָרן קיין רוסלאַנד איז אַ קאַפּריז פון זיין משפּחה, באַזונדערס פון די צוויי מיידלעך, וועלכע ער האָט אין די לעצטע יאָרן שטאַרק ליב געהאַט און זיי אַלץ נאָכגעגעבן. זיי האָבן עס פון אים פאַרלאַנגט, ער זאָל מיט זיי מיטפאָרן און מיטנעמען דאָס געלט, וואָס ער האָט אָפּגעשפּאָרט.

אפילו זיינע נאָענטסטע פריינט, וואָס ער פלעגט זיך שטענדיק צוהערן צו זיי האָבן דאָס מאָל ניט געקענט ביי אים פועלן, ער זאָל בלייבן. אויך זיי האָבן זיך אָנגעשטויסן ווי אָן אַן אייזערנער וואַנט. עס האָט גאָרנישט געהאָלפן. ער איז אַוועקגעפאָרן און נאָך לאַנגע וואָגלענישן אָנגעקומען קיין יעקאַטערינאָסלאַוו אין אויגוסט, 1916. ער האָט געדונגען אַ דירה פון 5 צימערן, האָט זי אויסמעבלירט און האָט אַריינגענומען צו זיך דעם פּלימעניק מיט זיין משפּחה, צוזאַמען פינף פּערזאָן.

אינזשינער משה ברוק, אוסישקינס שוואָגער, און ברוך ספיוואַק, די פאָרשטייער פון דער יעקאַטערינאָסלאַווער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע האָבן אים שטאַרק מקרב געווען. אַדאַנק ברוקס שתדלנות האָט אים די דאָרטיקע אידישע קהילה אויפגענומען אַלס דאָקטאָר פאַר די פּליטים. חאַזאַנאָוויטש איז געווען מיט דער אַרבעט זייער צופרידן, ווייל דאָס איז אים געווען גראָד צום האַרצן.

די רוסישע ציוניסטן האָבן אויף זייער צוזאַמענפאָר אין פּעטראָ־גראַד, וואָס איז פאָרגעקומען דעם 24טן מאַי, 1917, געשיקט אַ באַגריסונג צו דר. חאַזאַנאָוויטשן אין יעקאַטערינאָסלאַוו, וואָס האָט אים זייער אויפ־געמונטערט.

אָבער באַלד האָבן זיך אָנגעהויבן די צרות.

די יעקאַטערינאָסלאַווער קהילה, וואָס איז באַשטאַנען דאָס רוב פון רוסיש־אַסימילירטע אידן, זעענדיק פאַר זיך אַזאַ אויסטערלישן טיפּ, ווי דר. חאַזאַנאָוויטש מיט זיין הילוך און מיט זיין אופן ריידן, האָט אים באַשטימט אַ חודש־שכירות פון נאָר 100 רובל. דר. חאַזאַנאָוויטש האָט זיך דערפון געפילט זייער געקרענקט און פלעגט יעדן דערציילן די עוולה, וואָס מען האָט אים געטאָן.

— געלט בכלל איז דאָך ביי מיר בלאָטע... דו ווייסט דאָך... פלעגט ער זאָגן צו יוסף כאָראָשטשאַנסקי, אַ ביאַליסטאָקער, וואָס האָט גראָד אין יענער צייט אויך געלעבט אין יעקאַטערינאָסלאַוו און געווען דער סעקרעטאַר פון דער דאָרטיקער קהילה.

— געלט בלאָטע... גאָר ניט... גאָר נישט... וויפיל געפאָרן אומזיסט... וויפיל וויזיטן... לינת הצדק... וואָס זאָגסטו? קאָנסט דאָך מיך...

ניט קוקנדיק אויף די קליינע שכירות, וואָס די קהילה האָט אים באַשטימט, האָט דר. חאַזאַנאָוויטש אויסגעפירט זיין אַרבעט מיט דער גרעסטער פּינקטלעכקייט, ווי ער פלעגט עס שטענדיק טאָן. נישט קיין רעגן, ניט קיין שניי פלעגן אים אָפּהאַלטן, דעם אַלטן מאַן, צו קומען צו דער אַרבעט און צו דערפילן זיינע פליכטן. ער האָט געהאַלטן אין איין טענה'ן:

— ווי קאָן איך זיצן אין דערהיים, ווען מיינע אָרעמע, הײמלאָזע ברידער, נעביך, נויטיקן זיך אין מיין מעדיצינישער הילף.

שפּעטער האָט אים די קהילה דאָך אָפּגעזאָגט פון דער שטעלע און ער איז געבליבן זיצן אין הויז אָן אַרבעט. דאָס האָט אויף אים זייער שלעכט געווירקט און אויסערדעם האָט אים זיין „קוזינע״ פאַרביטערט דאָס לעבן.

דער קאָמיטעט פאַר היימלאָזע האָט אים געגעבן אַ מאָנאַטלעכע פּענסיע, אָבער נאָך דער רעוואָלוציע האָט אויך דאָס אויפגעהערט.

זיין געלט, וואָס ער האָט מיטגעבראַכט קיין יעקאַטערינאָסלאַוו, זאָל מען האָבן צוגעצ׳גנב׳עט... אַנדערע זאָגן, אַז די קוזינע זיינע, די פרוי פון זיין פעטערס זון און די מוטער פון די צוויי מיידלעך, וואָס חאַזאַנאָוויטש האָט זיי באַקליידט און באַנייט און זיי אַזוי ליב געהאַט, האָט עס פאַר־תכלעוועט. ער איז געוואָרן אַן איבעריקער אין זיין אייגענער הויז. די קוזינע האָט אים געוואָלט אַרויסוואַרפן, האָט די ציוניסטישע אָרגאַניזאַ־ציע איר געצאָלט פאַר אים, זי זאָל אים ווייטער האַלטן אין דער וואוינונג.

דר. חאַזאַנאָוויטשעס לאַגע איז געוואָרן אַלץ ערגער. אַ קראַנקער, שוואַכער זקן, צעבראָכן פון די אייגענע צרות און פון דער ניט־פאַר־דינטער אומדאַנקבאַרקייט מצד זיין משפּחה, פאַר וועלכער ער האָט זיינע לעצטע יאָרן זיך פשוט מקריב געווען. צעבראָכן אויך פון די פיזישע און מאָראַלישע יסורים, וואָס מיליאָנען רוסישע אידן האָבן דורכגעליטן אין די בלוטיקע פּאָגראָמען, אין מלחמה־חורבן, אין דער רעוואָלוציע און בירגער־קריג. ער איז געוואָרן גייסטיק קראַנק. מען האָט אים אַריינגעגעבן אין אַ סאַנאַטאָריע פאַר גייסטיק־קראַנקע. נאָך צוויי און אַ האַלב חדשים דאָרט זיין איז ער אַרויס קערפּערלעך גע־שטאַרקט, אָבער גייסטיק איז ער געבליבן געררירט. ער האָט ניט גע־רעדט צו דער זאַך.

דר. י. ל. ברוק שרייבט פון יענער צייט [54], אַז סעמיאָן סטאַני־

54) דר. י. ל. ברוך — ניקרולוגים מאוחדים, הד ליטא, נומ. 22, קאָוונע, (1925) תרפ״ה.

סלאָווסקי (דער רוסיש־אידישער שריפטשטעלער און פאָרשער פון דער געשיכטע פון אידן אין רוסלאַנד), איז איינמאָל געקומען צו אים מיט חאַזאַנאָוויטשן. חאַזאַנאָוויטש האָט ווייניק גערעדט, און וואָס ער האָט געזאָגט האָט מען זייער שלעכט געקאָנט פאַרשטיין. ער האָט גערעדט אָפּגעהאַקטע ווערטער, ניט פאַרענדיקטע זאַצן. מען האָט פון זיינע רייד נאָר געקאָנט אַרויסנעמען, אַז ער איז פאַרביטערט. די געזעלשאַפט־לעכע עסקנים האָבן אים ניט געהאָלפן. זיי האָבן אים געלאָזן אַליין...

— איך האָב זיי עס געזאָגט — האָט חאַזאַנאָוויטש גערעדט מיט פאַרביטערונג — איך האָב עס געזאָגט הערצלען... איך האָב עס געזאָגט אוסישקינען...

ווען סטאַניסלאַווסקי האָט בעת מעשה געלויבט זיין ביכער־זאַמלונג און זיין אַרבעט פאַר דער נאַציאָנאַלער־ביבליאָטעק, האָט חאַזאַנאָוויטשעס פּנים אויפגעלויכטן. ער האָט אָנגעהויבן צו דערציילן, ווי אַזוי ער האָט געפונען דעם איינציקן עקזעמפּלאַר אין דער וועלט פון „זמיר עריצים" און ווי דובנאָוו האָט אים געדאַנקט, וואָס ער האָט עס אים אויסגעליען און ער האָט זיך דערמיט באַנוצט פאַר זיינע אַרבעטן וועגן דער געשיכטע פון חסידות.

חאַזאַנאָוויטש האָט קיין יעקאַטערינאָסלאַוו נאָך מיטגעבראַכט אַ צאָל פון זיינע געזאַמלטע ביכער. זייער גורל איז אָבער געווען דערזעלבער, ווי זיין אייגענער גורל. זיינע קרובים האָבן עס ביסלעכווייז פאַרקויפט צו די מוכרי־ספרים. עטלעכע פון די ביכער האָט סטאַניסלאַווסקי שפּעטער אָפּגעקויפט אויפן ביכער־מאַרק.

אין ווינטער, 1919, ווען דער קאַמף אין דער אוקראַאינע האָט זיך צעפלאַקערט צווישן דער סאָוועטישער מאַכט און די באַנדעס פון מאַכנאָ און פּעטלורע, און עס איז געווען געפערלעך אַרויסצוגיין אין גאַס, האָט די קוזינע דערקלערט, אַז זי קען אים מער ניט האַלטן אין הויז. מען מוז צו אים האָבן אַן עקסטרען מענטשן און אַ באַזונדער אָרט. דעמאָלט האָט די יעקאַטערינאָסלאַווער קהילה מיט דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע ניט געפונען קיין בעסערן אָרט, ווי אַריינצוגעבן אים אין אַ מושב זקנים, וואָס איז געווען מער אַ „הקדש" פון נידריקסטן סאָרט,

וואָס איז געווען פול מיט שיכורים, בויאַנעס און אַלערליי פאַרברעכערי־שע טיפּן.

מ׳האָט אפילו אין מושב זקנים פאַר חאַזאַנאָוויטשן אויסגעזוכט דעם בעסטן צימער. אָבער איינמאָל ביי דער נאַכט, דאָס איז געווען, לויט אַ באַריכט פון יוסף כאַראָשטשאַנסקי,[55] אין דער נאַכט פון ערשטן צום צווייטן טאָג חנוכה, איז אַריינגעקומען ברוך׳קע „דער טויבער״ אַן אָנגעשיכורטער. האָט דערלאַנגט חאַזאַנאָוויטשן אַ זעץ אין זייט און אים אַראָפּגעוואָרפן פון בעטל. ברוך׳קע האָט שוין געטראָגן אַ כעס אויף חאַזאַנאָוויטשן דעם „יחסן״, וואָס מען באַהאַנדלט אים בעסער ווי אַנ־דערע און מ׳האָט אים אָפּגעגעבן אַ באַזונדער צימער און גוטע מעבל. עטלעכע אַלטע לייט, וואָס האָבן עס געזען, האָבן אָוועקגעטריבן דעם באַנדיט. זיי האָבן גערופן הילף און מען האָט אַוועקגעלייגט חאַזאַנאָ־וויטשן צוריק אין בעט. דר. חאַזאַנאָוויטש איז שוין אָבער פון דעם קלאַפּ און פאַל נישט מער אויפגעשטאַנען.

ער איז געשטאָרבן זונטיק, כ״ט כסלו, דעם 28טן נאָוועמבער 1919.

די לויה איז געווען א׳ דראש־חודש טבת, 12 אַזייגער בייטאָג. מען האָט קוים צונויפגעקליבן אַ מנין. עס איז גראָד געווען אַ שטאַרקע שיסעריי אין שטאָט און ווער עס איז געקומען, האָט זיך ממש מוסר נפש געווען. די שטאָט איז באָמבאַרדירט געוואָרן דורך די ווייסע און רויטע אַרמייען. צוויי ביאַליסטאָקער זיינען געווען ביי דער לויה פון זייער לאַנדסמאַן: יוסף כאַראָשטשאַנסקי און יוסף בערקמאַן. דער אַד־וואָקאַט בערקמאַן האָט אויפן הויף פון מושב זקנים געזאָגט אַ פּאָר וואַרעמע ווערטער. די יעקאַטערינאָסלאַווער קהילה האָט אים געגעבן אַ שיינעם אָרט אויפן אַלטן בית עולם אין שטאָט גופא. פוןביידע זייטן קבר האָט מען געלאָזן אַ גרויסן פּלאַץ רעזערווירט פאַר אַ שיינעם מאָ־נומענט, ווען מ׳וועט עס קאָנען שטעלן.

אַזוי האָט מען געבראַכט צו קבר ישראל, צו זיין אייביקער רו דעם גרויסן זון פון אידישן פאָלק, דר. יוסף חאַזאַנאָוויטש, ע״ה.

55) יוסף כאַראָשטשאַנסקי, דאָס נייע לעבן, ביאַליסטאָק 1922.

א. ש. הערשבערג דערציילט [56], אַז חאַזאַנאָוויטש, צוריקקומענדיק פון זיין נסיעה קיין ארץ ישראל האָט זיך פאַרגעשטעלט זיין סוף אויף אַ גאַנץ אַנדער אופן. ער האָט גערעכנט, אַז ער וועט שטאַרבן פון קענ־סער, ווי זיין פאָטער. ווען ער וועט שפּירן זיינע לעצטע טעג און ניט קאָנען מער אַרבעטן פאַר דער ביבליאָטעק, וועט ער דעמאָלט אָפּפאָרן קיין ארץ ישראל און וועט אָנזאָגן, אַז ער וועט שטאַרבן זאָל מען אים באַגראָבן אויף דער שיפּוע פון דעם פּעלזיקן באַרג אין דער קאָלאָניע „אם לא ג׳מל״, אַנטקעגן דער קאָלאָניע „זכרון יעקב״, וואָס איז אים געפעלן געוואָרן, ווי דער שענסטער פּונקט אין נייעם ישוב.

אָבער אַז ער וועט שטאַרבן פון אַ קלאַפּ פון אַ שיכורן אידן אין יעקאַטערינאָסלאַווער מושב זקנים, פאַרלאָזן און פאַרגעסן פון אַלעמען — דאָס האָט ער זיך קיינמאָל ניט געקאָנט פאָרשטעלן.

צוליב דעם בירגער־קריג אין רוסלאַנד, האָט די אידישע וועלט אַ יאָר לאַנג ניט געוואוסט וועגן חאַזאַנאָוויטשעס טויט.

ערשט סוף 1920, ווען דער באַקאַנטער קאָוונער עסקן, ביבליאָטע־קאַר און בוכהענדלער באַלאָשער איז צוריקגעקומען פון רוסלאַנד קיין קאָוונע, האָט ער וועגן דעם דערציילט דעם דאַמאָלטיקן מיטאַרבעטער און רעפּאָרטער פון קאָוונער טעגלעכער צייטונג „אידישע שטימע״, ירוחם לעווין (אַ ביאַליסטאָקער, איצט אין עפולה, ישראל).

דעם 23טן נאָוועמבער, 1920 איז אין דער קאָוונער „אידישער שטימע״ געווען אָפּגעדרוקט אַן אַרטיקל פון ירוחם לעווין: „ד״ר יוסף ב״ר אהרן כאַזאַנאָוויטש ז״ל״. די טרויער־ידיעה איז פון דאָרט איבערגע־דרוקט געוואָרן אין דער פּרעסע אין גאָר דער וועלט [57].

ד״ר חאַזאַנאָוויטש איז אָפּגעקומען אויף דער וועלט. ער האָט אָפּגע־לעבט אַ צעבראָכענעם, טראַגישן פּריוואַטן לעבן, איינזאָם און עלנט אָן קינדער, אָן פיזישע פאַרגעניגנס. אַזוי איז ער אויך אַוועק אויף

56) ירוחם לוין, קאָוונער יידישער שטימע, 1920.
57) א. ש. הערשבערג, פּנקס ביאַליסטאָק.

יענער וועלט: עלנט, איינזאַם, ווייט פון זיינע פריינט, ווייט פון ביאַליסטאָק...

לכבוד זיין אָנדענק האָט דער ביאַליסטאָקער מאַגיסטראַט נאָכן טויט פון האַזאַנאָוויטשן, דאָס היינטערשטע געסל, וואו עס איז געוועזן זיין לעצטע וואוינונג, וועלכע האָט פריער געהייסן „רופאישע געסל״, אַ נאָמען געגעבן: „ד״ר האַזאַנאָוויטש גאַס״.

אין פעברואַר, 1933, האָט די ביאַליסטאָקער קהילה אויף דער אי־ניציאַטיוו פון פסח קאַפּלאַן, רעדאַקטאָר פון „אונזער לעבן״, געגרינדעט די שטודיר־ביבליאָטעק וואָס איז געוואָרן באַלד זייער פּאָפּולער ביי דער אידישער באַפעלקערונג. די שטודיר ביבליאָטעק האָט געטראָגן דעם נאָמען פון דר. האַזאַנאָוויטש.

צו אונזער גרויסן ווייטיק זיינען די צוויי מצבות, וואָס ביאַליסטאָ־קער האָבן געשטעלט נאָך זייער גרויסן בן־עיר, ניט קיין מצבות מער. די אידישע ביאַליסטאָק איז חרוב געוואָרן. קיין אידישע קהילה איז ניטאָ מער. די שטודיר ביבליאָטעק ביי דער קהילה איז צוזאַמען מיט דער קהילה, מיט די אידן און מיט אַלע אידישע אינסטיטוציעס פאַרניכטעט.

אייביק וועט אָבער בלייבן אין פאָלקס־זכרון דער אומשטערבלעכער נאָמען פון ביאַליסטאָקער דאָקטאָר יוסף האַזאַנאָוויטש.

די מצבה וואָס ער האָט זיך אַליין געשטעלט נאָך ביי זיין לעבן, די נאַציאָנאַל־ביבליאָטעק אין ירושלים, וואָס איז אויסגעוואַקסן אַדאַנק זיין פּראַצע, אַדאַנק דעם קערנדל, וואָס ער האָט פאַרזייט מיט 65 יאָר צוריק, שטייט און וועט בלייבן שטיין לדור דורות און וועט שטענדיק דערמאָנען די אידן אין ישראל און אין אַלע תפוצות ישראל אָן דעם גרויסן אידן, דר. יוסף האַזאַנאָוויטש.

הוספות

הוספה א׳

איינ־קע ווערטער וועגן דער ביבליאָטעק אין ירושלים

פון ד״ר יוסף חאַזאַנאָוויטש

(דברים אחדים בדבר בית הספרים שבירושלים)

(אידישע איבערזעצונג)

„ווען איך בין אין 1890 געפאָרן קיין ארץ ישראל, האָב איך באַשלאָסן צו רעאַליזירן מיין געדאַנק, וואָס האָט מיך שוין לאַנג באַהערשט, — צו גרינדן פאַר אונזער פאָלק אַ נאַציאָנאַלע ביבליאָטעק אין ירושלים. עס האָבן זיך אויך געפונען אין ירושלים גופא חשובע פערזאָנען, וואָס זיינען געווען באַהערשט פון דעם זעלביקן געדאַנק, און צוזאַמען זיינען מיר צוגעטראָטן צו דער אַרבעט, הגם מיר האָבן פון אָנהויב אָן געוואוסט, אַז עס איז אַ שווערע און אַ לאַנגע אַרבעט און עס איז ניט קיין ענין פאַר יחידים, צו גרינדן אַ נאַציאָנאַלע ביבליאָטעק, אָבער מיר האָבן אונז געזאָגט: לאָזן מיר אָנהויבן, די אַנדערע וועלן עס שוין פאַרענדיקן. און עס איז נישטאָ קיין שווערע זאַך פאַרן פאָלקסווילן.

ווען מיר ווילן אָפּשאַצן די אַרבעט פון גרינדן אַ ביבליאָטעק, דאַרפן מיר באַטראַכטן די אַרבעט, וואָס ווערט דורכגעפירט אין די ביבליאָטעקן פון אַנדערע פעלקער. איינציקווייז ווערן געזאַמלט אַלערליי געדרוקטע ביכער און מאַנוסקריפּטן, אַמאָל אפילו אויך איינצלנע בלעטער, וואָס קלייבנדיק זיי אַ סך יאָרן קאָן געלינגען צוזאַמענשטעלן פון זיי אַ קאָמפּלעט בוך, וואָס איז שוין מער ניטאָ אויפן ביכער־מאַרק.

ווען איך בין געווען אין לאָנדאָן, האָב איך געזען אין דער דאָרטיקער ביבליאָטעק איינצלנע בלעטער, וועלכע ליגן אונטער גלאָז. איך האָב דאָרט צווישן די בלעטער געפונען אַ פירוש פון רמב״ן אויפן חומש, געדרוקט אין ליסאַבאָן.

קיין שום מי און קיין שום געלט איז פאַר זיי ניט קיין אָפּהאַלט צו קריגן אַ בוך אַ יקר המציאות. אין אַמעריקע האָבן זיי מיט צוויי יאָר צוריק געקויפט אַ ביבל, וואָס איז געדרוקט אויף פּאַרמעט אין מאַג־

ענטאַ (ערשטער דרוק) און באַצאָלט פאַר דעם 40,000 רובל. אַלע ביב־ליאָטעקן קוקן אויס אַריינצוקריגן ביכער פון אַלע פעלקער אין אַלע שפּראַכן. אַ סך מיליאָנען רובל ווערן אויסגעגעבן יערלעך אויף דעם צוועק. אָבער קודם כל באַמיט זיך יעדע נאַציאָנאַלע ביבליאָטעק אַריינ־צוקריגן אַלץ, וואָס האָט אַ שייכות צו איר אייגן פאָלק, אין איר אייגן שפּראַך, צו איר אייגן ליטעראַטור, צו איר אייגענער געשיכטע. קיין זאַך זאָל ניט פעלן. מיר, וואָס זיינען געקומען צולעצט, קלייבן שוין ליי־דער די רעשטלעך און דאָס פאַרגעסענע און איבערגעבליבענע פון פרעמדע פעלדער. אומזיסט זוכן מיר אַרום איצט אונזערע אוראַלטע ביכער. זיי זיינען שוין לאַנג אין די ביבליאָטעקן פון אַנדערע פעלקער. אפילו ביכער־זאַמלונגען, וואָס זיינען געזאַמלט געוואָרן דורך אידן אין די לעצטע יאָרן גייען אַוועק סוף־כל־סוף צו די פרעמדע ביבליאָטעקן, און אויב מיר וועלן ניט איצט, אין דער לעצטער שעה, אויסלייזן דאָס אידישע בוך און עס צוריקקערן צום אידישן פאָלק, וועלן מיר שוין קומען צו שפּעט.

פונקט אַזוי ווי מ׳דאַרף זיך אָפּגעבן מיט גאולת הארץ, אַזוי דאַרף מען זיך אָפּגעבן מיט גאולת הספר, און אָן געלט מיטלען וועלן מיר ביידע זאַכן ניט קאָנען אויסלייזן. מיר דאַרפן נאָך וויסן, אַז ביכער, וואָס מיר קויפן היינט, וועלן ווערן טייערער, וועלן שטייגן אין זייער פּרייז, און דער ביכער־אוצר פון היינט, וועט מיט דער צייט האָבן אַ סך אַ גרע־סערן ווערט.

מיר, מיינע חברים אין ירושלים און איך, האָבן דערפילט אונזער חוב לגבי דער נאַציאָנאַלער ביבליאָטעק. 12,000 העברעאישע ספרים, אַ חוץ טויזנטער ביכער אין אַנדערע לשונות האָב איך אַליין געזאַמלט, אַ סך פון אויסלאַנד. די אַלגעמיינע צאָל ביכער פון אונזער ביבליאָטעק איז ביים היינטיקן טאָג — 22,233, אַ חוץ בילדער און פּאָרטרעטן און אידישע אַנטיקן. ווי אַ פּריוואַטע אונטערנעמונג, וואָלט שוין די דאָ־זיקע קאָלעקציע, די דאָזיקע ביבליאָטעק, וואָס אין איר רשות געפינען זיך שוין אַ סך זעלטנהייטן, געקאָנט פאַררעכנט ווערן פאַר אַ גרויסע, און איר באַזיצער וואָלט שוין געקאָנט זיין שטאָלץ מיט איר. אָבער ווי קליין

און ווי נישטיק איז אונזער נאַציאָנאַלע ביבליאָטעק אין פאַרגלייך מיט דער קלענסטער נאַציאָנאַלער ביבליאָטעק פון אַנדערע פעלקער אין דער וועלט.

וואָס האָבן מיר געקאָנט טאָן אַליין, ווען דאָס גאַנצע אידישע פאָלק איז געשטאַנען פון דערווייטן. דעם אָנהויב האָבן מיר געמאַכט, אָבער די, וואָס דאַרפן פאַרענדיקן אונזער ווערק, האָבן זיך אפילו ניט אָפּגע־רופן אויף אונזערע קול־קורא׳ס.

מיין האַרץ ווייטיקט פאַר חרפה, ווען איך באַטראַכט דעם מצב פון אונזער ביבליאָטעק, וואָס איז נאָך גאָר ניט ווערט צו טראָגן דעם נאָמען „נאַציאָנאַל־ביבליאָטעק״, ניט לויט דעם פאַרמעגן אין ביכער. עס איז אונז ביז איצט ניט געלונגען אפילו צו זאַמלען אַ פערט חלק פון דעם וואָס איז געדרוקט געוואָרן אין העברעאיש. מאַנוסקריפּטן האָבן מיר כמעט גאָרניט און פון יודאאיקאַ האָבן מיר גאַנץ ווייניק. — און אויך ניט לויט דעם בנין, וואָס ערשט אַ דריטל פון בוי־פּלאַן איז ביז איצט אויפגעבויט געוואָרן און אויך דערויף ליגט אַ חוב פון 15,000 פראַנק. עס פעלט אונז נאָך אַ שטיינערנער פאַרקאַן אַרום דעם פּלאַץ און אַ וואַסער־ברונעם.

די 3,000 ביכער, וואָס איך האָב לעצטנס אַוועקגעשיקט, ליגן נאָך פאַרפּאַקט אין די קאַסטנס, ווייל עס זיינען ניטאָ פאַר זיי קיין שאַפעס, קיין פּאָליצעס. עס איז ניטאָ קיין געלט פאַר דעם.

און איצט, מיינע פאָלקס־ברידער, באַזונדערס איר, מיינע ברידער ציוניסטן! איז דאָס דער דאַנק, וואָס איר צאָלט אונז אָפּ פאַר אונזער שווערער אַרבעט, וועלכע איז דאָך פאַרבונדן מיט אַזוי פיל גרויסע פּי־נאַנציעלע אָנשטרענגונגען? פאַרוואָס שטייט איר פון ווייטן און קומט אונז ניט צו הילף? איר האָט אונז אַ סך מאָל צוגעזאָגט אייער אונטער־שטיצונג און ביז איצט אייער צוזאָג ניט דערפילט. די מינסקער אַסיפה האָט אַרויפגעלייגט אויף יעדער ציוניסטישער גרופּע אַ יערלעכן אָפּצאָל פון דריי רובל. ביז איצט האָט קיין איין איינציקע גרופּע איר חוב נישט דערפילט!

איך מוז אייך זאָגן דעם אמת, אַז מער ווי אַ העלפט פון געלט

פאַרן בנין און אַ סך פון די ביכער, וואָס מיר האָבן באַקומען ווי מתנות, איז פון פערזאָנען, וואָס שטייען ווייט פון ציוניזם.

אַ חוץ ה׳ פיינבערג פון אירקוטסק, דר. טשלענאָוו פון מאָסקווע און אוסישקין פון יעקאַטערינאָסלאַוו, האָבן בייגעשטייערט פאַר דער ביב־ליאָטעק ביז היינט נאָר אידן פון אָרימען און מיטעלן קלאַס, אידן פון די קלענערע שטעט. די רייכע אידן, פון די גרויסע שטעט האָבן זיך כמעט נישט באַטייליקט אין אונזער אַקציע. ערשט אין די לעצטע טעג האָב איך באַקומען אַן אָנווייזונג דורך „כרמל" לטובת דעם בנין, פון דער ירושה פון פאַרשטאָרבענעם זאַקס פון דווינסק.

און ווי לייכט איז דאָך צו שאַפן אַ נאַציאָנאַלע ביבליאָטעק פאַר אונזער פאָלק אין ירושלים, ווען עס וואָלט זיך אין דער אַרבעט באַטיי־ליקט דאָס גאַנצע פאָלק? ווען די ציוניסטן, וואָס זיינען ביי היינטיקן טאָג שוין דאָ אין דער גאַנצער וועלט, אין אַלע לענדער, וואָלטן צוגע־לייגט אַ האַנט — און וואָלטן ניט אָפּגעפּטר׳ט זייער פאָלקס־חוב נאָר מיט געבן עצות און מאַכן נייע פּלענער צו די אַלטע, וואָס זיינען ניט דורכגעפירט געוואָרן אין לעבן. ווען זיי וואָלטן אין יעדער שטאָט און שטעטל זיך גענומען ענערגיש צו קלייבן פאַר דער ביבליאָטעק ספרים, כתב־יד׳ן אין אַלע שפּראַכן, אַלטע מעמואַרן, פּנקסים פון קהילות, ביל־דער און פּאָרטרעטן, כלי־קודש, אַלטע מטבעות און ממש מזומן געלט, כדי מ׳זאָל קענען קויפן ביכער און בויען דעם בנין!

ווען איר וועט אָבער אַלע שטיין פון דערווייטן און מיך לאָזן אַליין, וועל איך אויך סוף־כל־סוף פאַרלאָזן מיין פּאָסטן, ווייל איך בין שוין מיד צו טראָגן אַליין די גאַנצע לאַסט, און עס איז מיר טאַקע שווער צו דעקן אַליין די גרויסע הוצאות, וואָס זיינען פאַרבונדן מיט איינקויפן פון ביכער, זיי בינדן און טראַנספּאָרטירן.

בלויז די פּאָסט־הוצאות אַוועקצושיקן די ביכער און פירן די קאָ־רעספּאָנדענץ האָט מיר אַליין אָפּגעקאָסט טויזנטער רובל.

דאָס לעצטע מאָל אַפּעליר איך צו אייך, פאָלקס־ברידער, און איך האָף, אַז איר וועט מיר ניט אָפּזאָגן און וועט מיר אויסשטרעקן אייער האַנט און אייער הילף!"

הוספה ב׳

אַ וואָרט צום אידישן פאָלק

פון דר. יוסף חאַזאַנאָוויטש

(דבר אל העם העברי)

(אידישע איבערזעצונג)

פון מיינע יונגע יאָרן אָן האָב איך מיין האַרץ און מיין נשמה געווידמעט דעם גורל פון אונזער פאָלק. באַזונדערס האָט מיך באַהערשט דער געדאַנק פון אונזער נאַציאָנאַלער ווידעראויפלעבונג אין אונזער לאַנד, ווען די אידייע איז פּראָקלאַמירט געוואָרן דורך די „חובבי ציון״, זיך אַנטוויקלט און דערגרייכט זיין הויכפּונקט דורך דר. הערצל, דעם גרויסן פאָלקס־פירער, פאַר וועמעס נאָמען איך בויג מיין קאָפּ מיט אַ הייליקן ציטער.

היות איך האָב ניט געקאָנט מיט מיינע באַשיידענע כוחות זיך באַטייליקן אין אַלע פּראַקטישע אַרבעטן לטובת דער באַוועגונג פון אונזער נאַציאָנאַלער אויפלעבונג, האָב איך אויסגעקליבן איין פאַרגעסענעם, פאַרלאָזענעם ווינקל, איין געביט — אויסלייזן דאָס אידישע בוך פון גלות. דער דאָזיקער אידייע האָב איך געווידמעט מיינע בעסטע יאָרן. איך האָב איר מקריב געווען מיין פּריוואַטן לעבן און מיין פאַרמעגן, וואָס איך האָב דערוואָרבן דורך מיין מעדיצינישער אַרבעט.

יעדעס פאָלק, ווי קליין עס זאָל ניט זיין, הויבט אָן זיין קולטור־רעלן און גייסטיקן אויפשוואונג מיטן אויפזאַמלען די רעשטלעך פון זיין געשיכטע, וואָס זיינען עדות פון זיין פאַרגאַנגענהייט. נאָר אונזערע ביכער, די רעשטלעך פון אונזערע זכרונות זיינען צעזייט און צעשפּרייט איבער אַלע פרעמדע ביבליאָטעקן, איבער אַלע מוזייען פון אַלע פאַרשיידענע פעלקער און לשונות.

צוזאַמענקלייבן אונזערע ספרים און קאָנצענטרירן זיי אין דעם

היסטאָרישן צענטער פון אונזער ווידעראויפלעבונג, אין ירושלים, דאַרף זיין דער יסוד און דער גייסטיקער סימבאָל פון אונזער קיבוץ גלויות.

דער ווילן צום קיבוץ ספרים, ווי דער ווילן צו קיבוץ גלויות איז שטענדיק געווען זייער גרויס ביי אידן, אָבער ווי אַ קללה פון גאָט ליגט אויף דער אַרבעט פון אויפזאַמלען אידישע ספרים דורך אונזערע פאָלקס־ברידער אין גלות. און אויב איינצלנע אידישע משפחות איז שוין געלונגען מיט פיל מי אין משך פון עטלעכע דורות צוזאַמענקלייבן אין געוויסע פלעצער, מער אָדער ווייניקער ווערטפולע קאָלעקציעס, איז עס מיט דער צייט ווידער פונאַנדערגעבלאָזן געוואָרן, צעזייט געוואָרן איבער מייסטנס פרעמדע ביבליאָטעקן. וואָס פאַר אַ מזל דאָס פאָלק האָט, אַזאַ מזל האָבן זיינע ביכער.

פון דער עפּאָכע וואָס מ׳האָט פאַרענדיקט דעם תלמוד, איז באַקאַנט געווען די גרויסע ביבליאָטעק פון ר׳ שמואל הנגיד, קאָרדאָווע, וואָס נאָך זיין טויט, האָט זיין זון, ר׳ יוסף הנגיד, נאָך פאַרגרעסערט. נאָכדעם, ווי ר׳ יוסף הנגיד איז דער׳הרג׳עט געוואָרן, זיינען זיינע ביכער צעזייט און צעשפּרייט געוואָרן. אַ סך פון די ביכער זיינען אויפגעזאַמלט גע־וואָרן שפּעטער אין דער גרויסער ביבליאָטעק פון הנשיא ר׳ יצחק אבן אלבליא, אָבער באַלד איז אויך פון דער דאָזיקער ביבליאָטעק קיין זכר ניט געבליבן, פונקט ווי עס איז קיין זכר נישט געבליבן פון דעם באַרימטן ביכער־אוצר פון דער משפחה אבן יחייא אין שפּאַניע, פּאָרטו־גאַל און טערקיי; פון שלמה יוסף דלמדינא און קאַנדיא (געבוירן אין קאנדיא 1591, געשטאָרבן אין פּראַג 1655); פון יעקב ראָמענס אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל געשטאָרבן 1650 אין ירושלים); פון רבי מנשה בן ישראל; פון לאַמברוזינא אין מיילאַנד; פון מידיציא לאָורינטינא אין פלאָרענץ א. אנד.

צוליב די שטענדיקע רדיפות אויף אידן אין גאָר דער וועלט האָבן זייערע ביכער־אוצרות ניט געהאַט קיין קיום. אַ חוץ דעם ביטערן גורל, וואָס די אידישע ספרים האָבן געהאַט ווי אַ פּועל־יוצא פון אידן־פאַר־פאָלגונגען אין מיטלאַלטער, האָט מען נאָך די ספרים גופא געררודפ׳ט מיט אַזעלכע רדיפות, וואָס זייער גלייכן איז ניטאָ אין דער וועלט־

געשיכטע. פֿאַר די אידישע שונאים איז די פּעסטונג פֿון אידנטום געווען דער אידישער ספר, און ווען עס איז זיי, די שונאים ניט געלונגען צו פֿאַרניכטן דאָס אידנטום, האָבן זיי זיך געוואָרפֿן אויף דער פעסטונג, זיך נוקם צו זיין אָן איר און זי צו צעשמעטערן. באַזונדערס האָבן זיך אויף דעם געביט אויסגעצייכנט די פּויפּסטן.

אין 1230 האָט דער פּויפּסט גרעגאָר דער עלפֿטער אַרויסגעגעבן די גזירה צו פֿאַרברענען אַלע אידישע ספרים אַחוץ דעם תנ״ך. אין זיינע פֿוסטריט זיינען געגאַנגען לודוויק דער הייליקער אין פֿראַנקרייך אין יאָר 1240, דער פּויפּסט אינאָצענט דער פערטער (1244), הענרי דער פערטער (1286), וועלכער האָט באַפֿוילן דעם קאַרדינאַל פֿון קאַנ־טערבערי צו פֿאַרברענען אַלע אידישע ספרים אין ענגלאַנד, דער פּויפּסט יאָהאַן דער צוויי און צוואַנציקסטער (1320), בענעדיקט דער דרייצנטער (1415), יוליוס דער דריטער האָט אין יאָר 1553, אין יום־טוב סוכות, געהייסן פֿאַרברענען אידישע ביכער אין גאַנץ איטאַליע. גרויסע אוצרות פֿון טייערע אידישע ספרים זיינען אויפֿגעגאַנגען אין פֿלאַמען אויף די שייטערהויפֿנס. אין קרעמאָנאַ זיינען פֿאַרברענט געוואָרן צענטויזנטער בענד דורך דעם אינקוויזיציע־טריבונאַל אויפֿן באַפֿעל פֿון פּויפּסט פּאול דער פערטער. די דאָזיקע פֿאַרניכטונגס־אַרבעט האָבן פֿאָרגעזעצט: פּיאוס דער פינפֿטער (1566); קלעמענס דער אַכטער (1592־1594). דוד קלונימוס פֿון נעאַפּל, אַ געבוירענער אין שפּאַניע (1586) דערציילט, אַז אין שפּאַניע און פּאָרטוגאַל זיינען די מייסטן אידישע ביכער פֿאַר־ניכטעט געוואָרן. יוסף הכהן פֿון אַוויניאָן דערציילט, ווי די אידן אין סאַביאָן האָבן אין 1440 פֿאַרבאַהאַלטן זייערע ספרים אין ברינעמער, אין די צייטן פֿון גירוש ליסאַבאָן האָט מען מיט געוואַלט אַוועקגענומען אידישע ספרים און זיי אַוועקגעגעבן צו די דאָרטיקע ביבליאָטעקן.

אַזוי באַלד ווי די רדיפֿות אויף אידן און די גזירות קעגן זייערע ספרים זיינען שוואַכער געוואָרן, איז דער חשק צו זאַמלען ביכער ביי אונזערע פֿאָלקס־ברידער ווידער אויפֿגעוועקט געוואָרן.

פֿון אַכצנטן יאָרהונדערט האָט זיך אויסגעצייכנט די גרויסע ביי־כער־קאָלעקציע פֿון הגאון ר׳ דוד אָפּענהיים (געב. 1664 אין וואָרמס,

געווען רב אין בריסק און געשטאָרבן אין פּראָג 1736). נאָך זיין טויט איז זיין קאָלעקציע פאַרקויפט געוואָרן פאַר 9,000 טאָלער אין דער צייט, ווען דער ש״ס אויף פאַרמעט (אוניקום) האָט אַליין געהאַט אַ ווערט פון 10,000 רובל. עס האָט זיך דערביי ניט געפונען קיין איין רייכער איד אין דייטשלאַנד, וואָס זאָל אָפּקויפן די זאַמלונג. זי איז פאַרקויפט געוואָרן צו דער ביבליאָטעק אין אָקספאָרד. ענגלאַנד שטאָלצירט היינט דער־מיט און מ׳האָט עס אַ נאָמען געגעבן „אָפּענהיימערינא״. דער קאַטאַלאָג, וואָס ר׳ משה שטיינשניידער האָט געאַרבעט אויף אים 13 יאָר איז היינט אַ חשובער קוואַל פאַר אַלע פאָרשערס פון חכמת ישראל.

עס זיינען נאָך באַקאַנט ביכער־אוצרות: פון פּאָרטוגעזיש־האָלענ־דישן אידן, וואָס האָט געוואוינט אין לאָנדאָן, יהודה־יצחק דע קאָסטאַ, וואָס האָט די אוצרות אָוועקגעשענקט דעם בריטישן מוזיי, פון חיים־יוסף מיכאל (געשט. אין האַמבורג 1846), וואָס 860 מאַנוסקריפּטן פון זיינע 1,300 בענד זיינען פאַרקויפט געוואָרן צום בריטישן מוזיי; פון ל. ראָזענטאַל (געב. אין נאַשילסק, פוילן, 1794, געשטאָרבן אין האַנאָווער 1868), וואָס זיין זון האָט זיין ביכער־אוצר אָוועקגעגעבן אַ מתנה דער אַמסטערדאַמער אוניווערסיטעט; פון שלמה־חיים האַלבערשטאַם, וואָס זיינע מאַנוסקריפּטן זיינען פאַרקויפט געוואָרן צום בריטישן מוזיי און די געדרוקטע ביכער צו דער שטאָט־ביבליאָטעק אין ווין. אין רוסלאַנד איז געווען באַקאַנט די גרויסע ביכער־קאָלעקציע פון משה־לייב פריד־לאַנד פון דינאַבורג, וואָס איז באַשטאַנען פון די ביכער־זאַמלונגען פון אליעזר ל. ראַבינאָוויטש, מינסק, שמריהו צוקערמאַן, מאָהילעוו, דוד סלוצקי, וואַרשע; יוסף מייזל, וויזשאַן ביי ווילנע; מענדל לאַנדסבערג, קרעמעניץ; רש״י פין פון ווילנע (50 כתב־ידן) און מיכאל לעווי, בראַצ־לאַוו. די דאָזיקע קאָלעקציע איז אָוועקגעשענקט געוואָרן דעם אַזוי גערו־פענעם „אַזיאַטישן מוזיי״ ביי דער קייזערלעכער אַקאַדעמיע פון וויסנ־שאַפטן אין פעטערסבורג. אַ גרויסע ביכער זאַמלונג פון מער ווי 6,000 מאַנוסקריפּטן פון פערקאָוויטש איז אַריבער צו דער קייזערלעכער ביב־ליאָטעק אין פעטערבורג און איצט שטייט צום פאַרקויף די ווערטפולע ביבליאָטעק מיט אירע באַרימטע מאַנוסקריפּטן פון פאַרשטאָרבענעם באַ־

ראָן דוד גינצבורג, און ווער ווייס וועלכע ביבליאָטעק פון וועלכן פאָלק עס וועט איינשלינגען די ווערטפולע ביכער־זאַמלונג — אַ רעזולטאַט פון עטלעכע דורות זאַמל־אַרבעט [58]. צווישן די אידישע ביכער־זאַמלונגען וואָס זיינען אונז באַקאַנט ביי היינטיקן טאָג, געפינען זיך: פון אברהם מערצבאַכער אין מינכען; פון א. בערלינער אין בערלין,ביידע זיינען פאַרקויפט צו דער שטאָט־ביבליאָטעק אין פראַנקפורט. צו דערזעלבער ביבליאָטעק איז אויך אוועקגעשענקט געוואָרן די ווערטפולע ביכער־זאַמלונג פון ווילהעלם ראָטשילד נאָך זיין טויט. דער ווערטפולסטער טייל פון דער ביכער־זאַמלונג, וואָס האָט איבערגעלאָזן נאָך אים פּראָפעסאָר דוד קויפמאַן איז נאָך זיין טויט אַוועקגעשענקט געוואָרן דער בודאַפּעסטער אוניווערסיטעט. דעמזעלבן גורל דערוואַרט די ביבליאָטעק פון סאַדיגורער רבי, די ביכער־קאָלעקציעס פון דער ראָטשילד משפחה און אַנדערע יחידים אין פאַרשידענע לענדער.

ביז דער לעצטער צייט און נאָך היינט איז אין אַ סך ערטער ביי אידן אין רוסלאַנד, גאַליציע און אונגאַרן אַ שאַפע מיט אידישע אָדער העברעאישע ביכער געווען פאַררעכנט פאַר זייער אַ חשוב׳ע זאַך אין דער בעל־הביתישקייט און וואָס פאַרמעגלעכער דער מענטש איז געווען אַלץ גרעסער איז געווען זיין ביכער־זאַמלונג. ביכער גייען געוויינלעך אַריבער בירושה פון עלטערן צו קינדער אין משך פון עטלעכע דורות. עס זיינען דאָ אויך ביכער־זאַמלונגען אין שולן, ישיבות, בתי־מדרשים. עס האָט זיך דעריבער ניט אַזוי געפילט די נויטווענדיקייט אין עפנטלעכע ביבליאָטעקן.

58) די ביבליאָטעק געפינט זיך אין רומיאַנצעוו מוזעאום (סאָוועט רוסלאַנד). זי אַנטהאַלט 3,000 היסטאָרישע מאַנוסקריפּטן פון מיטלאַלטער אין העברעאיש און אַראַביש. מ׳האָט געשאַצט דעם ווערט פון דער גינצבורג־ביבליאָטעק אין מער ווי הונדערט טויזנט פונט.

אין יאָר 1922 האָט דער רומיאַנצעוו מוזעאום געפאָדערט 5,000 פונט, ווען מ׳האָט עס געוואָלט אָפּקויפן פאַר דער נאַציאָנאַל ביבליאָטעק אין ירושלים. אין 1924, ווען עס איז שוין געווען אַ מעגלעכקייט צו צאָלן די סומע, האָט דער מוזעאום שוין פאַרלאַנגט 15,000 פונט, וואָס איז ווידער ניט געווען מעגלעך צו באַצאָלן. (בן־ציון כץ — זכרונות פון מיין לעבן. אַרטיקל: „דער קאַמף פאַר באַראָן גינצבורגס ביבליאָטעק״, אין „טאָג־מאָרגן זשורנאַל״ פון 13טן נאָוועמבער 1955).

ביסלעכווייז ווערט אַלץ ווייניקער און ווייניקער ביכער אין אידישע הייזער, אין שולן. עס וועט נישט לאַנג מער דויערן, וועט אין די אידישע שטעט און שטעטלעך אין רוסלאַנד, גאַליציע און אונגאַרן זיך איבער־חזר׳ן דאָס וואָס איז געווען מיט 50 יאָר צוריק, ווען בוכהענדלער זיינען אַרומגעפאָרן איבער די אַלטע קהילות אין מעריב און מזרח און אויפגעקויפט ביכער, אַלטע ביכער, וואָס האָבן זיך געוואַלגערט אין די קעלערן און אויף די בוידעמס פאַר שפּאָט־ביליקע פּרייזן, פאַר אַ שבוש כמעט. צווישן די ביכער זיינען אָפט געווען טייערע כתב־ידן און יקר־המציאות׳ן, וואָס זיינען נאָכדעם פאַרקויפט געוואָרן צו די גרויסע ביבליאָטעקן צו גרויסע פּרייזן.

די אידן אין מעריב־אייראָפּע האָבן שוין אָנגעהויבן פילן דעם מאַנגל אין ביכער, וואָס זיי דאַרפן האָבן פאַר זייערע לערערס און פאָרשער און אייניקע קהילות האָבן שוין אָנגעהייבן צוליבדעם גרינדן עפנטלעכע ביבליאָטעקן.

די אַמסטערדאַמער קהילה האָט נאָך איצט אַן עפנטלעכע ביבליאָ־טעק, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן אין 1650, און אין מאַנטואַ איז די קהילה־ביבליאָטעק געגרינדעט געוואָרן אין 1767.

אין דער נייער צייט זיינען געגרינדעט געוואָרן קהילה־ביבליאָ־טעקן אין ווין, האַנאָווער, בערלין, פּאַריז, קראָקע, לעמבערג, ווילנע און וואַרשע אויך אין די לערער־סעמינאַרן אין ברעסלאַו און ווין. אין ניו יאָרק אַנטוויקלט זיך זייער שטאַרק די ביבליאָטעק ביי דעם לע־רער־סעמינאַר, וואָס פּראָפ. שעכטער שטייט אין זיין שפּיץ.

פון דעם איבערזיכט, וואָס מיר האָבן געמאַכט, זעען מיר, אַז אידישע ביכער־זאַמלונגען ווערן ביסלעכווייז איינגעשלונגען פון די פרעמדע גרויסע ביבליאָטעקן און די גאַנצע מי און אַרבעט, וואָס דורות האָבן געהאָרעוועט איז גאָר געווען לטובת די ניט־אידישע ביבליאָטעקן. מיר ווייסן אויך ניט, וואָס עס קאָן נאָך געשען מיט די קהילות און סעמינאַר־ביבליאָטעקן, וואָס זיינען געגרינדעט געוואָרן אין דער איצטיקער צייט. די אידישע געשיכטע לערנט אונז, אַז אידישע ישובים אין גלות וואַנ־דערן פון איין אָרט צום אַנדערן און פון איין לאַנד אין דאָס אַנדערע.

די וועלכע ווערן געדרודפ׳ט אין איין לאַנד צוליב פּאָליטישע און אַלגע־מיין־אַנטיסעמיטישע טעמים, וואַנדערן אין די לענדער, וואו די פאַר־פאָלגונגען זיינען נאָך ניט אויף דער טאָג־אָרדענונג. אידן פון די דער־פער גייען אַריבער אין די שטעטלעך, פון די שטעטלעך אין די שטעט און פון די שטעט אין אַנדערע לענדער. אַ סך פלעצער, וואו עס זיינען גע־ווען אָנגעזעענע אידישע ישובים זיינען אין משך פון די לעצטע יאָר־הונדערטער געוואָרן אויסגעליידיקט פון אידן. אַנדערע פלעצער ווידער, וואָס האָבן פריער קיין אידן גאָרניט געזען זיינען איצט געוואָרן נייע גרויסע אידישע צענטערן. עס איז גענוג אַ טראַכט צו טאָן וועגן פאַר־שידענע פלעצער אין שפּאַניע און פּאָרטוגאַל, וואו די אינקוויזיציע האָט די אידן אַרויסגעטריבן און אפילו אין פראַנקרייך און איטאַליע, וואו עס זיינען געווען חשוב׳ע ישיבות מיט אָנגעזעענע ביבליאָטעקן און זיינען איצט אידן־ריין. אַפילו די קליינע ישובים, וואָס זיינען דאָרט נאָך גע־בליבן זיינען היינט ווייט פון אידישקייט, פון אידיש וויסן און אידישער פאָרשונג. זיי באַנוגענען זיך מיט חומשים, סידורים און מחזורים. נאָך היינט, אין אונזער צייט, וואַנדערן אַוועק גאַנצע אידישע ישובים ווי, למשל, אין פויזנער קרייז, צוליב די עקאָנאָמישע אונטערדריקונגען מצד די פּאָליאַקן און אויך אין עטלעכע פלעצער אין דייטשלאַנד, וואו אידן פון דער פּראָווינץ גייען אַוועק אין די גרויסע שטעט. ווער ווייסט, אויב אין אַ פּאָר הונדערט יאָר שפּעטער וועלן אַ סך פלעצער, וואָס עס זיינען היינט דאָ גרויסע אידישע צענטערס, נישט האָבן דעם זעלבן גורל, און זייערע ביבליאָטעקן ביי די שולן, ישיבות, סעמינאַרן, קהילות וועלן ניט חרוב ווערן אָדער אין בעסטן פאַל איבערגיין אין די ניט־אידישע ביבליאָטעקן.

דעריבער האָב איך באַטראַכט באַלד, ווי ס׳האָט זיך אָנגעהויבן די אידישע רענעסאַנס־באַוועגונג, אַז עס איז נישטאָ קיין בעסערער פּלאַץ צו גרינדן אַ אידישע נאַציאָנאַלע ביבליאָטעק, ווי אין ירושלים, די שטאָט, וואו די אויגן פון אַלע בני־ישראל זיינען געווענדעט צו איר, זינט זי איז חרוב געוואָרן ביזן היינטיקן טאָג. די אידן זיינען נישט פאַר־בונדן מיט איר דורך עקאָנאָמישע בענדער, וואָס זיינען אָפּהענגיק

פון צייט און צופאַל נאָר מיט רעליגיעזע און נאַציאָנאַלע, גייסטיקע בענדער, וועלכע וועלן ניט איבערגעריסן ווערן אַזוי לאַנג ווי דאָס אידישע פאָלק וועט עקזיסטירן. דער דאָרטיקער ישוב קריגט זיין יניקה פון די רעליגיעזע און נאַציאָנאַלע געפילן פון גאַנצן אידישן פאָלק אין אַלע זייערע תפוצות, וועט די נאַציאָנאַלע ביבליאָטעק אויך פון זיי זיך שפייזן און זיך אַנטוויקלען.

אַלע ביכער, מאַנוסקריפּטן פון פּריוואַטע ירושות, פון חרוב גע־וואָרענע קהילות, פון שולן און ישיבות, אַלע קהילות־פּנקסים, שפּורן פון אידיש לעבן, אַנטיקן, כלי קודש, בילדער וועלן ווערן קאָנצענטרירט אין דער נאַציאָנאַלער ביבליאָטעק. רייכע און חשובע אידן וועלן אי־בערלאָזן ירושות און ביכער און געלט־מיטלען פאַר דעם צוועק. יעדער מחבר פון אַ בוך וועט עס האַלטן פאַר אַ הייליקן חוב צו שיקן דאָרט זיין ווערק. אויף אַזאַ אופן וועט זיך פאַרגרעסערן די צאָל פון די ביכער, פון מאַנוסקריפּטן, ביז וואַנען זי, די דאָזיקע נאַציאָנאַלע ביבליאָטעק וועט ווערן די גרעסטע פון אַלע אידישע ביבליאָטעקן און פון איר וועלן אונזערע געלערנטע, וויסנשאַפטלער, פאָרשער, שרייבערס שעפּן וויסן, לערנען די געשיכטע פון זייער אייגענעם פאָלק און פון אַנדערע פעלקער און שפּראַכן. די אידישע וויסנשאַפט וועט זיך צוריק אומקערן אַהין, פון וואַנען זי איז געקומען. די אידישע נאַציאָנאַלע ביבליאָטעק וועט פאַר־דינען דעם הויכן נאָמען, וואָס זי טראָגט און זי וועט זיין דער גייסטיקער סימבאָל פון אידישער ווידעראויפלעבונג אין איר אייגענעם לאַנד. צוזאַמען מיטן קיבוץ גלויות פון פאָלק וועט קומען דער קיבוץ גלויות פון זיינע שריפטן, פון זיין תורה, זיין וויסנשאַפט, זיין קולטור, וואָס איז אין משך פון טויזנטער יאָרן ביז איצט געשאַפן געוואָרן און אויף זייער פונדאַמענט וועט באַנייט ווערן אונזער פאָלקס גייסט, עס וועט באַקומען נייע שעפערישע כוחות און עס וועט מקוים ווערן „כי מציון תצא תורה ודבר ה׳ מירושלים״.

כדי צו רעאַליזירן דעם דאָזיקן געדאַנקען־גאַנג, האָב איך פון מיין זייט געטאָן אַלץ וואָס איז געווען אין מיינע מעגלעכקייטן. איך האָב איינגעקויפט אידישע ספרים מיט מיינע אייגענע מיטלען, צו דעם

צוועק האָבן איך זיך פאַרבונדן מיט מוכרי־ספרים פון נייע און אַלטע ביכער אין אינגלאַנד און אויסלאַנד און כ׳האָב אַ סך דערגרייכט. איך אַליין האָב איינגעקויפט ביי 16,000 אידישע ביכער אַ חוץ די וואָס איך האָב געזאַמלט פון אַנדערע. ס׳געפינען זיך צווישן זיי אַ סך זעלטנהייטן, אוני־קומס, אינקונאבלען. מיין הגדות־קאָלעקציע (איבער 700) איז די גרעסטע פון אַלע הגדות קאָלעקציעס אין אַלע ביבליאָטעקן. איך האָב גע־פרואווט צו זאַמלען אויך בילדער, כלי קודש, מטבעות און אַנדערע שפּורן פון אונזער פאַרגאַנגענהייט; איך האָב פון צייט צו צייט זיך גע־ווענדעט צו דער אידישער עפנטלעכקייט מיט אויפרופן, מ׳זאָל מיר העלפן אין מיין שווערער אויפגאַבע. עס איז שוין אַ האַלבער יובל זינט איך האָב אָנגעהויבן די דאָזיקע אַרבעט. אָפּגערופן האָבן זיך אַ פּאָר יחידים, ווי דער פאַרשטאָרבענער פּראָפעסאָר הערמאַן שאַפּיראָ פון היידעלבערג, וועלכער האָט איבערגעלאָזן אַ ירושה פון 2,000 בענד און דער פאַרשטאָרבענער דר. פלעסקאָוו פון סימפעראָפּאָל, 3,090 ביכער אין פאַרשידענע שפּראַכן. מיר האָבן באַקומען נאָך עטלעכע קלענערע ביכער־ירושות. ווען די מיטגלידער פון דער ביבליאָטעק־פאַרוואַלטונג אין ירושלים זיינען צוגעטראָטן צו בויען אַ הויז פאַר דער ביבליאָטעק, האָבן זיך אָפּגערופן אונזערע פאָלקס־ברידער מייסטנס פון מיטעלן קלאַס מיט קלענערע נדבות (די רשימה איז געווען בשעתו פאַרעפנטלעכט אין „המליץ״).

ביי היינטיקן טאָג געפינען זיך אין דער ביבליאָטעק 20,667 ביכער אין העברעאיש, 9,106 — אין אַנדערע שפּראַכן (אידיש, רוסיש, דייטש, ענגליש, פראַנצויזיש, אַראַביש, לאַטייך, איטאַליעניש) און 2,368 דובּ־לעטן. אויסערדעם ליגן נאָך ביי מיר אין הויז, וואָס איך האָב איינ־געקויפט פאַר מיין געלט אין משך פון די לעצטע יאָרן ביי 4,000 ביכער. צוזאַמען 36,141 ביכער. עס איז שוין דאָ אַ בנין, פון וועלכן עס איז ביז איצט פאַרענדיקט איין פליגל און האָט אָפּגעקאָסט ביז איצט 43,000 פראַנק.

דאָס איז בקצור, וואָס איך און מיינע חברים אין ירושלים האָבן דערגרייכט פאַר דער נאַציאָנאַלער ביבליאָטעק אין ירושלים. די

אַרבעט איז נאָך אין איר אָנפאַנג־סטאַדיע. דער בנין איז נאָך נישט פאַרענדיקט און מיר האָבן נאָך זייער ווייניק ביכער באַזונדערס אין יודאַאיקאַ (אידישע וויסנשאַפט אין פרעמדע שפּראַכן), אָבער מיר זיינען שוין מיד, און דאָס פאָלק שטייט פון דערווייטן. אויך די ציוניסטן און די חובבי־ציון העלפן אונז ווייניק. דער איינציקער איז געווען טעאָדאָר הערצל, וועמען די אידייע פון דער נאַציאָנאַלער ביבליאָטעק איז געווען נאָענט צום האַרצן. ער האָט מיר שטענדיק צוגעגעבן מוט און צוגעזאָגט צו געפינען די נייטיקע מיטלען. ער האָט יעדעס מאָל אויף די קאָנגרעסן אויפמערקזאַם געמאַכט זיינע חברים אויף דער וויכטיקייט פון אונזער אַרבעט, אָבער נאָך זיין טויט האָבן די ציוניסטן זיך אויפגעהערט צו באַשעפטיקן דערמיט. דער אָדעסער קאָמיטעט פון די „חובבי־ציון" גיט אין פאַרהעלטניס אויס אַסך געלט פאַר אַנדערע קולטור־אינסטיטוציעס אין ישראל, נאָר אונזער אינסטיטוציע איז זיי פרעמד. זיי אונטערשטיצן עס ניט מיט קיין איין פּרוטה. אויף זייער לעצטער אסיפה האָבן זיי אַפילו קיין וואָרט ניט דערמאָנט וועגן דער נאַציאָנאַלער ביבליאָטעק אין ירושלים.

אונזער ביבליאָטעק איז פון אָנהויב אָן ביז איצט אונטערשטיצט געוואָרן מער פון אידישע אינסטיטוציעס און אָרגאַניזאַציעס אין מעריב־איירָאָפּע, וואָס טראָגן ניט די נעמען „נאַציאָנאַלע", „ציוניסטישע" און „חובבי־ציוניסטישע", ווי פון די וואָס טראָגן די דאָזיקע נעמען, צום ביישפּיל: „מזכרת משה" אין לאָנדאָן האָט אונז געהאָלפן פאַרענדיקן דעם בנין. די „בני ברית" גיט אַ יערלעכע סובסידיע פאַר דער ביבליאָטעק און אין די לעצטע יאָרן אויך דער „הילפס־פאַראיין" אין בערלין.

לעצטנס, זייט דעם די ציוניסטן, חובבי־ציון און סתם־אידן אין גאָר דער וועלט אַחוץ די אויבנדערמאָנטע, האָבן זיך אויפגעהערט צו אינטערעסירן מיט דער נאַציאָנאַל־ביבליאָטעק, גייט עס באַרג אַראָפּ.

די לעצטע ביכער, וואָס איך האָב געשיקט מיט אַ פּאָר יאָר צוריק קיין ירושלים, ליגן נאָך דאָרט פאַרפּאַקט אין קאַסטנס, ווייל עס איז ניטאָ קיין פּלאַץ פאַר זיי, אַזוי לאַנג ווי דער בנין איז ניט פאַרטיק. זיי

האָבן אויך קיין געלט ניט צו קויפן קיין שאַפעס און פאָליצעס. לויט די לעצטע ידיעות, וואָס איך באַקום פון אונזער פאַרוואַלטונג אין ירושלים זעט אויס, אַז אונזער ביבליאָטעק זאָל זיך פאַרמאַכן, ווייל עס איז ניטאָ מיט וואָס צו דעקן די הוצאות, וואָס זיינען נייטיק איר אויסצוהאַלטן און פאַרוואַלטן. די גאַנצע מי און די מי פון מיינע חברים ביז איצט איז געווען אַרויסגעוואָרפן. עס ווייזט אויס אַז עס איז געווען אַ טעות פון אונזער זייט, ווען מיר האָבן באַשלאָסן צו גרינדן אַזאַ אינסטיטוציע, רעכענענדיק אויף די נאַציאָנאַלע געפילן פון אונזערע פאָלקברידער.

עס ווילט זיך אָבער ניט גלויבן אַז אונזערע ברידער זיינען אַזוי מאָראַליש געזונקען, אַז זיי זאָלן דערלאָזן די טייערע אינסטיטוציע, די אידישע נאַצאָנאַל־ביבליאָטעק, זאָל אונטערגיין. גיכער זיינען מיר מסתמא די שולדיקע, וואָס מיר האָבן צו ווייניק געוועקט און געמונ־טערט און אויפגעקלערט דאָס פאָלק וועגן דער וויכטיקייט און דער נאַציאָנאַלער נויטווענדיקייט פון דער אינסטיטוציע. צוליב די אַלאַר־מירנדע געשרייען פון אַנדערע קולטורעלע אינסטיטוציעס, וואָס זיינען לעצטנס געשאַפן געוואָרן אין ארץ ישראל, און צוליב די אַלגעמיינע אידישע צרות אין דער וועלט זיינען זיכער זייערע אויערן פאַרטויבט געוואָרן און ניט דערהערט אונזערע שוואַכע און באַשיידענע ווענדונגען.

איך אַפּעליר צו אונזערע פאָלקס־ברידער צום לעצטן מאָל, נאָכ דעם, ווי איך בין סוף כל סוף געצוואונגען זיך אָפּצוזאָגן פון מיין ליבלינגס־אַרבעט און זיך צעשיידן פון מיין ליב קינד, וואָס איז געווען דאָס איינציק טייערע אין מיין לעבן:

שטרעקט אויס אייער האַנט, באַטייליקט זיך אין דער וויכטיקער אַרבעט, ווערט אַ שותף אין אויפבוי פון דער אידישער נאַציאָנאַל ביבליאָטעק!

זאָלן מיר ניט ווערן צו שאַנד און שפּאָט אין די אויגן פון די אַנדערע פעלקער. זאָל מען ניט זאָגן אויף אונז, אַז יעדער נאַציאָנאַל־געפיל איז ביי אונז אויסגעלאָשן, וואָס מיר קאָנען ניט אויפבויען אונ־זער איין און איינציק ביכער־הויז און אַז גאָט׳ס קללה ליגט אויף

אונז, וואָס מיר דאַרפן בלייבן די איינציקע צווישן פרעמדע פעלקער און דאָרט ביי זיי זוכן די קוואַלן פון אונזער גייסטיקער ירושה, אַרומ־זיצן ביי זייערע פרעמדע טישן פון זייערע ביבליאָטעקן

אונטערשטיצט אונזער אייגענע ביבליאָטעק מיט ביכער, מאַנו־סקריפּטן און געלט־מיטלען. דערלאָזט ניט, אַז דאָס וואָס מיר האָבן ביז איצט אויפגעבויט זאָל חרוב ווערן. אונזערע שונאים פון אינעווייניק און אויסנווייניק זאָלן ניט קאָנען זאָגן: זעט, ווי שלעכט עס האַלט מיט אייך, אַז איר זייט אַפילו ניט בכח אויפצושטעלן דעם גייסטיקן צייכן פון אייער נאַציאָנאַלער אויפלעבונג אין אייער לאַנד!

באַווייזט נאָך איין מאָל, אַז מיר זיינען אַ פאָלק מיט פעלקער גלייך און אַז דאָס אידישע פאָלק לעבט!

ביאליסטאק אור לו׳ כסלו התרפ"ט

למנהלנו הנעלה והנעים מאד הרה"ח מ.מ. אוסישקין הי"ו שלום וברכה!

מאד שמחנו! אם מסרבת הנעים נפשנו בתעודה ובקשה נא

למשוך כבודו לפנות לכל הנדיבים בארצות חוץ

הידועים לו הלב ולעזור כי יפנו לכל אגודותיהם

למכבדים חובבים להרבות נתינתן יכי ומההרגל לשלח

תרומותיהם בכלל עם לקנות ספרים לנו.

ויעזרו הבונים אשר לא נבנה את הבית אלף

פראנק שנית הנוסף והנה את הבית הרבה יותר

נוי את נאוה להשתמש כי ומשאו לנו בהם

הילדים והמחלקה. כן ואני רואה לפנות

להנדיבים ולמען כי יבואו ואגודותיהם כי ובאמת

עוד מחר ומחר ממני אחד אחד ואשכיל לתת הרבה

בעזרת ספרים וכולם עם לאשר [illegible] ובגלל

בכבודנו. והנה נשאר שלום ונשמרנו עוד שלוש

בשמחה כבוד [illegible]

בשם הועד

[illegible] [illegible]



An die Bitte um gütige Zusendung des bewilligten Jahresbeitrages
knüpfen wir deshalb auch diejenige um Ihren verheißenen Auf-
ruf zur Betheiligung an den Baukosten. Der Bau ist begonnen, unterbro-
chen und vor zwei Monaten wieder aufgenommen worden. Die
Mittel, welche uns zur Verfügung stehen, werden kaum hin-
reichen, den Rohbau eines Flügels, des dritten Theiles des geplanten
Gebäudes, zu vollenden. Um aber den ganzen Plan, wie wir ihn
Ihnen mit gleicher Post zugehen lassen, zu Ende führen zu können, be-
darf es der regen Betheiligung eines ausgedehnten Kreises und diese
hoffen wir durch einen Appell von Ihnen gefördert zu sehen.

Ihren geehrt. Nachrichten entgegensehend, zeichnet

Mit vorzüglicher Hochachtung und Zionsgruß

Das Comité der jüdischen Central-Bibliothek

Ephraim Cohn
M. Pines
M. Adelmann
A. Werner
Joseph Meyohas
E. Hönig

P.S. Ihre Geldsendung wollen Sie, falls Sie es vorziehen, dieselbe
direkt hierher zu schicken, per Postanweisung oder besser per Cheque auf
den Namen des Herrn Schuldirector Ephraim Cohn ausstellen.
D. O.

הוספה ד'

בית הספרים הכללי
לבני ישראל בירושלם
מדרש אברבנאל וגנזי יוסף
—
JÜDISCHE CENTRAL BIBLIOTHEK
IN JERUSALEM

Jerusalem, den 14. Januar 1901.

Hochwohlgeboren
Herrn Dr. Theodor Herzl,
Präsident des zionistischen Actions-Comités, Wien.

191

Geehrter Herr Dr.!

Mit einem Gefühl aufrichtiger Genugthuung und Befriedigung haben wir s.Z. von dem Beschluß des Zionisten-Congresses Kenntnis genommen, die jüd. Central-Bibliothek in Jerusalem mit einer Jahres-Subvention zunächst von 1000 frcs. zu bedenken.
Wir hatten s.Z. an die Teilnehmer des Congresses ein Circular gesandt, in welchem wir um Beiträge zu dem Baufonds der Bibliothek ergebenst baten. Dieser Aufruf hatte leider den erhofften Erfolg nicht. Doch wie wir in jenem Circular ~~mit~~ des Verses aus der jüd. National-Hymne uns bedienten, „Noch ist unsere Hoffnung nicht verloren“; so hegen wir auch heute die Zuversicht, daß alle Freunde der Zionsidee ihre Mitwirkung nicht versagen werden, da wo es sich darum handelt, dem jüdischen Volke zunächst ein intellektuelles Centrum im Lande unserer Väter zu begründen.
Verdankt doch die Central-Bibliothek ihr Entstehen der Hingebung des Dr. Chazanowicz, eines edlen Kämpfers für die Zionsidee und hat doch der Zionisten-Congress durch die Bewilligung der jährlichen Subvention der Bibliothek seine Sympathien in wirksamer Weise kundgegeben.

ביבליאָגראַפיע

פנקס ביאַליסטאָק פון א. ש. הערשבערג, אַרויסגעגעבן פון דער ביאַליסטאָקער היסטאָרישער געזעלשאַפט, ניו יאָרק, 1949—1950, באַנד 1־2.

ביאַליסטאָקער שטימע, ניו יאָרק, אָקטאָבער 1922 ; מערץ 1926 ; סעפּטעמבער 1939 ; מאַי 1940 ; יאַנואַר 1943 ; אַפּריל 1943 ; מערץ־אַפּריל 1949 ; סעפּטעמבער־אָקטאָבער 1949 ; יאַנואַר־פעברואַר 1950.

ביאַליסטאָקער לעבן, ניו יאָרק, נאָוועמבער 1939 ; אַפּריל 1949.

ביאַליסטאָקער אַלמאַנאַך, ביאַליסטאָק, 1931.

ביאַליסטאָקער יאָרבוך, ביאַליסטאָק, 1932.

ביאַליסטאָקער יובל־בוך, ביאַליסטאָק, 1939.

דאָס נייע לעבן, ביאַליסטאָק, נומ. 299, 301, יאָר 1922.

דבר אל העם העברי, אַרויסגעגעבן פון די „חובבי שפת עבר" אין ביאַליסטאָק, ־ערשינען 1913 אין וואַרשע.

יהושע־העשל קלעמענטינאָווסקי — „פון ביאַליסטאָק ביז באַזעל", זכרונות פון דער חיבת ציון באַוועגונג אַרויסגעגעבן פון קאָמיטעט צום פייערן דעם 50־יאָריקן יובל פון חובבי ציון, ביאַליסטאָק 1931.

הצפירה, וואַרשע, 1903 נומ. 113, 230 ; 1904, נומ. 87.

דר. שמריהו לעווין — „מזכרונות חיי", ספר שלישי, תל־אביב תרצ״ט.

אברהם יערי — „בית הספרים הלאומי והאוניברסיטאי בירושלים", תל־אביב, תש״ב.

פּראָפ. הוגאָ בערגמאַן — „תולדות בית הספרים הלאומי", תל־אביב, 1929.

א. ליטווין — „יידישע נשמות", פאַרלאַג פאָלקסבילדונג, ניו יאָרק, 1917, באַנד 2, ליטע, היימישע געשטאַלטן.

א. דרויאַנאָוו — „כתבים לתולדות חיבת ציון", באַנד 1, 2, 7.

ביאַליסטאָקער לעקסיקאָן, ביאַליסטאָק, 1939.

שמעון רבידוביץ — „ספר שמעון דובנוב", לאָנדאָן — וואַלדאַם, 1954.

ספר הקונגרס, ירושלים, תש״י, ז. 389.

ירוחם לעווין — „אידישע שטימע", קאָוונע 23 נאָוועמבער 1920.

מ. נ. סירקין — „ספר השנה", שנה שניה, תרס״א, וואַרשע, זז. 293—294.

דר. י. ל. ברוך — „ניקרולוגים מאוחרים — הד ליטאַ, קאָוונע, תרפ״ה, נומ. 22.

נח פרילוצקי — כתבים, — „באדג ארויף", באַנד 1, נייער פאַרלאַג, וואַרשע, 1917

א. ש. הערשבערג — „טפוסים מעסקני חובבי ציון הראשונים" — המאסף, 1902; „בארץ המזרח", ווילנע 1910.
דוד קלעמענטינאָווסקי — „חובבי ציון און פּאָליטישער ציוניזם ביי יידן אין ביאַליסטאָק"; „נאַציאָנאַלע און פּאָליטישע באַוועגונגען ביי יידן אין ביאַליסטאָק", אַרויסגעגעבן פון דער ביאַליסטאָקער היסטאָרישער געזעלשאַפט, ניו יאָרק, 1951.
ידיעות הלשכה הגדולה לא"י, 1929.
ב. טשערנאָוויטץ — „בני משה ותקופתם".
ענציקלאָפּעדיא יודאַאיקא, באַנד 5.
יעווריייסקאַיאַ ענציקלאָפּעדיאַ, באַנד 15.
טהי יוניווערסל דזשואיש ענסייקלאָפּעדיע.
יודישעס לעקסיקאָן.
ס. וויניגער — „גראָססע יודישע נאַציאָנאַל־ביאָגראַפּיע".
ש. ל. ציטרון — „תולדות חבת ציון, חלק ראשון, אודיסה, תרע"ד.
פסח קאַפּלאַן — „אידישע נאַציאָנאַל־ביבליאָטעק", אויסגאַבע ציוניסטישע קאָפּיקע ביבליאָטעק, אָדעס.
יצחק ניסנבוים — עלי חלדי, וואַרשע תרפ"ט.
א. יערי — גליונות, כרך י"ג, חוברת ו, תש"ב.
סטענאָגראַפישער פּראָטאָקאָל פון צענטן ציוניסטישן קאָנגרעס.
ציוניסטישער לעקסיקאָן, ערשטער באַנד.
דאָס אידישע פאָלק, אָרגאַן פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין אַמעריקע 1939—1940.
דרוזדוב נחמן — „אחד העם", פאַרלאַג גלאָבוס, שיקאַגאָ, 1940.
דובנאָוו „געשיכטע פון די יידן אין רוסלאַנד און פוילן", באַנד 2.
אנציקלופדיה לחלוצי הישוב ובוניו, דוד תדהר, תל־אביב.
אנציקלופדיה כללית, כרך שלישי, הוצאת מסדה, תל־אביב.
מ. ז. רייזין — „אגרות סופרים עברים", הוצאת ישראל מ"ץ, ברוקלין, ניו־יאָרק, 1947.
אריה צנציפר (רפאלי) — „פעמי הגאולה, ספר הציונות הרוסית מראשית חיבת ציון עד מהפכת 1917". הוצאת ספרים נ. טברסקי, תל־אביב, תשי"ב.
ס. ראַפּאָפּאָרט — „וואָספּאָמינאניא אָ באַזעליע" — וואָסכאָד, 1899, ס. פּעטערבורג, מארט. זז. 94—95.
יעווריייסקאיא זשיזן, 1917.
העם, 1917.
בן־ציון כץ — זכרונות פון מיין לעבן. אַרטיקל: „קאַמף פאַר דער באַראָן גינצבורג ביבליאָטעק", אין „טאָג־מאָרגן זשורנאַל" פון 13טן נאָוועמבער 1955.
יצחק גרינבוים — „התנועה הציונית", ירושלים, תש"ב.

צונצעטל פון פערזאָנען

א

אויערבאַך, מאיר־אברהם, 46
אוסישקין, מנחם, 59, 61, 106, 118
אחד העם, 50, 63, 86, 87
אַטלאַס, אליעזר, 37
אייזנשטאַט, פּ., 100
אינאָצענט, דער פערטער, 121
אלבליא, אבן־יצחק, 120
אלישר, יעקב־שאול, 56
אַלעקסאַנדער, דער צווייטער, 96
אַנדרעיעוו, 93
אָפּענהיים, דוד, 121
אפאנאסיעוו, 55
אשכנזי, אברהם (הרופא), 53

ב

באדאנעס, ליפּא, 39
באַכראַך, יעקב, 43
באַלאָשער, 110
באַמאַש, אַדוואָקאַט, 98
בוראָוו, פּראָפעסאָר, 16
בן־טובים, אייזיק (בנדט), 43
בן־יהודה, אליעזר, 47, 57
בעזים, משה־בערל, 88
בענעדיקט, דער דרייצנטער, 121
בענעווענישטע, 46
בערגמאַן, הוגאָ, פּראָפּ., 46, 64, 69
בערלינער, א., 123
בערקמאַן, יוסף, 109
ברודניקאָוו, 95
ברוך, דר. י. ל., 107
ברוך־קע, דער טויבער, 109
ברומער, מאיר, 84, 85
ברוק, משה, 106
ברייני, ראובן, 69
ברייניסקי, צבי־יהודה, 39

ג

גאָלד, יודל, 93, 95
גאָלדבערג, י. ל., 59
גאָלדשטיין, יחיאל־אפרים, 39
גאָלדשטיין, ניאָניע, 39
גאָרדאָן, דוד, 38
גינצבורג, דוד, באַראָן, 123
גראַנאָווסקי, דר., 27, 92, 96
גרינבערג, אברהם, 43
גרעגאָר, דער עלפטער, 121

ד

דאָבעלע, 24
דאַווידזאָן, מנחם־מענדל, 87, 99
דאָליצקי, מנחם־מענדל, 38
דאָנדזשי, 95
דובנאָוו, שמעון, 49, 50
דימאָוו, אָסיפּ (יוסף פערלמאַן), 26
דע קאָסטאַ, יהודה־יצחק, 122
דרוזדוב, נחמן, 86

ה

האַלבערשטאַם, שלמה־חיים, 122
האָראָדישטש, אייזיק, 35, 73
האָראָדישטש, חיה־רחל (ראָזענטאַל), 75
האָראָדישטש, לעאָן, 73
הורוויטש, ש. (א. ליטווין), 99
הורוויץ, שמחה־בונים הלוי, 39
הירש, חסיד, 12, 13, 15
הכהן, יוסף, 121
הכהן, מיכל, 46
הכהן מרדכי בן הלל, 59, 87
הענרי, דער פערטער, 121
העס, משה, 38
הערץ, חיים, 41

הערצל, טעאָדאָר, דר., 58, 72, 73, 75—80, 82, 102
הערצען, 67
הערשבערג, א. ש., 37, 55, 60, 61, 86, 87, 110

ו

וואָלף יעקב, 39
וואָלפסאָן, דוד, 69
וואָלקאָוויסקי, יחיאל־בער, 25
וואַרבורג, פּראָפעסאָר, 64, 65
וויטענבערג, פּסח, 39
ווינרייך, זלמן, 98
וויצמאַן, דר., 64, 78
ווילבושעוויטש, גדליהו, 19
ווילבושעוויטש, זאב־וואָלף, 19
ווילבושעוויטש, יעווגעני, 19, 27
ווילבושעוויטש, מאַניע (שוחט), 19
ווילבושעוויטש, נחום, 19
ווילבושעוויטש, פּאַולינע, 21
ווילבושעוויטש, פראניע (פרידע), 19
ווילנער גאון, 12, 13

ז

זאַבלודאָווסקי, איטשע, 25, 61
זאַנגוויל, דר., 77
זלאטאָפּאָלסקי, הלל, 64, 65

ח

חאַזאַנאָוויטש, אהרן, 11
חאַזאַנאָוויטש, מלכה, 11
חאַזאַנאָוויטש, צבי־הירש, 11
חיים בלומעס, 92, 93

ט

טרילינג, דר., 31
טשלענאָוו, דר., 118
טשערנאָוויץ, ב., 87

י

יאָהאַן, דער צווייַ און צוואַנציקסטער, 121
יאַנאָווסקי, וואַסילי סטעפּאַנאָוויטש, 64
יהודה הלוי, 87
יוליוס, דער דריטער, 121
יוסף הנגיד, 120
יחייא, אבן, 120
יעלין, דוד, 47, 48, 64
יעלין, יהודה־יוסף, 39
יעלין, מאיר, 87
יפה, יצחק, 39
יערי, אברהם, 46, 64, 69, 70
יצחק־אלחנן, 51

כ

כהן, אַלבערט, 46
כהן, אפרים, 47, 48, 57
כאַראָשטשאַנסקי, יוסף, 106, 109
כץ, בן־ציון, 123

ל

לאָורינטינא, מידיציא, 120
לאמברוזינא, 120
לאַנדסבערג, מענדל, 122
לודוויק, דער הייליקער, 121
לונץ, אברהם־משה, 46
ליבערמאַן, צבי־הירש, 39
ליטווין, א. (ש. הורוויץ), 99
לייבאָוויץ, אברהם, 39
ליידן, פּראָפעסאָר, 16
לייזער, ליבע־חיה׳ס, 92
ליליענבלום, משה־לייב, 43
ליפשיץ, בן־ציון, 39
ליפשיץ, ברוך, 20
לעווי, מיכאל, 122
לעווין, דן, 39
לעווין, ירוחם, 110
לעווין, שלמה, 39
לעווין, שמריהו, דר., 21, 86
לעווע, היינריך, דר., 64

מ

מאָהילעווער, יוסף, דר., 23, 72
מאָהילעווער, שמואל, 21—23, 41—43, 72, 75, 88, 100
מאַכנאָ, 108
מאַלטשעווסקי, פּראָפעסאָר, 17
מאַנדעלשטאַם, פּראָפעסאָר, 76
מאַנטעפיאָרע, משה, 46, 51, 86
מאַרמאָרעק, 64
מאַרקוס, מאיר, 23, 39, 95, 96
מייזעל, אליהו־חיים, 97
מייזעל, יוסף, 122
מיכאל, חיים־יוסף, 122
מירקין, שלום, 39
מנשה בן ישראל, 120
מעלניק, יוסף, 55, 73
מעלניק, נח, 55
מערצבאכער, אברהם, 123
מרגליות, חיים, 39

נ

נאָרדאו, מאַקס, דר., 72, 77
ניעמצאָוו, לאַזאַר, 88
ניקאָלאַי, דער ערשטער, 11

ס

סאַדיגורער רבי, 123
סאַלאַנט, ישראל, 46
סאַפּירשטיין, יעקב־אַלטער, 38, 39
סוכאָוואָלסקי, דוד, 61, 87
סטאַניסלאַווסקי, סעמיאָן, 108
סירקין, מ. נ., 52, 64, 65
סלוצקי, דוד, 122
סמאָלענסקין, פּרץ, 38, 39
ספּיוואַק, ברוך, 106

פּ

פּאול, דער פערטער, 121
פּאָט, יעקב, 30, 55, 98
פּאַפּעריק, לעאָן, 61
פּיאוס, דער פינפטער, 121
פּינסקער, לעאָ, דר., 38, 43
פּינעס, דר., 98
פּינעס, יחיאל־מיכל, 47, 48, 89, 96
פּיקוס, קלמן, 39
פּעטליורא, 108
פּלעסקאָוו, דר., 127
פּערליס און גינצבורג, 55
פּערלמאַן, זעליג, פּראָפעסאָר, 10, 73
פּערלמאַן, יוסף (אָסיפּ דימאָוו), 26
פּערקאָוויטש, 122
פּרילוצקי, נח, 66—68
פּרעס, חיים, 46

פֿ

פֿאָרשטעטער, דר. 31
פֿורמאַן, ש., 39
פֿייגין, אליעזר־יצחק, 55, 100
פֿיינבערג (אירקוטסק), 118
פֿין, דר., 31
פֿין, שמואל־יוסף, 19, 43, 122
פֿרומקין, ישראל־דוב, 46
פֿרידלאַנד, משה־לייב, 122
פֿריידענבערג, ברוך, 39, 42, 68

צ

צאוזמער, זיגפריד, 61
צוקערמאַן, ברידער, 53
צוקערמאַן, שמריהו, 122
ציטרין, ש. ל., 43, 86
צעדערבוים, אַלעקסאַנדער, 43

ק

קאַטאָוויטש, דר., 31
קאַטינקע, ברוך, 19
קאַנעל, צבי, 68
קאַפּלאַן, פּסח, 111
קויפמאַן, דוד, 123
קלונימוס, דוד, 121
קלעמענטינאָווסקי, יהושע־העשל, 39, 55, 86, 88

קלעמענטי, דער אַכטער, 121
קלעצקין, דר., 42
קניאזעוו, א., 25
קרינסקי, יוסף־בנימין, 39
קרינסקי, משה, 85
קרעטשמער, מנחם־מענדל, 39
קרעמיע, אַדאָלף, 51

ר

ראַבינאָוויטש, אליעזר, 122
ראַבינאָוויטש, שמואל־לייב, 32, 55
ראבינערסאָן, 64, 65
ראָזענטאַל, ל., 122
ראָזענטאַל, ליטמאַן, 35, 55, 61, 64, 73
ראָטשילד, באַראָן, 51
ראָטשילד, ווילהעלם, 123
ראָטשילד, משפחה, 123
ראָמענס, יעקב, 120
ראַפּאָפּאָרט, י., 103
ראַפּאָפּאָרט, ש., 81
רבידוביץ, שמעון, 50
רובינשטיין, דר., 89
רודקאָווסקי, שבתי, 39
רופין, ארטור, דר., 63, 64
רייגראָדסקי, דר., 98
רייזין, מרדכי־זאב, דר., 53

ש

שאַפּיראָ, אליהו, 99
שאַפּיראָ, הערמאַן, פּראָפ., 127
שאַפּיראָ, קאָנסטאַנטין אַלעקסאַנדראָ־וויטש (אשר בן אליהו) 99—101
שבדרון, דר. (שרון), 70
שוחט מאַניע (ווילבושעוויטש), 19
שטומער, ישראל־חיים, 39
שטורמאַן, שמואל, 87
שטיינשניידער, משה, 122
שילער, שלמה (בלאַנקשטיין), דר., 73
שלמה־יוסף, 120
שמואל הנגיד, 120
שנירער, דר., 72
שעכטער, פּראָפעסאָר, 64, 124
שערמאַן, אליעזר, 87
שפּיראָ, אהרן־יהושע, 39

ת

תדהר, דוד, 19